ב"ה

# אין ליכט פון תורה

ספר

# חסידים

מרבינו יהודה החסיד זצ"ל
אידיש

**647**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשנ"ט לפ"ק

# ספר חסידים

## מרבינו יהודה החסיד זצ"ל

מִיר הָאבִּין דִיזֶען הֵיילִיגֶען סֵפֶר מַעְתִּיק גְוֶועזִין אוֹף יוּדִישׁ דַייטְשׁ מִיט נְקוּדוֹת. בִּכְדֵי עֶס זָאלִין אִים פַאר שְׁטֵיין אוֹךְ וֶוער קֵיין לָשׁוֹן הַקוֹדֶשׁ פַאר שְׁטֵייט. אוּן אִין דֶעם סֵפֶר אִיז פִיל דִבְרֵי מוּסָר. יִרְאַת שָׁמַיִם. דִינִים. אוּן הַנְהָגוֹת טוֹבוֹת. וואוֹל דֶעם וֶוער דִיזֶע הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער אִין זִינֶען נֶעמְט.

(א) מען זאל ניט בגראבין איין מת נעבן דעם אנדרן מת וואס זיי האבן זיך ביא זייער לעבן פיינט גיהאט דען זיא האבן אויף יענר וועלט ביא אנאנדר קיין מנוחה: (ב) מען זאל ניט גראבין איין קבר אונ מען זאל עס לאזן אפין איבר נאכט דען עס איז איין סכנה: (ג) אונ מען זאל ניט בגראבן איין ארון מיט איין מת אויף דעם אנדרן: (ד) מען זאל ניט קושין אדר האלזן זיין קינד ווען עס איז גשטארבין: (ה) אז מען טראגט דם מת אום דר שטוב ארום זאל קיין מענטש פריר ניט אום גיין: (ו) באלד וויא מען איז מטהר דאס מת זאל מען אים תיכף אויף דר ערד אנידר לייגן מען זאל אים ניט לאזין ליגן אויף דעם אורט וויא מען איז מטהר: (ז) אין דר שטאט וויא עס איז איין בית וחיים טאר מען ניט ארוס פירין פון דארט איין מת אין איין אנדרר שטאט אריין: (ח) קיין מענטש זאל ניט גיין צוויי מאל אין איין טאג אויף איין קבר: (ט) מען זאל ניט צו פיל וויינן אויף איין מת עס זאל חלילה ניט נאך איינר שטארבן: (י) דר מענטש זאל ניט מאכן אין באד אין זיין הויז: (יא) מען זאל ניט מאכן זיין הויז העכר ווי די שול: (יב) מען זאל ניט פר מאכן איין פענצטר אדר איין טיר סידן ער לאזט איבר איין קליין לאך דרינן ווארום עס איז איין סכנה: (יג) מען זאל ניט איבר בואן איין הויז וויא איין בית המדרש איז גוועז דען דס אורט איז היליג: (יד) מען זאל ניט נעמן זיין שוועסטרס טאכטר אודר זיין ברודרס טאכטר: (טו) מען זאל ניט נעמן אזו איין ווייב וואס איהר נאמן איז גלייך מיט זיין מוטרס נאמן אדר זיין נאמן איז גלייך מיט איהר פאטרס נאמן: (טז) ווען ער הט זיא יוא גנומן זאל ער משנה זיין איין נאמן: (יז) צוויי לייט וואס זייערי נעמן זענין גלייך זאלן זיך ניט משדך זיין מיט זייער קינדר: (יח) צוויי ברידר זאלן ניט נעמן צוויי שוועסטר (יט) מען זאל ניט נעמן איין אשה אונ דר אנדרר ברודר איין טאכטר פון דעם ברודרס אשה: (כ) עס זאל ניט נעמן איין פאטר מיט איין זון צוויי שוועסטר: (כא) איינר זאל זיך ניט מתחתן זיין מיט איין מחותן צוויי מאל: (כב) עס זאל זיך קיין שטיף קינדר ניט נעמן: (כג) מען זאל ניט חתונה מאכן צוויי קינדר אין איינם: (כד) מען זאל ניט מכבד זיין צוויי מאל איין מענטש זאל זיין סנדק ווען ער מאכט איין מילה סידן איין קינד איז גשטארבן: (כה) ווען דר מענטש פארט אדר ער גייט אין וועג אריין אונ האט עטוואס פר געבן אין דר היים צוא פר ריכטן זאל ער ניט צו ריק גיין אין הויז אריין ניארט ער זאל אין דרוסן שטיין אונ זאל זיין זאך פר ריכטין: (כו) מען זאל ניט זיצן אויף איין וואגן אדר אויף דעם פערד וואס זייא שטייאן אויף דר שיף: (כז) מען זאל ניט האלטן זיין תבואה פון איין יקרות וועגין: (כח) מען זאל ניט שרייבן אויף איין ספר דאס ספר איז מיין ניארט ער זאל אויף שרייבן זיין נאמן אליין: (כט) איין אשה וואס היבט ערשט אן צו זייגען איר קינד דאס ערשטי מאל זאל זיא אן הייבן פון דער לינקי ברוסט:

דבריו זייני רייד זענין זיס אונ גלוסטיק אונ דאס איז גשריבן גוואָרן צוא גאטס פארכטיגי לייט אונ ווס האלטן חשוב גאטס נאמן דר חסיד וואס בגערט די ליבשאפט פון דעם בשעפר צו טאן זיין ווילן אונ ווייסט ניט פון וואס זיך צו היטן אונ וויא צו גרונטיגין צוא טאן גאטס ווילן דען עס זענין גמינערט גוואָרן די לבבות צו פר שטיין גאטס גיבאט דען עס איז איין חסיד ווס נעמט זיך פיל צום הארץ צוא טאן אונ ווידר זענין חסידים וואס טואן ווינציג הט אבר פר שטאנן די רייד פון חסידות האט ער פיל גטאן דרום איז גשריבן גוואָרן דער ספר חסידים עס זאל לייגן דרינן דיא גאטס פארכטיגי אונ די וואס ווילן ווידר קערין צום בשעפר מיט גאנצן הארץ אז זיא זאלן ווייסן וואס בילכר איז צו טאן אונ פון ווס מען זאל זיך היטן אבר ניט צו דיא רשעים ווס זיי דענקין אוף פיל זאכן עס ענין שטות אונ מאכן גישפעט דרוף אוף זיי הט שלמה המלך ע״ה גזאגט באזני כסיל אל תדבר וגו׳ איז טייטש אין דיא אויערין פון דיא נארן דס איז דער רשע זאלסטו ניט ריידן גאטס רייד אוך שלמה המלך ע״ה אז ער האט דס ספר משלי גשריבן הט ער ניט קעגין די רשעים גשריבן דען ווען ער הט שון אלי ספרי חכמות זייא גזאגט הט אלץ ניט גהאלפן זייערי הערצר גוט צו מאכן אונ צו ווידר קערין זיי צו גאטס דינסט נייארט קעגין דיא צדיקים וואס בגערין צו גיין אין גאטס וועג ווענין זייא האט ער זיין ספר חכמות גשריבן אז זייא זאלן זעהן צו פאר שטיין אונ צו קליגן דר פון אזו ווי עס שטייט אין פסוק (כי ישרים דרכי ה׳ צדיקים ילכו בם ופושעים יכשלו בם) איז טייטש גאטס וועגין זענין רעכט פארטיג צדיקים גייאן דרונן אונ דיא פושעים ווערין אין זייא גשטרוכלט פון דאנין איז צו לערנין דיא וועג פון חסידות אונ ענוה אונ יראה אין איין שטרוכלונג צו די רשעים אונ איין בשטאנד צוא דיא צדיקים:

(ב) ואומר הט גזאגט דר מחבר דר וואס הט דס ספר מחבר גוועזין דיא רייד פון חסידות אונ דעם מקיים אונ גאטס פארכט איטליכס וועג וואס איך האב מחבר גוועזין האב איך אטייל פון מיר זעלבסט פאר שטאנן אונ אוך פון מיין לערנר ווס זענין גוועזין מייני רביהם רעכט הב איך גקליגט אוך וואס איך הב פון מייני רעכטי רביהם מקבל גוועזן דען איטליכר גאטס פארכטיגר איז רעכט אונ בילכר צו לערנין זיין קינד אוך זייני תלמידים אונ אוך צו די ישראל וויא צו דר גרייכן צו טאן דעם ווילן פון אונזר בשעפר גלויבט אין זיין נאמן הט דר מחבר זיין לשון גשטעלט בדרך המשל צו גלייכן אונזר בשעפר אוך מיט די מדות פון איין בשר ודם עס זאל איין גיין אין די הערצר פון די לייט צו געבן צו פר שטיין צו מאכן פר געמן די אויערין אונ עפנן דיא בלונדי אויגן אוף צו מאכן פר שטאפטי הערצר אזו אוך איז די הייליגע תורה אונז ממשיל אז דא שטייט (וקולו כמים רבים) איז טייטש גאטס שטים איז וויא גרוסי וואסר אוך שטייט

(ה' כאריה ישאג) גאט טוט שריאן אזו וויא אלייב אוך ווייזט ער זיין גשטאלט צו די לייטן פיל זעלכי גלייכן זענין וואס מאכן פאר נעמן איבי אוערן דר דורך צו פר שטיין :

ג זכר צדיק לברכה דס מיינט מען ווען מען גדענקט דעם צדיק פון דער וועלט גאט ב"ה מוז מען אים לובן ס'יא אוף לשון הקודש אדר אוף איין אנדר לשון די'א ניט פאר שטאנדי'גי לייט וועלן מיינען אז מען מעג מזכיר זיין דעם שם אן אברכה וועלן זייא פר שטיין פון דעם משל איין מענטש וואס דר זון אודר זיין ליב האבר איז אוועק גיגאנגן איין ווייטן וועג אז ער גידענקט אים זאגט ער מיין זון אודר מיין פריינט זאל גידאכט ווערין לשלום אונ צו גוטן אבר דאס איז ניט צו גלייכן דען אוף איין בשר ודם וואס איז גשטארבן ווען מען גדענקט אים זאגט מען מנוחתו כבוד זיין ר'ה אונ זאל זיין בכבוד נוא ווען מען זאגט דס אוף איין מענטש מכ"ש ווען מען גידענקט הקב"ה וואס ער איז חי וקים גלובט איז ער אז עס איז כביכר צו לובן אים ווען מען איז מזכיר זיין נאמן קער מען צו זאגן גלובט איז זיין געהרטר נאמן :

ד מעשה איין מעשה וואר איין חסיד איז גזעסין אין איין הוז וויא איין חופה איז גוועזן האט ער גהערט וויא איינר פון די משוררים איז אין טאנץ מזכיר דעם שם אין זיין זינגען אזו האט דער חסיד אוף אים איטליכעס כמאל אן גשריגן :

ה הוכח תוכיח את עמיתך די'א תורה האט גבאטן איין מצוה צו שטראפן מיט רייד איטליכן פון ישראל וואס ער איז מיאש אונ פולט זיך צו טאן אפילו ער לאזט אום אוסן איין מצוה עשה פון רמ"ח מצות עשה אדר ער האט עובר גוועזן אוף איין מצוה לא תעשה אונ אונזרי חכמים האבן גזאגט ווער עס ביכולת צו שטראפן אונ צו פר ווערין זיין הוז גזונד אונ ווארט זייא ניט ווערט ער גשטראפט פאר זייא אוך אוף שטאט לייט האט יכולת צו שטראפן אונ טוט ניט ווערט ער גשטראפט פר די גאנצי שטאט אוך איז זיין יכולת צו שטראפן דעם גאנצן עולם אונ ער טוט עס ניט ווערט ער גיהאבט פר דעם גאנצן עולם אונ פון וואנן האבן מיר הער אז מען מוז דאס אנדרי מאל שטראפן ווען ער נעמט ניט אן אין ערשטן מאל די שטראף זאגן אונזרי חכמים אין דעם פסוק שטייט (הוכח תוכיח) צוויי מאל אוך איז מחויב דר מוכיח צו שטראפן מיט זעלכי רייד נאך די מדות פון דעם וואס ער שטראפט ווען ער איז איין ווייכר מענטש זאל ער אים שטראפן בנחת אונ ווידר איין הארטן מענטש זאל ער אים שטראפן נאך זייני מדות אונ זאל אים משלים זאגן אונ ראיה ברענגין אז ער זאל קענין ווידר קערין זיין דעה צוא זיין ווילן אונ ער זאל ניט חנפנן קיין גדול אונ ווען ער זעהט ער איז ניט מקבל קיין תוכחה מיט רייד זאל ער קיינם גיט חנפנין ווען שון דעם רבי' בע. אזו זאגן אונזרי חכמים וויא

עס

עס קומט איין חילול השם ארוס זאל מען ניט חולק כבוד זיין אפילו איין רב אוך זאגן אונזרי חכמים יזא איין רב קער צו שטראפין דעם תלמיד דר תלמיד זאל שטראפן דעם רב בנחת ובשתיקה אז ער זעהט פון רב אשלעכט זאך טאן פון וואנן האב איך הער זאגט דיא גמרא עס שטייט (הוכיח תוכיח) איז משמע סיא דער רבי סייא דער תלמיד אונ מיר זענין מחויב צו שטראפין די וואס טואן עבירות וען שון זיא שלאגן דעם מוכיח אונ זיי מבזה מוז מען פארט שטראפן אונ דער מוכיח מוז זיך אן ערשטן זעלבסט שטראפן פון עבירות אונ מוז רעכט פארטיג מאכן זיין וועג איי ער שטראפט זיין חבר דען אז ער וועט ניט טאן אזו וועט דער חבר ניט מקבל זיין תוכחה וויא אונזרי חכמים האבן גזאגט התקוששו וקושו איז טייטש טוא דיך צום ערשטן צירין אונ שטראפן אנדרי אונ דר מענטש זאל זיך ניט פאר מיידן צו בהעפטן צו אזו איין חבר דם זייני וועגין זענן רעכט פארטיג אונ ווידר זיך צו דער ווייטרין פון עבירות וואס איז קעגין גאט דער וואס זיך אוף האלט צוא שטראפן איז ער חייב דעם עונש פון חבר דען אין פסוק שטייט (לא תשא עליו חטא) זאלסט ניט טראגן איין זונד אוף דיין חבר אז ער אים ניט שטראפט אזו זינדיגט ער מער אבר וען ער האט אים גשטראפט אונ ער האט ניט גוואלט אנטפאנגן איז דער מוכיח פטור פון דעם עונש פון זייני עבירות אונ דר מוכיח הט נאך איין זכות דען ער הט אים גשטראפט צו גיין בדרך הישר אונ צו דר ווייטרן פון זינד וויא דא מפורש שטייט אין (יחזקאל סי' ל"ג (ואתה כי הזהרת רשע מדרכו לשוב וגו') איז טייטש ווייל דו האסט גווארינט דעם רשע צו ווידר קערין הוא בעונו ישא ואתה את נפשך הצלת וגו') וועט ער זיין זונד אליין ליידין אונ דו האסט דיין לייב מציל גוועזין פון עונש אונ דר עיקר מצוה פון דען פסוק (לא תשא וגו') ווייזט עס איז איין מצוה אז ער זאל ניט שטראפן זיין חבר מיט צארין אונ אים ניט מבייש צו זיין נייארט צו שטראפן בנחת פר בארגן צום ערשטן כדי אז ער זאל ניט מעיז פנים זיין אונ וועט הארטין זיין אקין אונ הארץ אונ וועט נאך מוסיף זיין אוף זיין חטא אונ פשע אזו זאגן אונזרי חכמים איך הט גוואלט מיינן ער זאל אים שטראפן אז זיין פנים זאל אים פר ענדרט ווערן זאגט דר פסוק (לא תשא עליו חטא ולא תענה) זאלסטו ניט פאלש עדות זאגן איז קשה לאו שטיין (לא תעיד) איז אוך אזו טייטש עדות אלא די תורה לערינט אונז נאך איין מצוה לא תענה עס איז אסור צו זאגן אדבר מגונה פון זיין חבר אינטר די אוגן אזו איין זאך וועט ער וואלט גהערט וואלט ער אוף אים גצערנט דם ווייט אונז דם ווארט לא תענה איז טייטש ריידן אדר עינוי פיין אז מען זאל פון חבר ניט ריידן אונטר די אוגן וויא עס שטייט אין פסוק (תשב באחיך תדבר בבן אמך תתן דופי) דאס איז טייטש דוא טוסט זיצן מיט דיין ברודר אונ אן דיין מוטרס זון טוסטו געבן איין שאנד אונטר די אוגן

אבר ווען ער הט עובר עבירות געוועזן אונ ער הט אים בסתר געשטראפט
אונ ער האט ניט מקבל געוועזן דענק מאל מעג ער אים שטראפן אופן
באר ברבים אוף זייני בייזי מעשים סיי בפניו ושלא בפניו :

ו שורש החסידות דהיינו דר שורש וויא ער זאל זיך געווינן אין חסידות
וויא אזו ווען דר מענש ציהט זיין הארץ אין דר מדה פון חסידות
אונ עס איז אים שווער דען אלי שפעטן פון אים אונ זענן אים מבייש
זייא ריידן זעלכי רייד אים מצער צו זיין אונ זענין מזכיר זייני ערשטי
בייזי מעשים זאל ער ניט פר לאזין זיין חסידות וועגין שפעטרס אונ זאל
זיך געווינין אין גוטי מדות ביסלך ווייס טאג ביא טאג דען ביסלך ווייס
מערט מען מער אז פיל אוף איין מאל איז שווער לאסט ער אפ פון אלים
אוף דעם איז גזאגט גווארן דר פסוק (אם חכמת חכמת לך) ווען דו קליגסט
צו טאן מצות קומט עס דיר אהיים אז דו ביסט מורגל אין חסידות ומדות
טובות אונ אוף די שפעטרס איז גזאגט גווארן דר פסוק (מחטוא אדם בדבר
שמדברים רע על עושי מצוה) דער מענטש ברענגט זינד אוף זיך ווען ער
רעט בייז אוף דיא וואס טואן מצות דען איין גרוסר המא איז צו זאגן צו
איין בעל תשובה גידענק דין ערשטי בייזי מעשים ווען ער איז שון גוואונט
צו גיין מדות חסידות נאך אונ אבט ניט דם גישפעט וואס דו שפעטרס
מאכן פון אים אונ די וואס גדענקין יוא דעם בעל תשובה זיין מעשים פר
שליסן זייא די טיר פון צו טאן תשובה דען פיליכט מעג זיך גדענקין דר
בעל תשובה ווען מען גדענקט אים זיין ערשטי מעשים מיינט ער זיין
תשובה העלפט נישט אזו וועט ער בלייבן מיט זיין זינד אבר דער בעל
תשובה זאל זיך טראכטן אדרבה ער וועט אין גרוסן זכות האבן עס וועט
אים פר איין גרעכטיקייט ווערן גרעכינט ווען ער שעמט זיך וום ער הט
די עבירות גטאן איז מען אים מוחל אונ די רייני גאטס יראה קומט אים
אין הארץ ארין אונ רייניגט אים זיין הארץ אונ זיין גוף פון אלים בייזן
דען מען העלפט אים פון הימל צו שטארקין אים אין גאטס יראה וויא
אונזרי חכמים האבן גזאגט הבא לטהר מסייעין לו דער וואס וויל זיך
מטהר זיין העלפט מען פון הימל אונ בריטן אים אן צו טאן גאנצי
תשובה דען דיא טירן פון תשובה זענין ניט פר שטאפט אונ איין מצוה
שלעפט מיט דיא אנדרי מצוה אצונד ווען ער גייט ארין אין די טירן פון
תשובה זאל ער מתפלל זיין טאג אונ נאכט פאר דעם בשעפר אז ער זאל
אים מציל זיין פון דעם מדת הדין אונ אז קיין שטרויכלונג זאל ניט קומן
רורך זייני הענד אונ אז דער מענטש וועט שון גוואונט זיין אין זיין
חסידות אונ וועט קיין יצר הרע ניט האבן אפ צו קערין פון זייני גוטי
מדות דען זיא גפאלין אים וואול וועט ער פון דאנין אן אונ ווייטר טרעטן
אין רעכט פארטיגן וועג אזו האט דוד המלך ע"ה אוך גזאגט טוב וישר
יי' על כן יורה חטאים בדרך) ווייל ער איז גוט אונ רעכט פארטיג

אין

אין גאטס וועג איז טוט גאט לערנן אונ ווייזן דיא זינדיגר דעם רעכטין וועג נאך זאגט ער (ידרך ענוים במשפט וילמד ענוים דרכו) ער טוט מאכן טרעטן די דעמיטיגן אין זיין גרעכט אונ טוט לערנן די דעמיטיגן זיין וועג אונ אזו וואול וויא עס איז אים שווער אריין צו גיין אין זיין חסידות אזו וועט אים נאך מער שווער זיין צו לאזן זייני גוטי מדות פר בושה די לייט זאלן ניט זאגן היינט האבן מיר גוואר גווארין ווי דר האט גגנבת דיא דעה פון די לייט דען איין מענטש זעהט יענים מיט די אוגן אבר ער וויס ניט וואס אין יענים שטעקט דר הט אן גהובן חסידות צו ברוכין אז ער זאל גנבנן די דעה פון די לייט אונ דס איז איין איסור אז מען זאל גנבנין דעת הבריות די דעה פון איטליכן מענטשן איז אסור צו גנבנין אונ וויל דס חסידות איז זייער שווער מתחילה דרינן זיך צו גוויינן דרום איז גוט פון דער יוגנט זיך צו גוויינן אין חסידות אזו האט שלמה אוך גזאגט (זכור בוראך בימי בחורותיך • גם כי יזקין לא יסור ממנה) גדנקט דיין באשעפר פון דער יוגינד אן • ווען דו וועסט אוך אלט ווערן וועסטו פון אים ניט אפ קערן • דען ווען ער טוט תשובה ערשט אוף זיין עלטר אין דער צייט ווען זיין תאוה איז פון אים אפ גטאן דר איז גליך צו איינם ווען ער רעט שלעכץ דר נאך ווערט ער פר שטומט אבר ווען דער מענטש טוט תשובה אין זיינר יוגענד ווען דער יצר הרע איז איבר אים נאך מושל אונ ער איז אים כובש דס איז די בעסטי תשובה אונ זיין שכר איז זייער גרוס אוף דעם זעלביגן איז דר פסוק גזאגט גווארן (ומושל ברוחו מלוכד עיר:

ח כשיצאו אז רבי שמעון בן גמליאל ורבי ישמעאל בן אלישע זענן ארוס גפירט גווארן להריגה זאגט רבי שמעון בן גמליאל איך וייס אליין ניט וואס פאר איין חטא איך האב אין מיר אז איך מוז דורך דעם גיהרגת ווערן אזו זאגט צו אים רבי ישמעאל אפשר דיין חטא איז ווען דו האסט גדרשת האסטו דיך מהנה גוועזין • אזו זאגט רבי שמעון בן גמליאל דו האסט מיך גטרייסט • פון דעם קער דר מענטש איין ראיה זיך צו נעמן אונ זאל זייני מעשים טובים טאן בסתר אונ זאל זיך ניט מהנה זיין מיט זייני גוטי מעשים אונ זאל זיך ניט משמח זיין מיט זייני גוטי מעשים • וועד ער איז זיך יוא מהנה דא איז זיין שכר בעולם הזה אונ דר מענטש קער צו גדענקן וויא פיל בעלי מעשים טובים זענן גשטארבן אונ זייער זכרון איז פר געסן גווארן ממילא וואס קומט דרום אז ער זאל טאן מעשים טובים שלא לשם שמים אז מען זאל אים לובן לסוף ווערט אלץ פאר געסין ווערן דאס קער מען אימר צו גדענקן • אויך ווען ער גייט צו בעט לייגן זיך שלאפן זאל ער גדענקן פיליכט וועל איך שלאפן דאס אייביג שלאף:

ט ועיקר חסידות אי אפילו ווען מען שפעט אוס אים דאך לאזט ער זיין חסידות ניט אפ אונ זיין כוונה איז לשם שמים אונ ער קוקט ניט

ניט אויף די ווייבער בִּפְרַט ווען זיי גייען צו דער חוּפָּה אַז די נָשִׁים זענען אום גצירט און אַלֶע לַייט זענען מִסְתַּכֵּל און ער קערט זיך דראן ניט דרום וועט ער זוֹכֶה זַיין לְרַב טוּב הַצָּפוּן און זַיינֵי אויגן וועלן זאט זַיין מִזִּיו הַשְּׁכִינָה און דָס איז דָאס איז די בעסטי מִדָּה פון חֲסִידוּת ווען ער פַר הוילט זַיינֶע אויגן פון דיא ווייבער אֲפִילוּ פון אֵיין פְּנוּיָה אַזוֹ אויך הָאבן אונזרי חֲכָמִים מַזְהִיר גווען אַז מען זָאל ניט קוקן אויף די ווייבר ווען זיי שְׁטייאֶן בַּיי דער וועש ווען זיי וואשן ווי דר פָּסוּק זָאגט (ועוצם עיניו מראות ברע) ער פַר שְׁלִיסְט זַיינֵי אויגן פון זעהן אויף בייז דא וועט ער נִיצוֹל ווערן פון אַלֵי די גְלוֹסְטֶהַייט:

י כָּל אַלֵי די זַאכן ברענגן דעם מֶענטשן צו דער מִדָּה פון חֲסִידוּת ער זָאל זיך אָפּ גווינן צום מיינסטן פון אַזעלכי זאכן ווָס דר יֵצֶר הָרָע רעט אים אָן אַמָשָׁל צו ריידן ליגן אודר דְבָרִים בְּטֵלִים אודר צוא קוקן אויף פְרעמדי ווייבר אודר איין בייזי מַחֲשָׁבָה חָלִילָה צו האבן אודר צו ריידן זאכן וואס קער ניט צו גָאטס דינסט אודר פאלש שווערן אודר גדענקן גאטס נאמן אום זונסט אויף דיא אלע זאכן רעט תָּמִיד דר יֵצֶר הָרָע אָן געכיר וויא אַלֵי עֲבֵירוֹת דרום מוז דער מענטש זיך שטארקן איבר דעם יֵצֶר הָרָע פון דר יוגענט אָן דָא וועט ער שוין אויף דער עלטער אים בפשיטא ניט פאלגן מיט דעם מענטש גווינט זיך אין דער יוגנט בִּפְרַט איין מִצְוָה צו טאן לאָזט ער זיך ניט אָפּ דר פון אויף דר עלטער פון גאטס וועגן אין פון לייטן וועגן פאר חֶרְפָּה מען זאל אויף אים ניט זאגן ער הָט ביז אהר אויך ניט גטאן לְשֵׁם שָׁמַיִם נָאר פון לייטן וועגן אויך הייסט זיך אנדרש איין חָסִיד סיידן ער זָאל גּוֹמֵל חֶסֶד זַיין מיט לַייט און זָאל זיך לָאזן מְבַיֵּישׁ זיין גְלַייך אַז איין טויבער מענטש ווָס הערט ניט ווָס מען רעט צו אים און אַז איין שטומער ווָס קען קיינם ניט ענטפערן אַזוֹ זָאל ער אויך קיינעם ניט מְבַיֵּישׁ זַיין מיט זַיין ענטפרן דער הייסט איין חָסִיד דורך דעם וועט ער זוֹכֶה זַיין לְעוֹלָם הַבָּא וועט זַיין פָּנִים לַייכטן פון דיא שְׁכִינָה און וועט זוֹכֶה זַיין צו זיצן צווישן דיא זיבן כִּתּוֹת וואס זענן מְקַבֵּל דיא שְׁכִינָה און האבן הֲנָאָה פון אירע לויטערקייט אַז עס שטייט אין פָּסוּק (קומי אורי כי בא אורך) איז טייטש שטייט אויף צוא תְּחִיַּית הַמֵּתִים דען עס איז גקומן דיין ליכטיגע שְׁכִינָה און דר כָּבוֹד פון גָאט וועט אויף דיר שיינן דָס איז אַלץ גרעט גווארן אויף די זיבן כִּיתּוֹת חֲסִידִים:

יא און ער הייסט ניט קיין חָסִיד סיידן ער זָאל מוֹחֵל זַיין איטליכן מענטש חָאטְשֵׁי ווָס האבן אים אום רעכט גטאן און גזינדיגט קעגן אים און ווען זיי בעטן אים איבר און האבן חֲרָטָה ווָס זיי האבן ווידר אים גטאן און וואס זייער יְכוֹלֶת איז צו פַר ריכטן ווילן זייא פַר ריכטן זָאל ער זיי מוֹחֵל זַיין וויא וואל ער קאן זיי פִיל בייז אָפּ טאן איז ער זיי פָארט מוֹחֵל מיט זַיין גאנצן הארצן און טוט זייא קיין בייז ניט דר הייסט איין חָסִיד דען דער מענטש מוז האבן די מִדָּה פון גָאט וויא גָאט איז מוֹחֵל עֲוֹנוֹת

כל

כָּל יִשְׂרָאֵל אַזוֹ דָא שְׁטֵייט אִין פָּסוּק (שׁוּבָה מְשׁוּבָה ישראל וגו׳) אִיז טַייטְשׁ טוּט תְּשׁוּבָה אִיר יִשְׂרָאֵל אִיךְ וִויל נִיט וַוארְפְן מַיין צָארְן אוֹיף אַייךְ וִויא וואוֹל אִיר הָאט מִיךְ דֶער צֶערֵינְט בִּין אִיךְ אַייךְ פָארְט מוֹחֵל דֶען אִיךְ בִּין אַיין חָסִיד פוּן דַאנֶן אִיז גֶלֶערְנְט אַז אַיין חָסִיד הֵייסְט נִיט אַנְדֶערְשׁ סַיידְן עֶר זָאל מוֹחֵל זַיין דִי וָוס הָאבְּן גְזִינְדִיגְט קֶייגְן אִים אוּנ אִים דֶער צֶערֵינְט אַזוֹ גְפִינֶן מִיר וַוי דִי קִינְדֶער פוּן יַעֲקֹב הָאבְּן זֵייעֶר בְּרוּדֶער יוֹסֵף פַר קוֹיפְט קֵיין מִצְרַיִם אוּנ יוֹסֵף הָט זֵיי פָארְט אַלְץ מוֹחֵל גְוֶועזְן מִיט דֶעם גַאנְצְן הַארְצְן:

יב שׁוֹרֶשׁ דֶער עִיקָר שׁוֹרֶשׁ הַחֲסִידוּת אִיז מֶען זָאל זִיךְ פָארְכְטְן פַר גָאט מֶען זָאל זַיין גְבָּאט נִיט עוֹבֵר זַיין וִויא וואוֹל עֶר הָט גְרוֹיס לוּסְט עוֹבֵר צוּ זַיין עֶפִּיס אַיין עֲבֵירָה אוּנ וַוייל עֶס נִיט טָאן נָאר וַוייל גָאט הָט עֶס פַר בָּאטְן אָבֶּר נִיט וַוי אַיין טַייל לַייט וָוס טוּאֶן נִיט דִי עֲבֵירָה נָאר וַוייל זֵיי פָארְכְטְן זִיךְ זֵיי זָאלְן נִיט גְשְׁטְרָאפְט וֶוערְן אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹדֶער אוֹיף יֶענֶער וֶועלְט דָאס הֵייסְט קֵיין רֶעכְטֶער חָסִיד נִיט נֵייעֶרְט מֶען זָאל דִיא עֲבֵירָה נִיט טָאן פוּן גָאטְס לִיבְּשַׁאפְט וֶועגְן וַוייל אוּנְזֶער לִיבֶּר גָאט הָט עֶס נִיט גִיהֵייסֶן טָאן דֶער וֶוערְט גֶערוּפְן יְרֵא ה׳ אוֹיךְ מוּז עֶר זִיךְ אַיין גֶדֶר מַאכְן מִיט זַיין עֶסִין אוּנ טְרִינְקְן וִויא עֶר זָאל זִיךְ נוֹהֵג זַיין דֶען פִיל עֶסִין אוּנ טְרִינְקֶן בְּרֶענְגְן צוּ פִיל בֵּייזֶע מַחֲשָׁבוֹת לְמָשָׁל וֶוען עֶר הָט פַר זִיךְ צוּ עֶסִין פִיל גוּטִי זַאכְן זָאל עֶר נִיט אָן פִילִין זַיין בּוֹיךְ נֵייעֶרְט עֶר זָאל עֶסִין אַז עֶר זָאל קָאנֶן גָאט דִינֶן אוּנ וֶוען אִיר טְרֶעפְט זִיךְ אַיין מִצְוָה וָואס אוֹיךְ שְׁוֶוער אִיז זָאל עֶר זִיא פָארְט נִיט פַאר לָאזְן פוּן גָאטְס לִיבְּשַׁאפְט וֶועגְן:

יג יְסוֹד הַיִרְאָה אִיז אַזוֹ וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ אִיז עוֹמֵד בְּנִסָיוֹן דָס אִיז וֶוען עֶס טְרֶעפְט זִיךְ אִים אַיין עֲבֵירָה אוּנ דִי עֲבֵירָה אִיז גְלוּסְטִיג אוּנ עֶר אִיז דָאךְ פּוֹרֵשׁ אוּנ הקב״ה בְּרֶענְגְט נִיט אִימְלִיכֶן לִידֵי נִסָיוֹן סַיידְן עֶר וִויל אַיין טוֹבָה טוּעֶן אוּנ דֶער שָׂטָן אִיז מְקַטְרֵג אוֹיף דֶער טוֹבָה אַזוֹ בְּרֶענְגְט אִים גָאט לְנִסָיוֹן דֶער וַוארְטְן אַז דֶער שָׂטָן זָאל זֶעהְן אַז עֶר אִיז רָאוּי לְטוֹבָה אַז גָאט הָט גְבְּרַאכְט לְטוֹבָה (שאול המלך אוּנ אברהם אבינו אוּנ איוב) אַזוֹ הָט עֶר אַזוֹ פְרִיעֶר גְפְּרוּבְט. לְעוֹלָם אֵייבִּג זָאל דֶער מֶענְטְשׁ זַיין עָרוּם בְּיִרְאָה עֶר זָאל אִימֶר וֵוייךְ רֵיידְן מִיט זַיין חַבֵר אוּנ דוֹבֵר שָׁלוֹם מִיט זַיינִי בְּרִידֶער אוּנ מִיט זַיינִי קְרוֹבִים אֲפִילוּ מִיט אַיין פְרֶעמְדִין כְּדֵי עֶר זָאל זַיין גְלִיבְּט צוּ דִי לַייט אוּנְזֶערֵי חֲכָמִים הָאבְּן גְזָאגְט אוֹיף ר׳ יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי אַז עֶר הָאט מַקְדִים שָׁלוֹם גְוֶועזְן אֲפִילוּ אַפְרֶעמְדֶן אִין מַארְק אַזוֹ אַיין מֶענְטְשׁ וָוס הָט יִרְאַת שָׁמַיִם וֶוערְן זַיינִי רֵייד פַר נוּמֶן וִויא שְׁלֹמֹה הַמֶלֶךְ זָאגְט (סוֹף דבר הכל נשמע את האלהים ירא) אַיין מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אָן זִיךְ תּוֹרָה אוּנ קֵיין מַעֲשִׂים טוֹבִים נִיט אִיז גְלַייךְ אַז אֵיינֶר הָט דִי שְׁלִיסֶל פוּן דִיא חֲדָרִים וָוס דְרִינֶן זֶענֶן אוּנ פוּן דִיא חֲדָרִים פוּן דְרוֹיסִין הָט עֶר קֵיין שְׁלִיסִיל נִיט מַמֵילָא וַוי קֶען עֶר אַרַיין קוּמֶן:

יד שׁוֹרֶשׁ הָאַהֲבָה וָוס מִיר יִשְׂרָאֵל זֶענֶן גְבָּאטְן גְוָוארִין אִין דֶער תּוֹרָה וְאָהַבְתָּ

יד (ואהבת את ה' אלהיך בכל לבבך) די אהבה מוז זיין אן גקניפט בשמחה ובטוב
לב אונ די אהבה מוז זיין מער פון ליבשאפט זייני קינדר אונ אלץ טוען
פון אהבת הבורא וועגין ווי מיר גפינן ביי פנחס הכהן אז ער האט מקנא
גוועזן פון גאט וועגן אונ ער הט זיך מוסר נפש גוועזן אוך זאל זיך אים ניט
גלוסטן קיין געלט וואס אין איין קידוש השם גייט אן וויא מיר גפינן ביי
אברהם אבינו ער הט גזאגט (אם מחוט ועד שרוך נעל) אוך אלישע הנביא הט
ניט גוואלט נעמין דס געלט פון נעמן. אוך זאל איין מענטש ניט מבטל
זיין מדברי תורה פון תענוגי העולם הזה וועגן אונ זיין השגחה זאל אלץ
זיין לעבודת הבורא אונ זאל אוף אים ניט זיין איין טרחה די מצות פון
גאט ער זאל זיך נעמין איין משל פון איין אדון ווען ער ווייסט די עבודה
ווס דעם שר איז ליב אזו וואלט ער דס גערן גטאן בשמחה גדולה כדי ער
זאל חן האבן אין די אויגן פון שר מכ"ש אז ער קען זיך מטריח זיין צוא
טאן רצון הבורא ווס ער איז חי וקים דר עיקר אהבה איז אז דר מענטש
זאל עוסק בתורה ובמצות זיין. אונ די אהבה זאל זיין באמת ניט מחמת
ער פארכט זיך פר פורעניות אודר אז ער זאל מקבל זיין גוטן לון נייארט
ער זאל טאן עבודת ה' בתמימות אונ דר סוף פון דר טובה וועט ממילא
קומן אונ די אהבה מוז אזו גרוס זיין ממש אז ער ווערט קראנק מחמת
אהבה ווי שלמה המלך הט גזאגט (כי חולת אהבה אני) מכל שכן דר מענטש
מוז מער האבן לוסט לאהבת הבורא אונ תמיד זאל ער עוסק זיין דרינן
אונ די אהבה קען ניט זיין סיידן אז דר מענטש מוז אלץ פר לאזן תענוגי
העולם הזה אונ זאל זיך קליגן אונ משיג זיין להבורא. דהיינו ער זאל
אכטונג געבן אוף די מעשים גדולים ונפלאים ווס האט ניט קיין שאץ אונ
קיין סוף מיד וועט ער משבח ומפאר זיין שמו הגדול באהבה רבה ובפרט
ווען ער זאל זיך אין זין נעמין אז ער איז אשפלה בריה אונ זיין שכל ותבונה
איז כאין נגדו יתברך ב"ה ווי דה"מ הט גזאגט צמאה נפשי לאלהים (מה אנוש
כי תזכרנו):

טו שורש ענוה איז וואס דר מענטש זעהט גדולה אונ כבוד זאל ער זיך
מרחיק זיין דהיינו ווען ער הט פר ענפרט איין קשיא זאל ער
ניט זאגן דס הב איך מתרץ גוועזן אודר דס הב איך גפרעגט נייארט ער זאל
זאגן דס הט מען גפרעגט דהיינו ער זאל זיין רבי כבוד געבן. אונ מיר
גפינן אוך ביי משה רבינו ער הט חולק כבוד גוועזן צו זיין תלמיד יהושע
אונ האט גזאגט (בחר לנו אנשים) אוך גפינן מיר ביי ר' גמליאל ער הט חולק
כבוד גוועזן צו זייני חברים אוך גפינן מיר אז הקב"ה האט חולק כבוד
גוועזן צוא ישעיה הנביא אונ האט גזאגט (ומי ילך לנו) אוך ווען זיין חבר
זאגט דברי תורה אונ ער ווייסט אוך די זעלבגי זאך זאל ער ניט פר שלאגן
זיין רייד אונ זאל זאגן איך וויים דס אוך וואל נייארט ער זאל צו הערין
אונ שווייגן פילייכט וועט זיך זיין חבר זאגן אטעם וואס ער האט אין דר

ניט

ניט והערט דער כלל איז ווס אמענטש קאן ממעט בכבודו זיין כדי אז די יראי ה' זאלן כבוד האבן קער ער צו טאן אזו האט דוד המלך (נבזה בעיניו נמאס ואת יראי ה' יכבד) אוך ווען אנדרי זענן זיך מתכבד מיט דר ענוה דס איז די אנדרי זענן חשובר פון אים און זיי ווילן האבן אז דר זאל פריער גיין פר זיי כדי אז מען זאל זאגן וואס פאר אייני חסידים ועניים זיי זענן און אים איז איין בושה וצער מען זאגט וואס פר איין חצוף ער איז און גייט צום אלים ערשטן פון אזוני גדולים קומט אים ארוס איין בושה און זייא קומט ארוס כבוד זאל ער דאך ליידן כדי אז זייא זאלן כבוד דר לאנגן און אוף זיי איז די עבירה אז זיי זענן (מכבד בקלון חבירו) אוך זאל ער ניט מכבד זיין זיין חבר אז אים קומט דר פון בושה דס איז אלי לייט רופן אים ביי זיין נאמן און ער רופט אים רבי און דורך דעם ווערט ער מבוייש דען עס הייסט וויא איין ליצנות און אמענטש זאל זיך זעלבסט ניט לובן מיט מעלות וויא שלמה הט גזאגט (יהללך זר ולא פיך) סיידן ווען ער טוט אז מען זאל פון אים אפ לערנן איין מענטש זאל ניט שטיין ווי מען לובט אים דען עס איז ניט מיגלך ער זאל זיך ניט מהנה זיין:

טז ולא און דר מענטש זאל ניט מסתכל זיין אוף איין אשה אפילו זיא איז ניט שיין אוך אוף די קליידר פון דר אשה ווער עס קאן מושל זיין בעולם הזה צו זיין פרנס על הציבור און איז זיך משפיל דר איז מוכן לעולם הבא:

יז שורש דר מענטש מוז זעהן רעכט צו פר שטיין איטליכן דין ווי ער זאל טאן אבר ווען ער לערנט שלא לשמה און טוט ניט די מצות איז אים ליבר אז ער וואלט ניט בשאפן געווארן ווייל צו אים ער מיהט זיך צום גיהנם צו ארבן און זיין משפט איז לעולם הבא גרעסר מיין וויא דר ווס הט גאר קיין דעה אין די מצות ניט ווען ער וואלט געוויסט וואלט ער די מצות מקיים געווען אבר דר למדן וואס טוט בייז איז זיין כוונה מורד אן גאט צו זיין און דר עיקר פון למדן איז ער זאל ארויס ריידען און ער זאל רעכט פרשטיין און ער קובע עתים לתורה זיין בכל יום בכל לילה דאך ווען ער לערנט ווייניג אז זיין כוונה איז לשם שמים איז מיין וויא דר ווס לערנט איין גאנצן טאג און איז ניט מקיים די מצות:

יח שורש התפלה זאל זיין בשמחת לב וויא מיר געפינן ביי דוד דר האט מנגן בכנור געווען אז זיין הארץ זאל דרפילט זיין מיט שמחה צו לויבן הקב"ה פינף זאכן זענן מעכב די תפלה דס ערשטי איז טהרת ידים דס איז אז דר מענטש מוז זיך וואשן זייני הענד רעכט אבר ווען ער קריגט קיין וואסר ניט סיידן אויף פיר תחום שבת וייט זאל ער זיך זייני הענד אפ רייבן אן אשטיק ערד דאס אנדרי איז כיסוי הערוה דס איז אז ער טאר ניט מתפלל זיין סיידן זיין הארץ איז ניט רואה די ערוה דס דריטי איז טהרת מקום דס איז ער זאל ניט מתפלל זיין אוף איין אומריין ארט

און

און אזוי וואל אז דר מענטש מוז זיך מרחיק זיין פון צואה אזוי מוז ער זיך מרחיק זיין פון אזוי איין ארט וואס מען משתין גוועזין דס פירטע ווען עס גלוסט אים זיין צורך צו טהון זאל ער ווארטן אונ דר נאך מתפלל זיין דס פינפטי כוונת הלב ווען ער איז מתפלל אן כוונה מוז ער ווידר מתפלל זיין בכוונה אונ זיין כוונה זאל זיין אז ער מוז זייני מחשבות אפ טוהן אונ זאל אין דר מחשבה האבן גלייך אז ער שטייט פר הקב"ה דרום אידר ער איז מתפלל זאל ער זיין טרדות העוה"ז אוועק טון כדי זיין כוונה זאל רעכט זיין אונ נאך דר תפלה מוז ער ווייניג זיצן עס זאל ניט זיין וויא איין משא איין שיכור איז זיין תפלה אומוו רדיג ער מוז ווידר מתפלל זיין ווען זיין שכרות טוהט זיך פון אים אפ איין מענטש זאל זיך ניט שטעלן מתפלל זיין אוים גלעכטר אונ לצנות מקלות ראש ניט מתוך כעס סיידן מתוך דברי תורה אן אכט זאכן מוז ער נזהר זיין דס ערשטי איז ער מוז שטיין צו דער תפלה דאס אנדרי איז נוכח המקדש אז ער מוז זיין פנים קערין קעגין ארץ ישראל דאס דריטע איז תיקון הגוף ווען ער איז מתפלל זאל ער ביי אנאנד האלטן זייני פיס זייני אוגן זאל זיין אראפ אונ זיין הארץ זאל זיין גלייך אזוי ווי ער שטייט אין הימל אונ זיין רעכטי האנד זאל ער טוהן אויף זיין לינקע האנד קעגן זיין הארץ אונ ער זאל שטיין וויא איין קנעכט קעגין זיין הער · דס פערדי איז תיקון מלבושים אז ער מוז אן טוהן זיין מאנטיל אונ זאל ניט מתפלל זיין בארפים דס פינפטי איז תיקון המקום ער זאל שטיין אויף איין נידריג אורט מיט זיין פנים צו דר וואנט זיין פענצטר זאל אפן זיין קעגין ירושלים דס זעקסטי השמעת הקול דס איז ער זאל ניט הויך מתפלל זיין נייערט זיינע אויערן זאלן הערן דס זיבעטי איז הכריעה ער מוז זיך בוקן פינף מאל אין דר ערשטי ברכה פון שמונה עשרה תחילה וסוף אין מודים תחלה וסוף אונ סוף התפילה אז ער גייט אום שמונה עשרה דס אכטע איז השתחויה דס איז אויף זיין פנים מען טאר קיין מלאכה טון אוך ניט עסין אז דר מארגן שטערן גייט אויף ביז מען דווינט מען טאר ניט ריידן אונ מען טאר ניט גיין בקלות ראש אין דר שול אונ מוז האבן פחד פר גאט די אומות שטייען בבתי תפילתם באימה וביראה אוך בכריעה והשתחויה אזו מיר ישראל קערן אוך צו שטיין בפחד אונ גרוים ציטרניש אויך די לייט וואס קומן אין שול אריין אונ מאכן זיך אז זייא ווילן שלאפן אונ מיד גלייך זיי קענין ניט שטיין אונ איין גאנצן טאג ווען זיי שטייען פר דעם פקיד אדר ביי אנדרי ליצנות ווערן זיי ניט מיד אויף זייא איז דר פסוק גזאגט (כי יגעת בי ישראל) אייביג קער דר מענטש מקדים צו זיין אז ער זאל זיין פון די ערשטי צעהן וואס אין דר שול זענן אפילו הונדרט לייט וואס קומן דר נאך איז ער מקבל שכר קעגן אלי מען זאל ניט ארויס גיין אום דר שול ביז מען האט גומר התפלה גוען אוך זאל ער ניט מהרהר זיין אויף איין דבר מאוס אין דער

תפלה

תפלה מכ"ש אן צו רירן און מען זאל ניט מתפלל זיין כל זמן אז שפייעכץ איז צו אויף גזאמלט אין זיין מויל ער מוז אויס שפייען ווען מען דאווינט אן כוונה זאל מען דעם חזן נאך זאגן ווארט בווארט ווען ער דאווינט די הויכע שמונה עשרה ׃

יט עשרים וארבעה פיר און צוואנציג זאכן זענען מעכב די תשובה דאס זענען זייא רכילות לשון הרע איין כעסן בייזע מחשבות ווען מען בהעפט זיך צו רשעים ווען איינר עסט פון איין סעודה וואס דר בעה"ב הט ניט אליין גנוג ווען איינר קוקט אויף ערוות ער טיילט זיך מיט גנבים ער זאגט איך וויל זינדיגן און יו"כ וועט מכפר זיין איינר וואס איז מבזה זיין רבי ווען איינר שעלט לייטן אוך דר וואס פר מיד די לייטן זאלן איין מצוה טון איינר נייגט זיינם חבר מדבר מצוה צו טוהן לדבר עבירה איינר וואס ניצט מיט דעם משכון פון איין עני ווען מען נעמט שוחד צו נייגן דעם דין איינר געפינט און רופט ניט אוס אום צו קערן די אבידה ווען מען עהט זיין זוהן גייט אין שלעכטן וועג און ער הערט אים ניט איינר עסט גזלות עניים ואלמנות ווען ער איז זיך פורש מן הצבור ווען ער זעהט אז ער זעהט אז ער זאל גהערט ווערן דורך דעם חברת בושה איינר וואס הט פיינט שטראף ער שפעט אויס מצות דיא פיר און צוואנציג גיכעלטע זאכן זענען מעכב דיא תשובה ׃

כ כל אלי מצות פון דר תורה עס איז איין עשה אדר איין לא תעשה ווען איין בן אדם איז עובר אויף זייא סיי בשוגג אדר במזיד ווען ער טוט תשובה אויף דר עבירה איז ער מחויב מתודה צו זיין פר השי"ת אזו מיר געפינען אין דעם פסוק איש או אשה אשר יעשו וגו' והתודו את חטאתם דאס איז טייטש דער בן אדם מוז מתוודה זיין אויף איטלכר עבירה ער מוז זאגן אנא ה' חטאתי עויתי פשעתי איך הב חרטה איך וויל שון די עבירה ווידר ניט טוהן און אז איטלכר וואס איז שולדיג צו ברענגן איין חטאת אדר איין אשם דארף ער ניט צו ברענגן דעם קרבן ביז ער וועט צום ערשטן תשובה טוהן און מתודה זיין אויף דר עבירה און אזו אוך איין עבירה וואס ער איז דרוף חייב מיתת ב"ד אדר מלקות הט ער קיין כפרה ביז ער טוט תשובה און אזוי איך ווען ער שלאגט דעם חבר און מאכט אים איין צייכן אדר ער טוט אים איין אנדרן היזק דאמיט ער צאלט אים דאט ער קיין כפרה ניט אן תשובה און ווידוי דר שעיר המשתלח הט נאר מכפר גוועזן אויף איין עבירה וואס קיין כרת קומט דרוף ניט אבר איין עבירה פון כרת אדר מיתות ב"ד האט דער שעיר המשתלח ניט מכפר גוועזן אן תשובה און אן ווידוי און אזו אוך בזמן הזה איז קיין מזבח וואס דרוף איין קרבן ברענגן מוז איז ניט אנדרש מכפר ביז ער מוז תשובה טון און מתודה זיין דר טאג פון יוה"כ איז ניט אנדרש מכפר ביז ער מוז תשובה טון ווי וואל דאך ער איז איין רשע גמור אלי זייני טעג ווען ער טוט צום סוף תשובה גדענקט מען

ניט

ניט זיין רשעות אבער עס איז חילוק צווישן דיא עבירות ווען ער איז עובר אוף איין מצות עשה ווס מען איז דרוף ניט חייב כרת אונ ער טוט תשובה איז תיכף יו"כ מכפר וויא אין פסוק שטייט (כי ביום הזה יכפר) ווען ער טוט אזו עבירה וואס ער איז דרוף חייב כרת אונ מיתת ב"ד אונ טוט תשובה איז יו"כ אליין ניט מכפר נייערט ער מוז יסורים האבן אוף אים איז גזאגט גווארן דר פסוק (ופקדתי בשבט פשעם ובנגעים עונם) דס איז ווען ער טוט איין עבירה בצנעה אבער ווען ער טוט איין עבירה בפרהסיא העלפט ניט יו"כ אוך יסורים העלפן ניט ביז ער מוז שטארבן אונ ער טוט פר זיין טויט תשובה זענן אלע דריי מכפר יו"כ אונ יסורים אונ מיתה דס איז ווס הייסט רעכטי תשובה אז ער קאן זיא ווידר טוהן אונ האלט זיך אוף אונ טוט זיא ניט דס הייסט איין רעכטע תשובה אונ די בעסטי תשובה איז ווען ער איז נאך יונג אונ איז נאך שטארק נאך צווא גיין דעם יצר הרע אונ ברעכט דעם יצה"ר אונ טוט שון ניט וואס ער הט גטוהן אבער אוף דר עלטר ווייל ער איז שון שלאף אונ ער טוט אימר די עבירה ניט וואס ער פלעגט צו טוהן דס איז קיין רעכטי תשובה ניט דען ער הט כמ לא קיין כח נאך צווא גיין דעם יצה"ר דרום האט שלמה המלך ע"ה גזאגט (וזכור את בוראך בימי בחורותיך) דאך העלפט תשובה אפילו ער האט זיין לעבענס טאג עבירות גטוהן אונ טוט תשובה איז אים הש"י מוחל זיינע עבירות נייערט ער זאל ארויס ריידן קודם מותו איך האב חרטה אויף מיינע עבירות וואס איך האב גטוהן אונ וויל זיי שון ניט מער טוהן אונ זאל שרייען אונ בעטן פר גאט מיט גרויס גוויין אונ זאל געבן צדקה נאך זיין פר מעג נאך אונ זאל זיך מתרחק זיין וויא מעגלך איז פון איין עבירה בפרט פון אזו איין עבירה וואס ער הט שון אמאל גטאן אונ זאל מענה מעשיו זיין אונ משנה שמו זיין ער זאל זאגן איך בין ניט דער מענטש וואס איך בין צום ערשטן גוועזן אוך ווער זיך איז גולה ממקומו דען גלות איז מכפר עון אונ זאל זיין עניו אונ שפל אונ אויב ער הט גזינדיגט קעגין זיין חבר זאל ער פאר לייטן זאגן איך האב קעגין דעם פלוני גזינדיגט אזו אונ אזו האב איך גטאן אונ אצונד האב איך חרטה בעט איך ער זאל מיר מוחל זיין אונ ווער עס פר הוילט זיינע זינד קעגין זיין חבר הייסט זיין תשובה קיין תשובה ניט נייערט ער מוז אויס זאגן ווס ער הט גטאן קעגן זיין חבר איז אים הש"י אויך מוחל אבער די עבירות וואס דער מענטש זינדיגט קעגן גאט ב"ה בדארף ער ניט מפרסם צו זיין פאר לייט דען ער הייסט איין עזות פנים נייערט ער זאל שטיל פאר גאט מתודה זיין אונ זאגן פר גאט אליין זייני עבירות אונ פר לייט זאל ער סתם זאגן חטאתי עויתי פשעתי אויף אים איז גזאגט גווארן דער פסוק (אשרי נשוי פשע כסוי חטאה) וואל דעם מענטש ווס פר הוילט זייני זינד :

כא די פר צייטיגע חסידים פלעגן אוף צו שרייבן זייערי חטאים אוף בריף

כדי

כְּדֵי זַיי זָאלֶן גְרֶענְקֶין אוּנ זַיי זָאלֶן דְרוּף מִתְוַדֶה זַיין אוּנ חֲרָטָה הָאבֶּן דְרוּף זָאגְט דֶר פָּסוּק (וחטאתי נגדי תמיד) אוֹךְ הָאבֶּן זַיי תָּמִיד גְדַאכְט מִיוֹם הַמִיתָה אוּנ גֵיהִנֹם וְיוֹם הַדִין דָא אִיז אִין זַייא אֵיין גְנַאנְגֶן גָאט לִיבּ צוּ הָאבֶּן אוֹךְ זָאל מֶען דָאס שְׁרַייבֶּן בְּרֶמֶז נִיט אַרוֹם צוּ שְׁרַייבֶּן זַיינֶע חֲטָאִים טָאמַר וֶוערְט אֵיינֶר גְפִינֶען דָא וֶוערְט עֶר אִים הַאלְטִין פַר אֵיין רָשָׁע אָבֶּר עֶר מֶעג זָאגִין פַר אֵיין צַדִיק זַיינֶע זִינְד כְּדֵי עֶר זָאל אִים לֶערְנִין וִויא עֶר זָאל דְרוּף תְּשׁוּבָה טָאן אוּנ עֶר זָאל אוֹס פְרֶעגְן סְתָם וְוען אֵיינֶר טוּט אַזוֹ אֵיין עֲבֵירָה וָוס פַאר אֵיין תְּשׁוּבָה זָאל עֶר דְרוּף טָאן חָאטְשִׁי תְּשׁוּבָה אוּנ צְדָקָה אִיז אִימֶר גוּט אָבֶּר צְווִישֶׁן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּנ יוֹם כִּפּוּר אִיז צוּם בֶּעסְטֶן דֶען דֶענְצְמָאל אֲפִילוּ אֵיין יָחִיד אַז עֶר טוּט תְּשׁוּבָה שְׁלֵימָה מִיט זַיין גַאנְצֶן הַארְץ אִיז אִם הַשֵׁ"י אוֹךְ מוֹחֵל וִויא אִין פָּסוּק שְׁטֵייט (דרשו את יי בהמצאו) אָבֶּר וֶוען רַבִּים טוּהֶן תְּשׁוּבָה אֲפִילוּ אִין מִיטֶן יָאר וֶוערֶן זַיי גֶענְמְכֶּרְט וִוי אִין פָּסוּק שְׁטֵייט (מי כיי אלהינו בכל קראינו אליו) יוֹם כִּפּוּר הֶעלְפְט תְּשׁוּבָה הֶן פוּן אֵיין יָחִיד אוּנ פוּן רַבִּים אוּנ אִיז יוֹם סְלִיחָה וּמְחִילָה לְכָל יִשְׂרָאֵל דְרוּם זָאל אִיטְלִכֶר מֶענְטְשׁ תְּשׁוּבָה טָאן אוּנ ווִידוּי זָאגֶן פַר נַאכְט אֵיידֶר מֶען עֶסְט אוּנ דֶר עִיקָר ווִידוּי אִיז מֶען זָאל זָאגֶן (אבל אנחנו חטאנו) דָס אִיז טַייטְשׁ פַר וָואר מִיר הָאבֶּן גְזִינְדִיגְט אוֹף דִי עֲבֵירוֹת וָוס מֶען הָאט אִין יוֹם כִּפּוּר מִתְוַדֶה גְוֶוען מֶעג עֶר אִיבֶּר אֵיין יָאר ווִידֶר מִתְוַדֶה זַיין :

כב וֶוען עֶר הָאט אֵיין עֲבֵירָה גְטָאן אוּנ מֶען אִיז אֵיין אַנְדֶרֶן הוֹשֵׁד אוֹיף דִיא עֲבֵירָה זָאל עֶר זָאגֶן אִיךְ הָאבּ דִיא עֲבֵירָה גְטָאן כְּדֵי מֶען זָאל נִיט אַנְדֶרִי חוֹשֵׁד זַיין דֶען (חושד בכשרים לוקה בגופו) ווען פוּן דִיא חַבְרוּתָא הָאבֶּן אֵיין עֲבֵירָה גְטָאן מֶען ווייסְט נִיט וֶועלְכֶר מֶעג אֵיינֶר זָאגֶן אִיךְ הָאבּ דִיא עֲבֵירָה גְטָאן כְּדֵי דֶר וָואס הָט דִיא עֲבֵירָה גְטָאן זָאל זִיךְ נִיט שֶׁעמֶן וִויא דִיא מַעֲשֶׂה אִיז גְשֶׁעהֶן מִיט רַבִּי מֵאִיר אֵיין מָאל אִיז גְקוּמֶן אֵיין אִשָּׁה אִין בֵּית הַמִדְרָשׁ פוּן רַבִּי מֵאִיר אוּנ הָאט גְזָאגְט אֵיינֶר פוּן אַייךְ הָאט מִיךְ מְקַדֵשׁ גְוֶוען מִיט בִּיאָה אַזוֹ הָאט רַבִּי מֵאִיר אִיר גֶעט גְגֶעבִּין אַזוֹ הָאבֶּן אַלִי אִיר גֶעט גְגֶעבֶּן הֶט מֶען דֶעם זֶעלְבִּיגִין נִיט מְבַיֵישׁ גְוֶוען דֶען מֶען הָאט נִיט גְווִיסְט וֶוער עֶס הֶט דִי עֲבֵירָה גְטָאן אוֹיךְ וֶוען אֵיינֶר אִיז מִתְוַדֶה זָאל עֶר זָאגִין בִּלְשׁוֹן רַבִּים חָטָאנוּ דֶען כָּל יִשְׂרָאֵל זֶענִין עָרֵב אֵיינֶר פַר דֶעם אַנְדֶרֶן וֶוען אֵיינֶר וֶוערְט נִיט זַיין חַבֶר אוֹף זַיינֶע עֲבֵירוֹת זָאל עֶר מִתְוַדֶה זַיין גְלַייךְ עֶר הָאט אַלֵיין דִיא עֲבֵירָה גְטָאן :

כג אוּנ תְּשׁוּבָה אוּנ יוֹם כִּפּוּר אִיז נִיט מְכַפֵּר נֵייעֶרְט דִי עֲבֵירוֹת וָואס עֶר טוּט קֶעגֶן גָאט דְהַיְינוּ עֶר הָאט גְנֶעסֶן דְבַר הָאָסוּר אוֹדֶר עֶר הָאט אֵיין אַנְדֶרִי תַּאֲוָה גְטָאן וָוס אִיז אֵיין עֲבֵירָה קֶעגֶן גָאט אָבֶּר דִיא עֲבֵירוֹת וָואס אֵיין מֶענְטְשׁ קֶעגִין זַיין חַבֶר טוּט עֶר הֶט אִים גְגַזְלְתּ אוֹדֶר גְשָׁאלְטֶן מוּז עֶר אִיבֶּר בֶּעטֶן אַז עֶר זָאל אִים מוֹחֵל זַיין אֲפִילוּ וֶוען עֶר הָט אִים דִיא גְזֵילָה אָפּ גְגֶעבֶּן מוּז עֶר אִים מְחִילָה בֶּעטֶן פַאר לַייט אוּנ וֶוען עֶר הָט אִים

צווייא

צווייא אודר דריי מאל מיט לייט מחילה גבעטין און ער וויל ניט מוחל זיין איז ער איין חוטא און הייסט איין אכזר איין מענטש גיהער צו זיין שווער צו דער צערנן און גרינג איבר צו בעטין און ער מוז אים מוחל זיין בלב שלם אפילו ווען מען האט אים פיל צער אן גטאן :

כד ניט אזו וויא די גבעונים האבן זיך ניט גלאזט איבר בעטין שרייבט תורה אויף זייא אן (כי לא מבני ישראל המה) ווען מען זינדיגט קעגן איין רב מוז ער אים אפילו הונדרט מאל מחילה בעטן ביז ער איז אים מוחל :

כה ווען איינר הט קעגן זיין חבר גזינדיגט און דר חבר איז גשטארבן זאל ער גיין מיט צעהן לייט אויף זיין קבר און זאל זאגין חטאתי לאלהי ישראל) און האב גזינדיגט צו גאט און צו דעם פלוני דם און דאס האב איך אים גטאן אוב ער איז אים שולדיג געלט זאל ער אום קערן די יורשים און ווען ער האט קיין יורשים ניט זאל ער אנידר לייגן דם געלט צו איין דבר טוב און זאל מתודה זיין :

כו בכל אלי צייט זאל זיך דעם מענטשן דערנקין ער איז נוטה למות און נייט פון עולם בלא תשובה דרום זאל ער זיך מקדים זיין צו דער תשובה און תיכף תשובה טאן. ווי אונזרי חכמים האבן גזאגט (שוב יום אחר לפני מיתתך) :

כז אל ער זאל ניט גדענקין תשובה צו טאן דווקא אויף אוני עבירות וואס איין מעשה איז דהיינו גזלות אדר גניבה. פאר וואר אוף בייזי מדות דאס איז כעס אדר פיינד צו האבן אדר מקנא צוא זיין און נאך גיין כרעסן זופן דאס איז הארביר ווייל ער איז רגיל דרינן מוז ער זעהן זייער פורש צו זיין :

כח וזאת דאס עיקר תשובה מיט גאנצין הארצין ווען אים טרעפט זיך איין עבירה צו טאן זאל ער זיך מיישב זיין ווען עס הט זיך אים גיטראפן אז ער מוז נהרג ווערין על קידוש ה' הט ער עס גמוזט לייד מכ"ש אז ער זאל ליידן דיא עבירה ניט צו טאן ווען עס טרעפט זיך אין דער תפלה איין הרהור פון איין אשה זאל ער זיך אראפ בייגן צו דר ערד און זייני צוויי גראבע פינגער איין שטעקין אין דער ערד איין מענטש זאל מתפלל זיין אז עס זאל אים קיין עבירה ניט צו קומן דען מיט איטליכע עבירה בשאפט ער איין מקטרג דער וועט אים נאך זיין טוט גרוסע יסורים אן טאן :

כט ואם ווען איין מענטש טוט איין מצוה זאל ער זיך ניט מחזיק טובה זיין נייערט ער זאל געבן שבח והודיה צו גאט אז ער האט אים דער צוא גבראכט · דר מענטש וואס וויל תשובה טאן און זיך נוהג זיין במדות חסידות און וויל משיג זיין כבוד הבורא זאל ער אוועקווארפן כעס אוך ניט מיט לייט צו ריידן ניט שפילן זיך מיט זייני קלייני קינדר אפילו ווייניג ריידן מיט זיין ווייב און זאל נזהר זיין אפילו במצוה קלה און זאל מהדר פני זקן אוף צו שטיין פאר אים אפילו הונדרט מאל :

ל הזהר דו מענטש היט דיך זייער פאר דעם יצר הרע פילייכט וועט ער

דיך ברענגן לבאר שחת דאס איז דאס ברענדיגע גיהנם דורך תשובה צוא דיין בשעפר ווערסטו פון יצה"ר געהיט אונ זאלסט דיך מרחיק זיין פון עסין פיל פלייש גדענק אז עס וועט קומן אזעלכי טעג ביסטו גוט וועט דיר גוט זיין חלילה אז דו טוסט בייז וועט דיר וויי זיין אין די זעלביגי טעג טוא דאס אויף דיין הארצן טאג אונ נאכט אז נאך דעם טויט איז עונש חיבוט הקבר אוך דיא ווערים ווערין דיין שעלבן פלייש אויף פרעסן מכ"ש אז דוא טוסט ביטערליך וויינען אויף דיני גיהנם דארטן וועט מען דיר כח געבן צוא ליידן יסורים קשים ומרים :

לא גם זעה זאלס גאט ליב האבן מיט דיין הארץ אונ מיט דיין נפש אונ נעם דיר איין משל ווען איינר טוט דיר איין טובה אונ שענקט דיר צעהן גולדן אדר מער אדר ווען ער איז מפרנס דיך מיט דיין וייב אונ קינדר גידענקסטו דיר דאך וואל ווי טרעפט זיך אונז נאך מער אונ זאגט ווען איך וועל לעבין טויזנט יאר וועל איך אים ניט קענן אפ דינען איך מוז אים זייער ליב האבן וואס ער וועט מיר גבימין וויל איך טון מיט גרוים שמחה אפילו איין שווערי זאך מכ"ש אז אהבת הש"י זאל דיר זיין שטארק אין דיין הארץ ער איז דיך מיט דיין וייב אונ קינדר מפרנס אונ גיט דיר דאס לעבן קערסטו ניט עובר צו זיין אויף זיין גיבאט אפילו איין קליינע מצוה ווארום מיר ווייסן ניט דעם שכר פון מצות אונ מכ"ש פון געלט וועגן עובר צו זיין אויף איין מצוה אונ דוא זאלסט דיר ניט גדענקן פאר דעם געלט וויל איך גרוסי מצות טאן מאמר וועסטו ניט דר לעבן דיא מצות צו טאן ממילא בלייבט די עבירה אויף איר ארט קום אונ זעה וויא דוא זאלט ליב האבן גאט ב"ה וואס ער טוט מיט דיר ווינדערליכי גינאד בראשון הט ער דיך בשאפן פון איין טפה סרוחה אונ הט דיר גגעבן דיין נשמה דר נאך וויא ביסט גקומן בזה העולם הט ער דיר גגעבן איין מויל צו ריידן אונ דם הארץ צו פר שטיין אויערן צו הערין ער דער נערט דיך עד איז ממית ומחיה ער איז מלך מלכי המלכים הקב"ה. ער האט בשאפן הימל אונ ערד דעם ים אונ אלי בשעפניש ווס דרינן איז אונ ער גיט וואל השגחה אויף דיא מעשים פון דעם מענטשן אונ בצאלט איטליכין נאך זיינע מעשים נאך אונ מיר האבן דאס אלץ ניט אין זין אונ פלוצליג שטארבט מען אוועק דרום זאלן מיר זיך צו הארצן נעמן מרחיק צו זיין מן התאוה אונ ברוט מיט זאלץ צו עסין אונ וואסר צוא טרינקן אונ ניט מסתכל זיין אויף נשים אונ לייט ליב צו האבין דן צו זיין איטליכן לכף זכות אונ זיך שפל צוא האלטען קעגין איטליכען מענטשין אונ עוסק בתורה צוא זיין :

לב וכל איטליכר מענטש וואס הט ליב צו טאן צדקות אונ מקבל שטראף אונ גמילות חסדים אונ מכנים אורחים אונ איז מתפלל בכוונה לייט ער קיין חיבוט הקבר גיט אוך דען דין פון גיהנם זעהט ער ניט גם מען

זל

זאל זריז זיין בעבודת השי"ת ווי אונזערי חכמים האבן גזאגט (הוי עז כנמר וכו׳:

לג בשעה אז דער מענטש ווערט געבארן ווערט נישט נגזר אויב ער זאל זיין איין צדיק אדער איין רשע דאס גיט מען דעם מענטשן אין זיין האנט וויל ער איז ער איין צדיק אדער איין רשע וויא זייער קער דר חוטא צו וויינן אז ער הט זיך דעם שלעכטן וועג בוחר געוועזן זעה ווען זיין קינד איז קראנק וויא פיל תעניות תחינות ובקשות ער טוט פר אים וואָרן ער האט אים ליב מכ"ש אז ער קער דאס צו טון פר זיין אייגן נפש וועגן אז ער זאל קומן לעולם הבא:

לד יכרת גאט פאר שנייד די שמייכלדיגי לעפצן און וואס לעהרע ריידן ראה זעה אהער די מרגלים האבן לשון הרע גרעט אוף א"י דאס איז נאר עצים ואבנים זיי זעהן און הערן ניט זייער שאנד. וויא זייא זענן זייער גשטראפט גווארין מכ"ש ל"ה צו ריידן אוף איין מענטשן דער איז בשאפן גווארן בצלם ודמות הבורא דם ברענגט אלץ ווען מען רעט פיל אונזרי חכמים האבן גזאגט ווען איינער רעט שיחת חולין דהיינו אזוני רייד וואס ער בדארף ניט איז ער עובר אוף איין עשה און לא תעשה אפילו בדברי תורה קער זיך בוחר זיין איין קורץ לשון ווי אין דער גמרא שטייט (לעולם ישנה אדם לתלמידו דרך קצרה) צו זיין תלמיד ווען ער לערינט מיט אים זאל ער אים געבין בקיצור צו פאר שטיין און זאל אוף אים ניט שרייען ווי דר פסוק זאגט (דברי חכמים בנחת נשמעים):

לה המדבר דר וואס רעט לערי רייד און הט ניט אין זין אז הקב"ה פרובט זייני רייד דר פירט זיך ניט בדרך טובה דען ער קער אין זין צו האבן גאט הערט דס וואלדרום זאל ער שווייגן אין זין צו האבן דיא ווינדר און דם גוטס וס ער טוט מיט אים אבער ווען ער רעט דברים בטלים הט ער עס אלץ גוט אין זין דען ער איז גלייך ווי איין בלינדר און קעגין אים איז איין זעהנדיגער מיינט דער בלינדר וס ער טוט זעהט מען אזוי אוך דער מענטש מיינט אז גאט זעהט ניט צוא וואס ער טוט אבער ווען ער איז זיך מרחיק מדברים בטלים און זיין מחשבה איז אוף גאט אזוי זינדיגט ער אוך ניט:

לו ברוב דורך פיל שווייגן בטייט אז ער הט מורא פר הקב"ה אבר ווען ער דער הייבט זיין קול דאס ווייזט אז ער האט קיין מורא גלייך אז איין בלינדר און דער מלך שטייט קעגין אים און ער רעט פיל רייד אבר ווען ער ווייסט אז דער מלך איז דא אזוי הט ער עס ניט גירעט:

לז יראה דם איז דיא בעסטי יראה ווען עס טרעפט זיך איין חטא אים צו טאן און ער פארכט זיך פאר איין מענטשן ניט דהיינו קיין מענטש קאן אים ניט ווערן און קיין בושה איז אוך ניט דר ביא און ער פר לאזט דאך דעם חטא דאס הייסט יראת ה׳ טהורה דען די יראה איז וואס ער פארכט זיך פאר גאט:

לח נצור לשונך אז דו שטרפסט לייטן זעה אז דוא זאלסט שטראפין מיט שכל למשל אז דוא שטראפסט זייא אין א.וני זאכין וואס איבר שכל אין דהיינו עס איז קיין מענטשלכי נאטור ניט אזו הוך צו גרייכן קומט דיר איין שאנד ארוס דען לייט זאגן ער קאן דס אלץ ניט מקיים זיין אבר וועןער שטראפט נאך דעם שכל דהיינו ווס נטורליך איז דא ווערן זיינע רייד מקובל :

לט עת לחשות עס איז איין צייט וואס מען זאל שווייגן אין איין צייט וואס מען זאל ריידין דהיינו אז מען שעלט אים זאל ער שווייגן אבר אין דר תורה זאל ער ריידין אוך ווס דו וועסט שטראפין וועט מען דיך צו הערין זאלסטו ריידן ווען ניט זאלסטו שווייגן :

מ כי עליך הורגנו כל היום · דס איז אזו טייטש ווען איין מענטש נעמט איין בושה ווייל ער איז מקיים די מצות אוך ווען איין מענטש טוט איין עברה אונ ווערט דורך דעם מבויש איז אים הקב"ה מוחל אוף זיינע עבירות :

מא אלמלא ווען ניט וואס גאט האט בשאפן די בושה האט דער מענטש ניט ריין געוועזין פון עברות דהיינו ווען ער הט זיך ניט געשעמט הט ער געטאן אלי עבירות אונ מפני בושה טוט ער דאס ניט :

מב התשובה בדארף פיר זאכן איינס אז ער זאל חרטה האבן אוף איטליכר עברה דס אנדרי איז ער זאל שון מער ניט טון דאס דריטע ער זאל מתודה זיין מיט גאנצן הארץ דס פירדי איז ער זאל מקבל זיין בלב שלם אז ער זאל ניט טוען ווען ער טוט עס ווידר איז גלייך אז איינר איז זיך טובל אונ אין זיין האנד האלט ער איין שרץ אונ ער מוז ארוס רעדן די עבירות וואס ער האט געטאן :

מג עשרים וארבעה פיר אונ צוואנציג זאכין איז איין עבירה ווען מען טוט עס סייא איש או אשה ווען מען איז מבזה איין חכם אפילו נאך זיין טויט ווען איינר רופט זיין חבר עבד ווען מען איז מזלזל איין זאך פון די חכמים זייערי רייד מכל שכן וואס אום הערין תורה קומט ארוס איינער וואס אין זיין הוז איז אזו אזאך וואס הרגית לייטן דהיינו איין בייזער הונד אדר איין שלעכטר לייטער ווער זאגט פאלש עדות אוף זיין חבר אונ ברענגט אים אום געלט מוז ער אים דעם היזק אום קערן איין כהן טבח גיט קיין מתנות כהונה ניט וואס פון דר בהמה קומט צו איין אנדרין כהן ווען מען איז מחלל יום טוב איינר ווס טוט זיין מלאכה ערב פסח נאך מיטאג איינר ווס איז מזכיר שם שמים לבטלה · איינר ווס ברענגט לייטן לידי חילול השם איינר וואס ברענגט לייטן צו עסין קדשים חוץ לבית המקדש ווער עס רעכינט דיא יארין אונ קובע חדשים אין חוץ לארץ איינר וואס שטרויכלט דאס בלונדן אז ער זאל פאלין ער ניט צוא פליים יענים איין שלעכטי עצה ווען רבים ווילן איין מצוה טאן אונ ער איז מעכב איין שוחט

שוחט וס דורך זיין האנט ווערט געגעסין טריפות איין שוחט עם הארץ וואס ווייזט זיין חליף ניט פר דעם חכם. איינר ווס גיט זיין ווייב דער נאך מאכט חברותא מיט איר. איין חכם וואס מען הערט זאגן אוך אים בייזי שמועות:

מד ארבע כתות זענין ניט מקבל פני השכינה איינס איז די כיתה שקרים דס אנדרי חנפים וואס טרייבט חנופה. דאס דריטי ווס זאגן לשון הרע כת ליצנים דאס איז שפעטרים ווען איינר איז מוציא שם רע אוף זיין חבר אונ מען הט דס אוף אים ניט גיטראכט דיא זאך קען דר מוצא שם רע ניט פאר רעכטין אפילו ווען ער טוט תשובה האט ער קיין מחילה עולמות ניט אפילו אוף איין קליינ צער וואס ער טוט זיין חבר איז זיין עונש פון גאט דהיינו ער שפייאט אום פלאט אונ זיין חבר ווערט מיאוס אונ עס וואר אוך איין מעשה איין חסיד וואס ער האט גזעהן שפאייכטס הט ער צו גידעקט כדי אז עס זאל אנדרין ניט מיאוס זיין צדקה בסתר צו געבן כדי דער עני זאל ניט מבויש ווערין אונ איין אשה זאל ער געבין אויפן וואר אז מען זאל אים ניט חושד זיין אונ אנדרי וואס זענין אום חושד ווערין זייא ניט גישטראפט ווערין אוך גפינען מיר קליינע עבירות וואס דער מענטש אכט נוט אונ ער מוז דריבער עונש ליידן דהיינו ער נעמט דעם חברס זאך אונ בהאלט כדי דר חבר זאל זוכן אונ איז אים מצער. אוך ווען ער איז מצער איין בהמה ער לייגט אוף איר משא איבריג אדר ער שלאגט זיא איבריג אונ דס גלייכן קער זיך דר מענטש מרחיק זיין:

מה לעולם קער דר מענטש מתפלל זיין אז דורך זיין האנט זאל קיין מכשול קומן אזו וויא מיר גפינן ביי דעם מלך אסא האט גמאכט איין גרוסן גראבן אין דר שטאט רמה נאך פיל יארין הט ישמעאל בן נתניה הרוגי ישראל אן גפילט וואס ער האט דר שלאגן. אונ מיר גפונן ביי דוד המלך אז שאול איז אין זיין האנט גיפאלין האט ער אים דאך ניט דער שלאגין:

מו כל מעשיך יהיו לשם שמים דס איז ווען דר מענטש זעצט זיך עסין אדר לייגט זיך שלאפין זאל זיין כוונה זיין דאס טוא איך אז איך זאל קענין גאט דינן אונ תורה לערנין אדר ווען ער מאכט המוציא איבר דעם ברוט אונ איין ברכה איבר פירות זאל זיין כוונה זיין צו גאט אז ער האט אים גגעבין ברוט אונ פירות הנאה דר פון צו האבין:

מז מלפנו מבהמות הארץ דר מענטש קער זיך ראיה צו נעמן פון חיות ועופות לאם איך זעהן דר הונד איז זייער גטרייא זיינם הערן אוך גפינען מיר אז דר הוזר האן הט זיך זעלבסט דר ווארגין וייל ער האט ניט גיקענט זיין נאמנות פארט ברענגען וואס האט גשווארן דעם שר של ים מכ"ש אז מיר קערן זיך צו פירן מיט אמת אז הן זאל זיין הן אז לאו זאל זיין לאו אוך ער מאכט מיט זיין קאפ יוא אדר ניין זאל עס אלץ זיין באמת:

מח טוב ארך אפים מגבור דאס איז דער כלל אלי דיא מחלוקת קומן וייל

דער

דער מענטש גלוסט צו הערין דברים בטלים דאס ברענגט לידי כעס
און איין עבירה ברענגט די אנדרי :

מט ויאמר לרשע למה תכה רעך ווען איין מענטש הייבט זיין האנט אויף
קעגן איין אום שולדיגן מענטש צו שלאגן הייסט ער רשע אונזרי חכמים
זאגען ווען איינר שלאגט זיין חבר אויף זיין באק גלייך ער האט מורד
געווען בשכינה :

נ צדיק אוכל לשובע נפשו וגו' דר מענטש זאל זעהן אז זייני מעשים זאלין
זיין שיין ער זאל ניט עסין אכילה גסה ניט מער וואס ער באדרף אין
זאל ניט חאפן גשווינד ווי איין פרעסר און זיין כוונה זאל זיין מיט דעם עסין
אז ער זאל שטארק זיין גאט צו דינען :

נא אסור איין מענטש טאר זיך ניט געוויינן אז ער זאל ריידן און זיין הארץ
איז ניט דער ביי ער טאר ניט גנבנין די דעה פון קיין שום מענטשין
בעולם אויך טאר מען ניט מפציר זיין איין חבר אז ער זאל גיין עסין מיט אים
און זיין דעה איז ניט דער ביא און אלי זייני דברים זאלען זיין
באמת ער זאל ניט שפעטין און לאכין אויך זאל ער ניט טרואריג זיין
אימלכן מענטשן זאל ער שיין אנטפאנגין און מיט וואס ער הט זאל ער זיך
משמח זיין ער זאל זיך קריגן און ניט יענים מקנא צו זיין און ניט רודף
אחר כבוד זיין עס זאל אים ניט גלוסטן דס ברענגט אליך דעם מענטשן פון
דער וועלט :

נב כללו של דבר דר כלל איז ער זאל זיך פיר נעמן דעם מיטל פאל דהיינו
ער וועט זיך וועלן גדענקן מאחר אז קנאה ותאוה וכבוד איז איין
מדה רעה וויל איך קיין פלייש ניט עסין קיין וויין ניט טרינקן אין וויך
און קיין שייני דירה ניט זיצן און איך וויל אין קיין ווייסי קליידר ניט גיין
דס זאל ער ניט גדענקן וויא מיר גפונן ביי איין נזיר הט אים דיא תורה
גרופן חוטא ווייל ער הט זיך גאסרת וויין צו טרונקן אויך די וואס פאכטן
תמיד איז ניט גוט סיידין אז דער יצר הרע איז זייער איבר אים מתגבר
מעג ער זיך וואול מסגף זיין כדי אז ער זאל מכניע זיין דער יצר הרע
און סופרים ומלמדים ופועלים טארן זיך ניט מסגף זיין דען זייא קענין
זייער מלאכה ניט רעכט פירן ווען זיי פאסטן און מיר גפונן אויך ניט אז
גאט זאל הייסין פאסטן דיא ישראל :

נג כי קו לקו ביסלך וויים צאלט גאט מדה במדה הן שכר אודר כבוד
בצאלט אים גאט אויך וואס ער פרעגט דר נאך ניט אזו וויא מיר גפונן
שלמה המלך האט ניט גפעדרט פון גאט עשירות אודר כבוד גייערט
חכמה הט ער זוכה געוועזין צו חכמה און עשירות און כבוד ווס ער האט
ניט גבעטין דרוף און משה רבינו זיין רצון וואר מיט זיין תפלה דיא
ישראל מציל זיין און גאט שפראך איך וויל דיך מאכן צו איין גרוס פאלק
און משה הט דרוף ניט גבעטין דאך הט גאט פון אים ארוס גצוגין מער

אז ששים רבוא . על כן זאל דער מענטש גדענקן תמיד אז גאט שטייט קעגין אים :

נד איזה וועלכם איז רציחה וואס ווערט דער קענט דאס איז ווען מען איז יענים מבייש עס וואר אים ליבר געוועזין אז ער זאל גהרגית ווערין אונ דיא עבירה איז ביי דעם עולם זייער גרונג אונ ווען דר מענטש וויל דרוף תשובה געבן זאלין זיי אים זאגן דוא מענטש זאלסט וויסן אז דוא האסט איין גרוסי מעשה רע גטאן דוא האסט דיין חברם בלוט פר גאסין דרום גייא אונ בעט דיין חבר מחילה אונ ווייטר זאלסטו דיך היטן קיין מענטש מבייש צו זיין אפילו ווען יענר וועט דיך מבייש זיין . דען אזו איז דער סדר פון די בעלי תשובה אז מען לעסטרט זיי שווייגען זייא אונ ענפרין ניט אפ אונ ווען איינר זאגט צו דעם בעל תשובה גידענק וואס פלעגסטו צו טאן זאל ער ענפרן איך וויים וואל אז איך האב חוטא געוועזין נוא וויא פיל האב איך גטאן שלא כהוגן אונ גאט וועט מיר מוחל זיין אונ ווען דר עולם ווייסט פון דיא מעשים רעים זאל ער דאך לערנין די הלכות וואס דר פון רעט ווען שון ער ווערט דר דורך מבויש ליבר ער זאל מבויש ווערין בזה העולם אונ זיינע עבירות זאל מכופר ווערין :

נה ועובר על מדותיו ער זאל עובר זיין אוף זיינע מידות כדי זיינע פשעים זאלין פר געבן ווערן איינר וואס איז מבוזה ביי דעם עולם ניט מחמת מעשים רעים דר וועט לעתיד דר הויבן ווערן אונ ער קען זיך צו גדענקן פאר וואס זאל איך מיך בגאוה האלטן איז דען מיין פלייש אייזן אודר קופער איך בין דאך ניט מער אז פלייש אונ ווערים :

נו ועניים אונ ארמי לייט זאלסט ברענגן אין דיין הויז דען הכנסת אורחים איז מער ווי קבלת פני השכינה וויא אברהם הט גזאגט צו גאט האר דא ביז איך וועל אורחים אריין ברענגן אונ דער מענטש איז ניט מחוייב זייא פלייש געבן צו עסין אודר ויין צו טרונקן נאך זיין פר מעגינס זאל ער זיי געבין בשמחה דען איז בעסר איין שטיקל ברוט בשמחה איידר פלייש אן שמחה אונ בשעת אכילה זאל ער זאגן גאט ב"ה ווייסט אז איך זאלט דיר גערן גגעבין צו עסין פלייש אין דער פריא אז דר ארום מאן גייט אוועק גיב אים צו עסין אונ איז אוך איין מצוה דעם עני צו בלייטן :

נז ברכי נפשי את ה' וכל קרבי אפילו די גדערים מוזן גאט לויבן דהיינו ער מוז ריינגן מיט דער יציאה איידער ער איז מתפלל :

נח ארחץ בנקיון כפי קודם התפלה זאל ער זיין האנט וואשן אוך צום עסין ברוט זיך מוז ער זיך וואשן אונ וואל זיין האנט לאזין טרוקן זיין עס איז אסור מזלזל בנטילת ידים זיין אונ ווער רעכט דרוף נזהר איז דער ווערט רייך ווען איינר האט זיין יציאה דר נאך וויל ער ברוט עסין מוז ער זיך צוויא מאל וואשן ווער ער רייב זיין האנט אן שראלן ערד זאל ער מאכן ברכה על נקיות ידים אבר צו עם עסין מוז ער זיין רונקא

וואשי

וואשין עס איז רעכט אז ער זאל האבן גרייט קלייאן ווען ער זיך זיין הענט איין רעכט אן חלב אודר בלוט קען ער זיך דר מיט מנקה זיין איין מענטש זאל זיך ניט לאזין וואקסין די נעגיל ווארום דם ליים וואס אונטר דיא נעגיל מאכט חציצה אין וואשן אויך קומט אונטר זייא טריפה זאכן על כן זאל ער קיינע גרויסע נעגיל וואקסען לאזין אויך אלי ערב שבת זייני נעגיל אפ צו שניידען:

נט כי לא נחש ביעקב מיר ישראל זענין געבאטין געווארין אז מיר זאלין זיך ניט קערין אן ניחוש אונ בעו"ה זענן פר האנדן פיל נשים וואס זאגין מוצאי שבת זאל מען קיין אייער ניט עסין אויך זאל מען צוויא מאל קיין פייער ניט נעמן וויא איין חולה איז אודר אין דיא ניין טעג פון איין קינד בעטערין דאך מער אז זייא זעהן דאס פייער שיסט ארויף זאגן זיי דאס בטייט מיר וועלן האבן אורחים אונ אז מען פר לעשט וועט דער אורח פאלן אין וואסר אונ דר שטן איז זיך מכוון די זאך צו טאן כדי ער זאל זיך מאכין דאס פאר איין אמת וויא צו דיא דאס טוען אויך דיא מענטשן וואס זאגן אצונד ווילן מיר ניט אן הייבן צו לערנן ערשט ר"ח דאס טואן זייא ניט רעכט דען אז איין מצוה קומט צו האנדן זאל מען זיא ניט אפ לייגין אויף איין אנדרט מאל:

ס שובה ישראל עד יי אלהיך תשובה גרייכט ביז דעם כסא הכבוד אונ תשובה איז פריר איי די וועלט איז בשאפן געווארין אונ איז בעסר אז אלי קרבנות אונ דער בעל תשובה זאל ניט דענקן אז ער איז איין עבירה בעלה וויא איין צדיק מכח דיא עונות ופשעים וואס ער הט געטאן זיין מדריגה איז העכר דאך מין וועדר איין צדיק דען ער ווייסט דעם טעם פון דר עבירה אונ איז זיך דאך פורש:

סא כתיב טוב מלא כף נחת וגו׳ דאס איז בעסר די צדקה וום ער גיט אזעלכע עניים וום יראת שמים האבן אפילו ווען ער גיט זייא ווינציג מיין אז ער זאל פיל געבן אונ זייא זענין קיין יראי שמים ניט זיי נעמן דיא צדקה איז דעם בעל צדקה פאר איין עבירה גרעכענט דרום זאל ער מתפלל זיין אז גאט זאל אים צו שיקן עניים טובים נאך איין פשט איז עס איז בעסר ווינציג צדקה דען ער גיט מיט גוטן ווילן אן גשריי מיין אז פיל מיט גשריי אודר ער זאל מפרנס זיין איין עני מיין וועדר פינף עניים אונ די צדקה איז זיי ניט גינוג אויך דער עני וואס נעמט צדקה איז מחויב צו געבין ווייטר צדקה ער קער זיך נוהג צו זיין אלע וואך איין שילינגר צו געבין צדקה אונ עס זאל ביי אים איין חק קבוע זיין אונ מאחר אז דר עני קאן ניט פיל צדקה געבן זאל ער ערליך מתעסק זיין אין אנדרי מצות אונ דר פרנס הצבור טאר ניט נייטין עניים צדקה צו געבן:

סב אשרי איש ירא יי דם איז טייטש וואל דעם מענטשן וואס טוט תשובה אז ער איז נאך איין מענטש דהיינו ער איז נאך יונג אונ דר יצר הרע

איז

איז ביא אים שטארק אונ דאך איז ער אית גובר אונ מצות וואס ער טוט
איז אלץ לאהבת הבורא אונ ניט אז ער זאל מקבל שכר זיין :

סג ואלה הדברים דיא זאכן זאל ער וואל איין אכט נעמין אז ער זאל טאן
פון ליב שאפט גאטס ווס ער האט אים ליב אוך בעסר אז עס טרעפט
זיך אים דבר שלא כהוגן זאל ער ניט טאן :

סד לא תשא שמע שוא דיא תורה הט מזהיר גוועזין אז מען זאל ניט
מקבל זיין לשון הרע איינר וואס שטרפט זיין חבר פר זיינע אויגן
אונ דער ווערט ברוגז אוף דעם מוכיח אונ זאגט פר דעם בייזי רייד אויף
זיין מוכיח אונ דורך דעם קומט איין שם רע אויף דעם וואס האט אים
גשטראפט אינ דו ווייסט ווס ער רעט דס מאכט וויל אים באנק איז וואס
ער הט גשטראפט אים אונ פר אנדרי לייטן וועט ער דאס ניט זאגן זאלסטו
אים מיט גוטי רייד איין נעמן גדענק דס בייזי ניט אוף דיין חבר בחנם
דען ער וואר דיך שטראפן פר ליבשאפט וויל ער זיך לאזין אויס ריידן איז
גוט אבר ווסט דיך גדענקין איך וויל אנדרי אויף שטעלין פיליכט מעגן
זיי אים אויס ריידן דאס זאלסטו ניט טואן פיליכט וועלן דיא אנדרי אים
יוא גלייבן דעם שם רע אונ וועלין פר דעם מוכיח זאגן ווסטו ברענגן
פון דער מצוה ווס דו ווילסט טאן וועט איין עבירה זיין דען וועסט דו זייא
ברענגן צו מחלוקת אבר ווען דו זעהסט אז ער איז מוציא שם רע אוף
דעם מוכיח פר אנדרי איך זאלסטו אים אן שרייען אונ זאלסט פאר אנדרי
לייט זאגן דס איז אלץ שקר דאס טוט ער וייל ער האט אים גשטראפט •
אויך זאלסטו ריידן אויף דיין חבר פון זייני גוטי מעשים אונ ניט פון בייזי
אונ פר זיין שונא זאלסטו אים ניט לובן דען ער וועט בייז ריידן אויף אים
אוך זאלסטו ניט לובן פר איינם וואס ער האט אוך אזוני מעשים ער וועט
קנאה האבן אין זיך אבר פאר ירא שמים זאלסטו זאגן אז דר חבר איז אויך
ירא שמים דען עס וועט אים ניט באנק טאן ער וועט אוך שמחה האבן :

סה וצדקתו עומדת לעד דרפסוק גייט אוף דעם ווס איז מזכה רבים דהיינו
ער לערנט מיט יראת יי אבר דאס גלייכן ווען דעם מזכה רבים קומט
אים צו דבר עבירה אונ ער ווערט ניצול דר פון זאל ער זיך ניט מהנה זיין
דען גאט איז מציל דעם מזכה רבים אז קיין חטא זאל ניט קומן דורך זיי א :

סז עבדו את יי בשמחה אונ איין מאל שטייט עבדו את יי ביראה דס ווייזט
ווען דער מענטש איז זייער בשמחה זאל ער מכיר זיין דעם טויט אונ
ווען ער איז טרויריג זאל ער זיין הארץ פריילעך מאכן מיט דר תורה :

סח אם ווען דו זעהסט אז איין אדם חשוב וועט אויס גשפעט מוז זיין אז ער
הט אויך אמאל גשפעט אויס איין אדם חשוב דרום ווערט ער בצאלט
מדה כנגד מדה :

סט הוי זעה אז דו זאלסט הן האבן ביי לייטן אונ זאלסט דיך מרחיק זיין
פון רבנות :

אסור

ע אָסור עֶס אִיז אַיין אִיסור צוּ רַייסֶין זַיינֶע קְלֵיידֶר אִיז צָארְן אָדֶר צוּא
בְּרֶעכִין כֵּלִים דֶען הַיינְט טוּט עֶר אַזוֹ מָארְגֶן קֶען עֶר כּוֹפֵר בְּעִיקָר זַיין
דוּרְךְ זַיין צָארְן :

ע״ג וְהָסֵר כַּעַס מִלִּבֶּךָ דָאס אִיז דִי בֶּעסְטֶע מִדָּה אַז דוּ הֶערְסְט אַז מֶען רֶעט
אוֹיף דִיר דְּבָרִים רָעִים זָאלְסְטוּ דַיין פִּינְגֶר שְׁטֶעקֶען אִין דִיא אוֹיעֶרִין :
אוֹךְ פַר שְׁטָאפְּ דִיר דַיינֶע אוֹיעֶרִין ווֶען צְווייא אַנְדֶערֶע קְרִיגֶן זִיךְ אוּנ רֵיידֶן
זִיךְ דְּבָרִים רָעִים אוֹיךְ ווֶען דוּא הֶערְסְט רֵיידֶן אוֹיף דַיין פָאטֶער אוּנ מוּטֶער
זָאלְסְטוּ מֶער נִיט עֶנְפֶרִין דִיא זַאךְ אִיז נִיט אֱמֶת :

עב וְיָרֵאתָ מֵאֱלֹהֶיךָ דָאס אִיז אַיין גְרוֹסֶער כְּלָל אִין דֶער תּוֹרָה דִי זַאךְ הָאט
בַּיי דֶעם מֶענְטְשִׁין אִין הַארְץ שְׁטֶעקְט צוּ בֵּייזִין אִיז דִי תּוֹרָה מַזְהִיר דוּ
זָאלְסְט דִיךְ פֶארְכְטִין פַאר גָאט דֶען עֶר אִיז יוֹדֵעַ מַחֲשָׁבוֹת אוֹיךְ ווֶען דוּא
בִּיסְט דִיךְ מְשַׂמֵחַ זָאל זַיין לְשֵׁם שָׁמַיִם אוּנ אַיין אַנְדֶערֶע קְרִיג זָאלְסְטוּ דִיךְ
נִיט מִישֶׁן :

ע״ג אַל תְּהִי בָז לְכָל דָּבָר ווֶען דַיין חָבֵר רֶעט אַיין זַאךְ מִיט גַּאֲוָה אוּנ דוּ
קֶענְסְט אִים נִיט אַיין צְווִינְגֶן זַיין גַאֲוָה צוּ בְּרֶעכִין זָאלְסְטוּ דָאס לָאזֶן
בְּלַייבֶּן ווָאס דִיר קוּמְט נִישְׁט אַרוֹיס דֶער פוּן אוּנ זָאלְסְט דִיךְ נִיט רֵייצֶן
מִיט קַיין מֶענְטְשֶׁן :

עד אַל זָאלְסְט נִיט אוֹיף הַייבֶּן דַיין קוֹל יֶענֶעם צוּ עֶנְפֶרֶן מִיט עַזּוּת גֶייֶערְט
דַיין רֵייד זָאל זַיין בְּנַחַת אוֹיף דֶעם אוֹרְט ווָאס דוּא זִיצְט אוּנ קוּמֶען צוּ
גֵיין לֵיצִים אוּנ רֵיידֶען דִבְרֵי לֵיצָנוּת גֶייא אַוֶועק שְׁטְרָאף זֵייא נִיט זֵייא
ווֶעלֶן דִיךְ פַיינְט הָאבֶּן :

עה כְּלָל גָּדוֹל בַּתּוֹרָה וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ דוּ זָאלְסְט דַיין נֶעכְסְטֶען אַזוֹ לִיב
הָאבֶּן ווִיא דִיךְ אוּנ דָס מֵיינְט מֶען אַלֶע מֶענְטְשֶׁן דֶען דֶער נָבִיא הָאט
גִיזָאגְט (הלא אב אחד לכולנו אל אחד בראנו) מִיר הָאבֶּן אַלֶע אַיין פָאטֶער אַיין
גָאט הָט אוּנְז אַלֶע בַּשָּׁאפֶן :

עו לֹא דוּ זָאלְסְט נִיט קַיין מֶענְטְשֶׁן שֶׁעלְטֶן גֶייֶערְט בֶּעט גָאט אוֹיף אִים
אַז גָאט זָאל אִים גֶעבִּין אַיין גוּטֶע דֵעָה אוּנ זָאלְסְט נִיט אוֹיף אִים מוֹסֵר
דִין זַיין דְהַיְינוּ ווֶעסְט זָאגֶן גָאט זָאל אָן דִיר אַיין נְקָמָה טוּאֶן דֶען ווֶען מֶען
אִיז מְקַלֵּל ווֶערֶען דִי קְלָלוֹת פַר קֶערְט אוֹיף אִים דוּ זָאלְסְט נִיט פַיינְט הָאבֶּן
דַיין חַבֶרְת שׂוֹנֵא דֶען זֵייא ווֶעלֶן זִיךְ אִיבֶּר בֶּעטִין אוּנ דוּא ווֶעסְט בְּלַייבֶּן
אַיין שׂוֹנֵא :

עז אַל דוּא זָאלְסְט יֶענֶעם נִיט דָן זַיין כַּף חוֹבָה אוּנ טוּא צְדָקָה נָאךְ דַיין
כֹּחַ נָאךְ זֵייא מְשַׁעְבֵּד דַיין גוּף צוּ גָאט ווֶעט עֶר דִיךְ הִיטֶן :

עח אַל דוּ זָאלְסְט נִיט טָאן אַיין גְרִינְגֶע עֲבֵירָה דֶען זִיא ווֶעט דִיךְ בְּרֶענְגֶען
צוּ הַארְבֵּי עֲבֵירוֹת ווֶען דוּ טוּסְט דִי עֲבֵירָה אוּנ הָאסְט דַיין בְּרוּדֶר פַיינְט
דֶר סוֹף ווֶעסְטוּ קוּמֶען צוּ רְצִיחָה :

עט הִשָּׁמֶר הִיט דִיךְ צוּ זִיצֶן מִיט אַזוֹ אַיין מֶענְטְשׁ ווָאס לֶערְנְסְט פוּן אִים
קַיין

קיין גוטס דען אלי מעשים רעים וואס ער וועט טאן וועט מען אן דיר אן הענגן :

פ כשתשאל אזו איין מענטשן וואס דו ווילסט אים האבן פר איין חבר פרעגט ווער זיין חבר איז גוועזן איז זיין חבר גוט איז ער אויך פר אוודאי גוט • ווס דוא רעדסט ביי נאכט זאלסטו ניט הויך ריידן פילייכט הערט איין מענטש אונ ביא טאג זעה הונטער דיר דען איין מענטש קאן גשטרוכעלט ווערין מיט זיין צונג אונ ברענגט אים אום זיין לעבן :

פא כשתתירא אז דו ווילסט האבן זאלסט קיין חרטה האבן זאלסטו יענים ניט מבטיח זיין אבר ווערסט יוא מבטיח זיין אונ וועסט אים ניט טאן דיא טובה ווס ער וויל האבן אזו ביסטו איין ליגנער :

פב בעודך ווייל דו לעבסט טוה תשובה דען דער טוט קומט פלוצלונג זאלסטו דיר קיין ראיה נעמן פון פיהל זינדיגי אונ לעבן לאנג זאלסט ניט דענקען אז גאט פאר געסט זייני חטאים ער גידענקט דאך וואול אונ בצאלט :

פג אל תבהל דוא זאלסט דיך ניט אילן צו דרצערנין • איין חסיד האט צוואה גלאזט זיין זון וויא דוא האסט מיך בכבוד גהאלטן פאר מיין לעבין אזו אויך נאך מיין טויט אונ דיין צארן האלט איין איבר נאכט אונ בשעת כעס זאלסטו גאר ניט ריידין :

פד אל תשמח דיין הארץ זאל זיך ניט פרייאן אז מען טוט דיר כבוד אן ווארום נאך דעם כבוד אונ הנאה איז מען מנכה אויף עולם הבא פאר שטאפ דייני אוערין אוף דיא רייד פון איין רשע • דוא זאלסט ניט שפעטן ווען דיין חבר איז זיך טועה דען עס קאן דיר אויך צו האנדן קומן :

פה אל תגלה דוא זאלסט ניט מגלה סוד זיין צו דיין ליב האבר סיידן דו האסט אים גפרובט אז ער איז דיין אוהב נאמן וויא ניט קען זיך שיקן אז ער וועט פר קערט ווערין מיט דיר צו פיינד שאפט אונ וועט דיין סוד מגלה זיין אונ וואס איין אנדרר זאגט דיר איין סוד מארסטו פשיטא ניט מגלה זיין ווייטער :

פו כלל דר כלל פון חכמה איז אז מען שווייגט אז מען רעט עפים שלא הוגן הט מען חרטה אונ שווייגן בדארף מען דרוף קיין חרטה האבן :

פז ונתן לך רחמים דר ווס איז זיך מרחם איבר לייט איז מען מן השמים אויף אים אויך מרחם • אבר ווען ער זיך ניט מרחם איז קיין חילוק ניט צווישן אים אונ צווישן איין בהמה דען זיא פרעגט ניט נאך דעם צער פון דעם אנדרי בהמה :

פח אמר החכם דער חכם שפראך דר וואס זייעט פיינד שאפט דר שנייד חרטה דען דר סוף פון קריג איז חרטה דרום בשעת מחלוקת האלט דיך איין וועסטו ניט בדארפין חרטה צו האבן עס איז קיין בעסרי נקמה צו טאן אן זיין שונא סיידן אז ער זאל קונה שלימות זייז מיט מעלות טובות

ווערט

וָוערְט מֶען אִים לִיבֶּר הָאבֶּן אוּנ דֶער שׂוֹנֵא וֶועט צַעַר הָאבֶּן : פט פְּרִישׁוּת אַז מֶען אִיז זִיךְ פּוֹרֵשׁ מִן הָעוֹלָם אִיז זַיין הַארְץ מְיוּשָׁב אוּנ זַיין גוּף אִיז אוֹיךְ בִּמְנוּחָה אָבֶּר וֶוען עֶר גֵּ״ט נָאךְ מֶרְדַת עוֹלָם הַזֶּה אִיז זַיין הַארְץ טְרוּד אוּנ זַיין גוּף אִיז א״ךְ טָרוּד אַז דוּ הֶערְסְט אַז מֶען לוֹבְּט דִיךְ מִיט אֵיין זַאךְ אוּנ וַוייסְט דִיא זַאךְ אִיז נִיט אָן דִיר זָאלְסְטוּ זָאגִ׳ן מֶען זָאל דִיר נִיט מְנַכֶּה זַיין לְעוֹלָם הַבָּא :

צ זָכִין לְאָדָם מֶען קֶער יֶענִים מְזַכֶּה זַיין וֶוען עֶר אִיז שׂוֹין דֶער בַּייא נִיט עֶס וָואר אֵיין מַעֲשֶׂה אֵיינֶער פְּלֶעגְט אַכְטוּנְג צוּ גֶעבֶּן אוֹיף דִי טַלִּיתִים פוּן דִי בַּעֲלֵי בָּתִּים וָואס זֵייא הָאבֶּן גְלָאטְ אִ׳ן שׁוּל וֶועלְכֶם אִיז אָן צִיצִית אָדֶר וָואס עֶס אִיז צוּ רִיסֶען גִוָוארֶן זָא הָאט עֶר אָן גְמַאכְט צִיצִית אוּנ הָאט פַאר רִיכְט וִויא עֶס צוּ רִיסָען גְוֶועזִ׳ן :

צא יִרְאֵי ה׳ זָאל דֶער מֶענְטְשׁ כָּבוֹד אָן טָאן אוּנ דֶר כָּבוֹד זאל דֶר קֶענְט זַיין לְמָשָׁל וֶוען אֵיינֶער שְׁטֵייט אוֹיף פַאר זַיין פָּאטֶער אוּנ מוּטֶער דֶער נָאךְ זָאל עֶר זִיךְ וִוידֶר אַנִידֶר זֶעצֶן אָבֶּר וֶוען עֶר זֶעצְט זִיךְ נִיט אוֹיף זַיין אוֹרְט אוּנ גֵייט דֶער נָאךְ אַוֶועק אַזוֹ וֶוערְט נִיט דֶער קֶענְט אַז עֶר אִיז אוֹיף גִישְׁטַאנֶען פוּן זַייעֶר כָּבוֹד וֶועגֶן נַייעֶרְט עֶר הָאט בַּדַארְפְט אַוֶועק צוּ גֵיין :

צב סְיָיג לַחֲסִידוּת אִיז עֶר זָאל הַשְׁגָחָה הָאבִּין אוֹיף דִיא לַייט וָואס גָאט שְׁטְרָאפְט זֵיי אוּנ צָאלְט זֵיי מִדָה כְּנֶגֶד מִדָה וּמְכַּח דֶען וֶועט עֶר בַּזוֹכֵי זַיינֶע מַעֲשִׂים אַז עֶר זָאל דְרוּף תְּשׁוּבָה טָאן :

צג כָּל יִשְׂרָאֵל זֶענֶען עֲרֵבִים אֵיינֶר פַאר דֶעם אַנְדֶרִין דְרוּם וֶוען עֶר זֶעהְט אַז זַיין חָבֶר וִויל טָאן אֵיין עֲבֵירָה זָאל עֶר זִ׳ם וֶוערֶן וֶוען נִיט וֶועט עֶר אוֹיף גְשְׁטְרָאפְט וֶוערִין אִיבֶּר זַיין חֲבֵרְת חֵטְא אוּנ וֶוען עֶר הִיט זִיךְ פַאר עֲבֵירָה דְרַיי מָאל אוּנ בַּצְוִינְגְט דֶעם יֵצֶר הָרַע הִיט אִים גָאט וַוייטֶער אַז עֶר זָא׳ל נִיט זִינְדִיגֶן :

צד הֵן יִקְטְלֵנִי לוֹ אֲיַחֵל דָאס אִיז טַייטְשׁ דֶער מֶענְטְשׁ קָאן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין פוּן גָאטְס וֶועגֶן :

צה לְעוֹלָם אֵייבִּיג זָאל דֶער מֶענְטְשׁ בֶּעטִין אוֹיף אַזוֹ אַזַאךְ וָואס נַאטִירְלִיךְ אִיז לְמָשָׁל עֶר וֶועט בֶּעטִין אז זַיין וַוייבּ זָאל הָאבִּין אֵיין קִינְד פוּן אַכְט חֳדָשִׁים אוּנ דָאס קִינְד זָאל דָאךְ לֶעבִּין דָאס הֵייסְט תְּפִלַּת שָׁוְא :

צו אוּנ דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נִיט גֶעבִּין שָׁלוֹם צוּ זַיין רִבִּי וִויא עֶר גִיט שָׁלוֹם צוּ זַיין חָבֶר נַייעֶרְט פַאר זַיין רִבִּי מוּז עֶר זִיךְ אַבִּיסֶל אֵיין בִּיקֶען מִיט יִרְאָה אוּנ זָאל זָאגֶן שָׁלוֹם עָלֶיךָ רַבִּי וּמוֹרִי :

צז מַעֲשֶׂה אֵיין חָכָם הָט צְוָואָה גְטוּהְן קוֹדֶם מוֹתוֹ זַיין זוּהְן עֶר זָאל אִיבְּרִיג נִיט הֲנָאָה הָאבֶּן פוּן דֶר וֶועלְט אוֹיךְ אֵיין מָאל אִין דְרַייסִיג טָאג זָאל עֶר פַאסְטֶען דָאךְ נָאךְ זַיין טוֹיט הָט מֶען אִים דַן גְוֶועזִין ׳ אִיז עֶר צוּ אֵיינֶם גְקוּמֶן בַּחֲלוֹם דָס אִיז וַוייל אִיךְ הָאבּ נִיט גְלָאזְט אֵיין בִּינְדֶן דִי צוּ רִיסֶנִי סְפָרִים מִיט אַנַאנְדֶר דִי בְּלֶעטֶר אוּנ הָאבּ זֵייא נִיט פַאר בָּארְגִ׳ן :

צח אהוב הָאב ליב צו זאגן דאס ארט טאמר דהיינו טאמר אז איך וועל טון דיא זאך אדר וועל גיין שפאצירן וועט איין זינד ארויס קומן אונ זאלסט פיינד האבן צו זאגן דס ווארט מה בכך כלומר ווס נאך דר מער אז איך וועל דאס טאן אדר איך וועל גיין שפאצירן אז וועסט אזו טאן וועט דיך ברענגן צו עבירות :

צט לא תחמוד אשת רעך דאס איז איין אזהרה אז ער זאל זיך ניט שיין מאכן קענן זיין חברס ווייב אויך איז איין אזהרה אז ער זאל ניט לובן איין שיינע אשה פר זיין חבר אוך זאלסט ניט מסתכל זיין בפנויה מכ"ש אויף איין אשת איש וועסטו זוכה זיין הנאה האבן מזיו השכינה :

ק אם ווען איין מצוה הט זיך דיר גיטראפן צו טאן אן כוונה זאלסטו שבח והודיה גאט געבן :

קא לאישרטט ער טאר ניט נעמן איין גלאז אונ וועט וועלן וויזן אוף איין ספר מכ"ש אנדרי בזיון צו טאן אויף דעם ספר :

קב ואסור עס איז איין איסור צו טאן איין דבר מיאוס אויף דעם טיש וואס מען עסט דרויף אונ עס איז גלייך וויא אויף דעם מזבח בשעת ברכת המזון זאל מען די מעסרס צו דעקין דען אוף דעם מזבח האט ניט בדארפט צו קומן קיין אייזן מען טאר ניט שרייבן אין איין ספר דער איז מיר שולדיג :

קג לעולם איביג זאל זיך דער מענטש ניט סומך זיין אויף איין נס וועמין מען טוט איין נס איז מען מנכה פון זכיות :

קד וגדול אונ עס איז גרויס דר זכות פון איין עני ווען ער קערט אום די אבידה צום הערן אונ דער עונש איז גרויס ווען דער עושר קערט ניט אום אונ וואס מען האט טירחא מיט כח וואס עס קערט אום דער האט מיין שכר ווען איינר האט אין זין מזכה רבים צו זיין אונ מען הערט אים ניט צו וואס ער האט אין זין מחשבה טובה איז דאס גלייך אז ער האט מזכה הרבים גוועזן :

קה כל מצוה אז איין מצוה וואס איז ניט גימאכט ביי דעם שלם זאלסטו זעהן יוא צו טאן ווארום דיא מצוה איז מקטרג אונ שפראך פאר וואס זאל איך אזו שפל זיין :

קו לא יגור איין גוטר זאל ניט וואגן אין אזו איין שטאט וויא דיא לייט זענן עובר שבועות דען אויף אלי עבירות איז איין תקנה ווען מען טוט תשובה אבר אויף שבועות איז ניט קיין תקנה :

קז כל המונע וועד עס פאר מייד אז מען זאל דיא ס"ת ניט אריין ברענגין אין ארון הקודש ביז מען זאל אים משפט טאן . אויך ווען ער וויל האבן אז מען זאל אים משפט טאן אונ דרינגט דם קהל דער צו אונ וואס ער וויל האבן איז שלא כדין לעתיד וועט דיא תורה שרייאן וויא איין נשמה :

קח ואם מעכב ווען איינער איז מעכב דיא תפלה אונ דיא גוטי לייט וועלין

אים

אים זאגין טוסט ניט רעכט אונ ער קערט זיך ניט דראן לעתיד לבא ווען זייא ווערן מתפלל זיין ווערט ער ניט זוכה זיין מיט זייא צו זיין :

קט מען זאל איין ספר נעמין אין דיא רעכטי האנט : קי אן שבת זאל מען ניט דר מאנין דעם חבר פונטוטי לייט ווארום עס איז אים איין צער :

קיא ווען איינר וויל טרינקן וואסיר אונ ער מאכט ברכה טאר ער ניט דר פון גיסין אויף דר ערד איידר ער טרינקט אונ ווען ער הט גטרונקן אונ דער נאך גיט ער זיין תלמיד צו טרינקן זאל ער פריער אפ גיסין :

קיב אם ווען דו זעהסט דיין חבר האט איין עבירה גיטאן אונ דו האסט אים איין התראה גיטאן אז ער זאל שוין מער ניט טאן אונ ער פאלגט דיך ניט זאלסטו אום שרייאן רבותי איך האב דעם מענטשין איין התראה גטאן אונ ער הערט מיך ניט צו :

קיג ואם ווען אוף איין צדיק איז גקומן איין פורעניות אונ דער עולם איז מרנן אויף אים דהיינו זייא זאגן וויא קאן ער איין צדיק זיין ווען אים דס איז גקומן זאלסטו אים פר ענטפרין די זינד פון דעם דור מוז ער ליידן :

קיד המשנה ווען איינר פר ענדרט די יוצרות וואס מיר זאגין שבת אונ יום טוב אונ ער זאגט אנדרי איז ער עובר אוף לא תשיג גבול :

קטו ווען דר סופר שרייבט איין ס"ת אונ אוף איין אות איז פ ל טינט ווערט ער ווסלן דיא פען איין טונקין אוף דעם אות אונ ווערט וועלין איין שם שרייבן דס טאר ער ניט טאן אויך פר קערט פון שם צוא נעמן צו איין אנדרין אות טאר ער אויך ניט טאן :

קטז ואהבתם את הגר עס איז איין מצוה אז מיר ישראל זאלין ליב האבן אפרמדין סייא איין יהודי אדר איין אייטו יהודי אונ דרייסיג מאל הט דיא תורה מזהיר גוועזן אז מער זאל אים ניט מצער זיין אונ שטייט אוך ואוהב גר גאט האט אים ליב מוזן מיר אים אוך ליב האבין :

קיח הנותן ווען איינר גיט ווייִן צו טרינקן דעם וום זיין משא ומתן איז מיט נשים טוט ער ניט רעכט ער העלפט אים דיא עבירה צו טאן אבר ווען ער גיט צו טרינקן ווייִן די וואס אין צער גייען ארום טוט ער איין מצוה :

קיט אם ווען איינר וואונט צווישין לייטין אונ ער איז איין רע עין דר דורך האבין זייא קיין הצלחה ניט אין זייער משא ומתן דס הייסט גזלן וואס מען דער קענט ניט :

קכ הבושת בושה מיט נאמנות זענין בהעפט דס איז ווען איינר הט בושה דר איז איין נאמן אונ זאגט אויך קיין ליגן :

קכא שנו אונזרי חכמים האבן גזאגט דער וואס טוט איין מלאכה ערב שבת אונ ערב יום טוב אונ מוצאי שבת אונ מוצאי יום טוב אונ חנוכה אדער פורים אונ ראש חודש אדער אין תענית צבור דער הט קיין ברכה אין דר מלאכה :

קבג שני צווייא הרהורים האט דער מענטש טא: אונ נאכט איינס אויף איין אשה דס אנדרי אויף געלט אויף די צווייא גיט ער זיין לעבין אויך האט ער הרהורים דס זענן קנאה שנאה גאוה תאוה אלי די דאזיגי זענין מבטל פון דר תורה אונ עס שטייט (ולך ה' החסד כי אתה תשלם לאיש כמעשהו) גאט איז גומל חסד מיט דעם מענטשן דאס איז ווען ער האט קינדער נעמט אים גאט זייני קינדער אוועק ווען ער האט עשירות נעמט אים גאט זיין עשירות אוועק כדי ער זאל האבן עה"ב:

קכד אל דער מענטש זאל זיך ניט שטעלן ביידן מיט מלמדים אז ער זאל זיי ניט מבלבל זיין פון לערנן:

קכה מי ווער עס בדארף ניט לייען ער קאן זיך מפרנס זיין מיט דעם געלט וואס ער האט אונ ער נעמט דאך צדקה מוז ער דר צו גדינגן ווערין אויך ווער עס מאכט זיך קרום אונ בלינד שיקט גאט אויף אים אז ער ווערט אזו:

קכו אל דו זאלסט דיך ניט מאכן פר איין גרוסין צדיק דהיינו ווען דיא זעהסט איין אשה טרענקט זיך אין טיפע וואסיר וועסטו זאגן וויא קען איך איז מציל זיין איך מוז דאך זיא אן נעמין בייא אירי הענט אדר ביי איר לייב מוזט זיא דאך מציל זיין:

קכז לא ער זאל ניט עסין סיידן ווען ער הונגריג איז אויך טרינקן סיידן ווען ער דארשטיג איז אונ ווען ער גלוסט צורך טאן זאל ער זיך ניט אויף האלטין ווארום עס איז איין סכנה ער בקומט דיא געלי זוכט אונ ווערט געשוואלין אויך איז ער עובר אוף בל תשקצו:

קכח מעשה רבי יעקב בר יקיר פלעגט מיט זיין בארד אום צו קערין דאס שטויב פאר דעם ארון הקודש אונ ווען דס קהל פלעגין צו גיין צו דעם שר הט ער זיין שיך אום גצוגין אונ האט מתפלל גוועזין אז גאט זאל זייא חן געבין:

קכט כבד את ה' מהונך דאס איז טייטש האלט גאט ערליך מיט דיין געלט די זאלסט קופין איין קאסטין דיא ספרים זאלן דרינין ליגן אונ ווען דוא האסט איין שיין קול זאלסטו מתפלל זיין פר דעם עמוד זאלסט קופין איין פיינים אתרוג איין שיינם טלית:

קל יאחז צדיק דרכו ווען איין מענטש איז ניט זוכה אז גאט זאל זיין תפלה הערין זאל ער דאך זייער בעטין מיט גוויין איז הקב"ה מקבל זיין געבעט:

קלא אם ווען איין מענטש בעט גאט אז ער זאל קענין לערנין אדר אז ער צייט האבין צוא לערנין אדר ער בעט אויף אנדרי מצות ער זאל קענין טאן ווערט זיין תפלה אן גנומען ווען דאך ער האט אן זיך קיין מעשים טובים:

קלב ווען אייער פרעגט דיך איין עצה אונ דוא קאנסט אים איין עצה געבין

געבין אז עס זאל זיין בדרך ישרה אונ גאטס ווילן דער ביי זאלסטו ניט שווייגן טמר וועט ער גיין צו איין אנדרן וועט ער אים איין עצה געבין וואס קען דער דורך פאלן :

קלג ואל אונ דו זאלסט ניט נעמין איין עצה פון איינם וואס דו ביסט אים חושד אז ער וועט דיר קיין רעכטי עצה געבן אונ מאכסט דיר דענקין דיא עצה איז שלעכט אזו בכמו חושד בכשרים :

קלד אמר החכם דוא זאלסט איטליכין איין גוטע עצה געבין אפילו דיין שונא :

קלה וכל חסיד איטליכער חסיד קער מתפלל זיין אז גאט זאל אים צו שיקין צו נעמין איין גוטי אשה חסידה · עס וואר איין מעשה איין חסיד האט גנומן איין אשה חסידה דר נאך האבן זיי זיך געט גיגעבן הט דער חסיד גנומן איין אשה רעה האט זיא אים גיבראכט אז ער וואר אוך איין רשע גיווארן אונ די חסידה הט גנומן איין רשע דט זיא אים גימאכט פאר איין חסיד דער כלל איז צוא איין דבר מצוה זאל ער מיט איר קיין עצה האלטין מיידין לדבר רשות :

קלז בכל דרכיך דעהו ווען דער צדיק צערינט אוף די וואס עבירות טואן זאל זיין מיט ישוב הדעת מיר גפינן משה רבינו האט גצערנט או ף די בני ראובן אונ האט זייא שלעכטי ריד גיגעבין אונ שפראך תרבות אנשים חטאים איז זיין איינקיל גיווארין איין קנעכט צו פסל מיכה :

קלח בכל אין אלי זאכין זאל דר מענטש זעהן וויא ער זאל דיא מצוה טאן אפילו ווען ער טוט איין מצוה בכעס אזו וויא מיר גיפינן משה רבינו האט דיא לוחות צו בראכן אין צארין דען ער דענקט זיך לאם איך זיין דער חייב אונ ניט ישראל אונ ווייל זיין צארן וואר לשם שמים האט גאט מסכים גיוועזין א נ זאגט יישר כוחך וואס דוא האסט צו בראכין :

קלט אם ווען דו הערסט אז איין מלמד לערנט מיט זיין תלמיד אונ זאגט אים פיר איין גרייז זאלסטו אים ניט מבייש זיין נייערט זאלסט זאגן פאר דעם מלמדס פריינד אונ ליב האבר אז זייא זאלין אים אוס דעם גרייז פירין אוך זאל זיך ניט ברימען איינר זאל זאגין דר האט מיך גיבעטין אז איך זאל געבן מיין מאכטר זיין זון פאר איין ווייב דען ער האלט זיך בגאוה אונ יענר ווערט מבויש :

קמ מי ווער זיך היט צו קוקן אוף נשים אונ רייד אוך קיין דברים בטלים ניט אונ האלט איין זיין צארין אונ טרייבט ניט גאוה אונ איז עוסק בתורה ובמעשים טובים לעתיד לבא ווערט ער אין מער מדרגה זיין מיין וויא דיא מלאכי השרת :

קמא מי ווען איינר האט פאר לארי איין ספר אונ הייבט אן צו שרייבין איין אנדר ספר אונ מיטין שרייבן איז דאס גיפינן גווארן טאר ער אוף ר א בלעטר פון אנדרין ספר וואס ניט גשריבן איז שרייבין אנדרי זאכן

זאכין אוך גמרות ז״ל מען ניט לייגען אוף תורה נביאים וכתובים :

קמב אם ווען דוא האסט ויכוח מיט איין חכם אונ ער איז דיך מנצח זאלסטו דיך ניט מצער זיין דען ווען ער איז דיך מנצח ביסטו מייתר אונ ווייסט וואס דו האסט טעות גיהאט אבר ווען דו ביסט אים מנצח ביסטו נישט מייתר :

קמד הביאו גאט שפראך גיט אייער מעשר עני רעכט אפ אונ פרובט מיך דער מיט ווערט עטץ אליין זעהן אז איך וויל אייך געבין גרוס עשירות האטשי שון אין אנדרי מצות טאר מען גאט ניט פרובין אבר אין דר מצוה פון צדקה הט זיך גאט גהייסן פרובין דרום קער איטליכר ...א געבין איין צעהנט חלק פון זיין ריוח אונ ווער עס גיט ניט קיין מעשר לסוף בלייבט אים נאר איבר איין צעהנטיל פון זיין געלט וואס ער הט בדארפט דעם עני געבין :

קמה כעס בחיק כסילים ינוח דר מענטש קער זיך זייער דער ווייטרין פון כעס אזו זיך גיווינן קיין שום כעס ניט בווייזין אפילו אוף אז אזאך ווס מען בדארף זיך בייזערין דען אונזרי חכמים האבן גזאגט דער ווס צערינט איז ער איין חכם טוט זיך דיא חכמה פון אים אפ אונ זיין לעבין איז נאר קיין לעבין ניט אונ ער שטארבט פאר דער צייט. אבר דר וואס צערינט ניט ברענגט עס אים צו ענוה דען הלל האט מיט זיין ענוה דרייא גרים גיבראכט תחת כנפי השכינה • אונ ווען איינר ווארפט אגרוס פארכט אויף זיין הויז גזונד געבין אים זייני קנעכט עסין עפיס איין דבר איסור פאר גרוס פחד אונ עס קומט ארוס דער פון דרייא גרוסי עבירות איינס איז דס זיין ווייב פארכט זיך פר אים אזו האט זיא מורא אים צוא זאגן אז זיא איז איין נדה. דאס אנדערי איז חילול שבת ווען דיא הינט האבן אוף גיגעסין דס עסין וואס זיא האט אן גיגרייט אויף שבת אזו פר פחד קאכט זיא אים שבת אנדרי מאכלים אדר אז דיליכט וואס ברענט אין זיין חדר ווערט פאר לאשין אים שבת אזו צינד זיא אן אנדרי פר פחד • דאס דריטי איז שפיכות דמים אופט מאל אנטלופט זיא פר אים ביי נאכט אונ פאלט ארין אין איין גרוב אונ ווערט גהרגית • איך טאר איין פרנס ניט ווארפן זיין פארכט אוף דעם קהל זייער עונש איז זייער גרוס זיי נידרין אראפ אין באר שחת אונ קומן אייביג ניט ארויף :

קמו ואם ווען איינר ברענגט זיך אליין צו חשד זאל ער מוחל זיין צו דעם ווס איז אים חושד דען ער איז זיך אליין שולדיג :

קמז זמירות היו לי חוקיך דוד המלך זאגט איך לאז אוועק אלי שירות וזמירות פון דער וועלט אונ דיא בעסטי שירה איז ביי מיר אז איך לייאן אין דיין תורה מיט דעם טראפ מיט זיסקייט • אדר די דאזיגי וואס זאגן דיא פסוקים פון דער תורה אוף גישפעט וועט לעתיד די תורה שרייען פאר גאט אונ וועט זאגן דייני קינדר האבין מיך גמאכט פאר איין כלי זמר

זייא

זייא זאגן דיא פסוקים זייער גשווינד אונ געבין ניט אכטונג אויף די טראפין וויא זייא זאלין מפסיק זיין אויך ווען זייא לערנין מיך זענין זייא מפסיק אין מיטן צו ריידן דברים בטלים :

קמח שלשה דברים דריי זאכין האט הקב"ה בשאפין אין מענטשין אויערין צו הערין אויגען צו זעהן איין צונג צו ריידן אונ ווען דוא אויערין וואלטן ניט גווען בשאפין גיווארין וואלט ער ניט גיהערט אז עס איז דא איין שיינה אשה אודר עס איז דא געלד צו גנבינין וואלט ער קיין אוגן ניט גיהאט וואלט ער ניט גיזעהן אויף א שיינר אשה וואלט ער ניט גיזינדיגט אויך וואלט ער קיין צונג ניט גיהאט אזו וואלט ער ניט גרעט קיין לשון הרע ורכילות . אונ גאט הט דאך די דרייא בשאפן נאר ער הט גמאכט צו אימליכן איין צאם . ער האט בשאפן פינגר אז ער הערט אז איין זאך וואס מען מאר עס ניט הערין אזו זאל ער ארייןשטעקין איין פינגר אין אויער ארייין אזו וועט ער ניט קאנין הערין : אויך הט ער בשאפין ברעמין צו דיא אויגין ווען ער זעהט אשלעכטי זאך אזו זאל ער צו דעקין דיא אויגין מיט די ברעמן . אונ צו דר צונג האט בשאפן צווייא טוארן דס זענן דיא ציין מיט די א לעפצין אונ ווען ער טוט מיט די דריי זאכן איין עבירה אזו ברענגט ער אויף דעם צאם פון דר וועלט דרום קומט אים עונש דרום זאל ער זיך היטן אזו וועט אים גאט בצאלין דרוף שכר :

קמט והיה ביום הששי והכינו . ווער עס גרייט זיך פון ערב שבת מאבלים דער הט שבת וואס צו עסין דרום קער דר מענטש זיין גווארינגט אן צו גרייטין וואס מען בדארף אויף למשל ווען איין גרוסר שר זאל קומן אין זיין הויז אזו פרייאט ער זיך זייער דען ער טראכט זיך עס וועט מיר זיין אגרוס כבוד אזו הייסט ער אויס קערין אונ אויס ראבן אונ אויס צירן זיין הויז אין שון אבל שכן אז ער קער זיך מטריח זיין פון כבוד שבת וועגין אונ האטשי ער הט הויזירט קנעכט זאל ער זיך פארט אליין מטריח זיין :

קנ אל אז שבת קומט אן זאל ער זעהן אז ער זאל ניט הונגריג זיין כדי ער זאל קענין מקבל זיין מיט שמחה דרום קער מען ניט צוא פאסטין ערב שבת אונ פאר נאכט זאל ער פר זוכן פון דעם געקעכץ פון שבת אבר ווער עס קען פאסטן אונ ער הארט אים ניט איז איין מצוה צו פאסטן דען די חסידים הראשונים פלעגן פאסטן ערב שבת :

קנא קרוב אתה בפיהם ורחוק מכליותם דער פסוק איז גזאגט גווארן אויף די מענטשין וואס ריידין ניבול פה אונ שלעכטי רייד אוי זייער חבר אונ זייא טראכטין אז גאט וועט זיי מוחל זיין ווייל זייא זעהן אז גאט שיקט אויף זייא ניט קיין בייז אבר גאט וועט זייא ניט פאר געבן ער וועט זייא לסוף שטראפן :

קנב רצונו של אדם כבודו דאס מיינט מען אז מען טוט צו אמענטשן זיין רצון איז דאס צו אים איין כבוד למשל ווען איין פאר אדער איין

מוטר גיסן אן דעם כוס אונ דר לאנגן צו זייער זון איז דאס איין עבירה ווייל זייא ברינגן אים אבר יוען זייער ווילן איז דר ביי איז דאס ניט קיין עבירה דרום קערן פאטר א נ מוטר מוחל זיין אוף עטליכי זאכן צו זייערי קינדר :

קנג יש חסיד עס איז אמאל פאר האנדן איין חסיד וואס ער טוט ניט קיין פיל מעשים טובים דאס מאכט ווייל ער הט פר געסין וואס ער הט מקבל גווען פון זיין רבי אוך ווען ער גדענקט ער האט אבר ניט גיגעבין זיין הארץ אז ער זאל עס רעכט פאר שטיין אונ פר אזו איין זאך ווערט דר תמיד גישטראפט איז וויא מיר גיפינן ביי משה רבינו אז ער האט גיצערנט אויף דיא הייבט לייט וואס זענין גקומן פון מלחמת מדין ווייל משה הט גוויסט אז זייא זענין גרוסי חכמים אונ וואלטן עס גקענט אליין פר שטיין אז דיא ווייבר פון די מדניים האבן גמאכט די ישראל זינדיגן דרום איז ער ברוגז גיוועז אויף זייא · אויך האבן אונזרי חכמים גזאגט נלעולם יהא ערום ביראה) דער מענטש בדארף זיך קליגן אז ער זאל האבן רעכט יראה דען אופט קומט פורעניות אויף איין צדיק דאס איז ווייל ער האט ניט גקליגט אונ מיינט ער טוט אלץ רעכט :

קנד מצוה עס איז איין מצוה אז איטלכר זאל לערנן דיא כלאכות וואס זענן אסור צו טאן אום שבת אזו וויא עס איז אמצוה צו לערנן דיא דינים פון יום טוב אום יום טוב · אונ דרום זאגט מען פרייטאג צו נאכט במה מדליקין צו ווייזין אז כ"ר האבן מקיים גוועזן אלץ וואס עס שטייט אין דעם פרק נאר אז יום טוב גפאלט אום פרייטאג זאגט מען עס ניט דען אום יום טוב טאר מען קיין מעשר ניט אפ שיידן אונ וויא אזו וועט ער זאגן עשרתם ערבתם :

קנה זה סוד דאס איז דער סוד פון יראה אז איינר קומט פון דיר איין עצה פרעגן זאלסטו אים אגוטי עצה געבין וכל שכן אז דו ווילסט טאן איין זאך אזו זאלסטו פאר שטיין אז דיין חבר זאל דיך פרעגין אויף דר זאך אזו וואלסטו דורך דיין יראה פר שטאנן אים הייסן צו טאן די זאך אודר ניט אזו זאלסטו אויך אזו טאן · אויך האבן די חכמים גזאגט ותפארת לו מן האדם דהיינו אז דוא פאר שטייסט אז דיא זאך מעגסטו טאן אונ דוא פרעגסט דיין חבר אונ ער איז אויך מסכים זאלסטו עס טאן · ווען דוא גיבסט דיין קינד צו לערנן זאלסטו זעהן אז דר מלמד זאל זיין איין חכם אונ איין ירא שמים כדי ער זאל אים ברענגן צו יראה · אויף אלימן זאלסטו צו גאט געבין איין שבח והודיה אונ אז דו שטייסט אוף פון דיין שלאף איידר דו טוסט דייני זאכין זאלסטו פריער זעהן די יראה פון גאט דען ווען אמענטש גייט ארום פון דר תפיסה בדארף ער גאט צו לובן אונ עס איז קיין גרעסרי תפיסה ניט דא פון דעם שלאף דען דיינע גלידר זענן אלי גבונדן ער קאן ניט ריידן אונ אז ער וואכט זיך אויף אזו ווערין אלי זייני גלידר אוף גבונדן דרום קער ער אויף איטלכן גליד איין שבח צו געבין

אַזוֹ וִויא אֵין פָּסוּק שְׁטֵייט (כל עצמותי תאמרנה) אוּנ מֶען קֶער מִתְפַּלֵל זַיין אַז מִיט אִיטְלֶכִין אֵיבֶר זָאל עֶר טָאן עֲבוֹדַת הַבּוֹרֵא אוּנ עֶר זָאל דוּרְךְ דִיא אֵיבָרִים קֵיין חֵטְא נִיט טָאן אוּנ דֶר צַדִיק קֶער זִיךְ צוּ קְלִיגֶן אַז עֶר זָאל זַיין יֵצֶר הָרַע גוֹבֵר זַיין וֶועט עֶר הָאבֶּן לְעוֹלָם הַבָּא כָּל תַּאֲוֹת נַפְשׁוֹ אָבֶּר דֶער רָשָׁע הָאט אוֹיף דֶר וֶועלְט זַיין תַּאֲוָה נָאר לְפִי שָׁעָה אוֹיךְ שְׁטֶעלְט עֶר אֵיין זַיין לֶעבִּין קְמָשָׁל עֶר גֵייט גַנְבֶנִין אָדֶר גַזְלֶען עֶר ווִיל דוּרְךְ דֶעם בַּקוּמֶן זַיין תַּאֲוָה אָבֶּר אַז מֶען חַאפְּט אִים אַז הַרְגֶת מֶען אִים אוּנ אַז דֶר רָשָׁע אִיז זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ אוֹיף אַזוֹ אֵיין זַאךְ וָואס אִיז נָאר לְפִי שָׁעָה אִיז שׁוֹן מִכָּל שֶׁכֵּן אַז דֶר צַדִיק קֶער זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין פוּן גָאטְס וֶועגֶן וָוס דֶער גוֹמֵר שְׂכַר אִיז אוֹיף אֵייבִּיג דֶען וֶוען דֶר מֶענְטְשׁ טוּט אֵיין מִצְוָה וָואס דֶר יֵצֶר הָרַע שְׁטַארְקְט זִיךְ אוֹיף אִים אוּנ לָאזְט זִיא אִים נִיט טָאן אוּנ עֶר טוּט זִיא פָּארְט אִיז זַייא בֶּעסֶר פוּן הוּנְדֶרְט מִצְוֹת וָואס דֶער יֵצֶר הָרַע שְׁטַארְקְט זִיךְ נִיט אוֹיף זַייא אוּנ אוֹיךְ אַז עֶר טוּט אֵיין עֲבֵירָה וָואס דֶר יֵצֶר הָרַע אִיז דֶר בֵּיי נִיט דָא אִיז זַיין שְׁטְרָאף גְרֶעסֶר פוּן אַזוֹ אֵיין עֲבֵירָה וָואס דֶר יֵצֶר הָרַע רֶעט אִים אָן דֶער צוּ עֶס אִיז אַמָשָׁל אֵיין שַׂר שִׁיקְט צְוֵויא מֶענְטְשֶׁן זַייא זָאלֶן טָאן זַיין שְׁלִיחוּת קוּמְט אֵיינֶר אוּנ זָאגְט צוּ אֵיינֶם אִיךְ וֶועל דִיר גֶעבִּין אֵיין צֶענְטְנֶער גָאלְד אוּנ טוּא נִיט דָאס שְׁלִיחוּת פוּן דֶעם שַׂר אוּנ צוּם אַנְדֶרֶן זָאגְט עֶר אִיךְ וֶועל דִיר גֶעבִּין צְוֵייא פְּרוּטוֹת אוּנ זַייא הָאבִּין אִים גִפָּאלְגְט אוּנ הָאבֶּן דָס שְׁלִיחוּת נִיט גְטָאן מִמֵילָא אִיז דֶער עוֹנֶשׁ מֶער אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָט גִפֶעלְשְׁט פוּן צְוֵייא פְּרוּטוֹת וֶועגֶן · וֶוען אֵיינֶר פַאר לָאזְט אֵיין מִצְוָה מֵחֲמַת עֶר שֶׁעמְט זִיךְ אַז מֶען זָאל אִים רוּפֶן חָסִיד וֶוערְט עֶר נָאךְ זַיין טוּט מְבוּיָשׁ אוֹפֶן וָואר. אוּנ וֶוען אֵיינֶר פַר לָאזְט זַיין פָּאטֶר אוּנ מוּטֶר אוֹדֶר זַיין בְּרוּדֶר אוּנ שְׁוֶועסְטֶר אוּנ אִיז זַיי מְפַרְנֵס אוּנ אַנְדֶרִי אִיז עֶר יוֹא מְפַרְנֵס אִיז דֶר סוֹף אַז דִיא אַנְדֶרִי וֶועלִין וֶוערִין אוֹיף אִים אוּם דֶר בַּארְמִיג אוֹיךְ וֶוען אוֹיךְ אַטֵייל קִינְדֶר טוּט עֶר זַיין הַשְׁגָחָה אוּנ הָאט זַייא פַיינְט וֶועט זַיין דֶר עוֹנֶשׁ אַז דִי קִינְדֶר וָואס עֶר הָט פַיינְט וֶועלֶן זַייא אִים יַרְשְׁנִין:

וְאִם וֶוען דוּ זֶעהְסְט דְרַייא דוֹרוֹת וָואס זֶענִין דוּרְךְ אַנַנְדֶר תַּלְמִידֵי חֲכָמִים דְהַיְינוּ עֶר אוּנ זַיין זוּן אוּנ זַיין אֵיינִיקְל אוּנ דֶר נָאךְ קוּמֶן פוּן זַיי אַרוֹס עַמֵי הָאֲרָצִים דָס אִיז וַוייל זַייא הָאבִּין זִיךְ מְשַׁדֵךְ גִוֶוען מִיט אַזוֹ אֵיין מִשְׁפָּחָה וָואס אִין זַייא אִיז נִיט דָא קֵיין תַּלְמִידֵי חֲכָמִים דְרוּם גִירָאטִין דִי קִינְדֶר נָאךְ זֵייעֶרִי מוּטֶרְס בְּרִידֶר אוּנ זֶענִין אוֹיף עַמֵי הָאֲרָצִים דְרוּם זָאל מֶען בֶּעטִין אַז גָאט זָאל אִים מִיט זַיינִי קִינְדֶר צוּ שִׁיקֶן אֵיין זִיוּוּג פוּן אַזֶעלְכִי וָואס הָאבֶּן יִרְאַת שָׁמַיִם אוּנ תּוֹרָה אוּנ גְמִילוּת חֲסָדִים . הַמְכַבֵּד יְכוּבַּד דֶר וָואס גִיט אָפּ כָּבוֹד צוּ גָאט גִיט גָאט אִים אוֹיךְ אָפּ כָּבוֹד דְרוּם זָאל עֶר מְכַבֵּד זַיין דִי סְפָרִים עֶר זָאל זַייא נִיט לֵייגִין אוֹיף קֵיין בֶּעט גִוַואנְט אוּנ אוֹיךְ נִיט אוֹיף זַיינִי פִּיס אוּנ נִיט אוֹיף זַיין רוּקֶן דֶען דָאס אִיז אֵיין בִּזָיוֹן אוֹיךְ

אז

אז דער מענטש איז אום ריין זאל ער ניט דער מאנן קיין דברי
תורה ותפלה:

יראת ה' שלמה המלך האט אין ספר משלי דר כאנט דיא ווערטר יראת
ה' אכצן מאל דאס זענין אקעגין די אכצן טריפות דס ווייזט אפילו
מען וויל נעמן ביי מענטשן זיין לעבן זאל ער פארט ניט מורד זיין אין
גאט ב"ה דען גאט קען איהם ווידער מחיה זיין אבר אז ער איז מורד אין
גאט כדי מען זאל אים לאזין לעבן אזו נעמט גאט ביי אים אוועק זיין
לעבן אונ קינר קאן ניט מציל דרום האט שלמה המלך גזאגט יראת יי'
מקור חיים די יראה פון גאט איז דר קוואל פון לעבין דען ח"י הט אין דר
צאל אכצען · אברהם אבינו הט גוואלט צוא נעמן דאס לעבן כון יצחק
ביי דער עקידה הט אים גאט גרופן יראה אויך זענן די אכצען יראה
אקעגן דיא אכצן ברכות פון שמונה עשרה אויך זאל ער אין זיין תפלה
כוונה האבן אוף איטלכן ווארט אונ זאל עס ניט גשווינד זאגן · אונ עס
זאל זיך אים אוים ווייזין אזו וויא ער שטייט פאר אין מלך אזו מוז ער
זיין בקשה זאגן ווארט בייא ווארט אונ ניט חאפן אונ מיט כוונה מכ"ש פר
דעם מלך מלכי המלכים הקב"ה זאל ער בוודאי ניט מתפלל זיין גשווינד
אונ ער זאל זיסן זיין קול אונ זאל הויך זאגן אונ ביי איטליכר ברכה זאל ער
כוונה האבן וום די ברכה איז איין לויב אדר אין בקשה אבר אז ער הט
כוונה ביי איין ברכה פון בקשה דהיינו ער זאל אים געבן פרנסה אונ ביי
איין ברכה פון איין שבח האט ער ניט זיין כוונה דער בייא אזוי אי מען
מקטרג אויף אים דען דיא לויב פון גאט איז ער ניט מכוון אונ אויף זיין
זאך איז ער יוא מכוון · אונ דוא זאלסט מתפלל זיין מיט אזו אניגן וואס
דיר גפעלט אזו וועסטו קענן האבן דיין כוונה דער בייא · דוד המלך האט
גזאגט יראת ה' אלמדכם איך וועל אייך לערנן יראת ה' דרום קער דר
מענטש זייני קינדר געוויינן צו יראת ה' איז ער גלייך צו איינם וואס ער
גייט תמיד אין מדבר אורר אין שיפן אזו טרעפט ער שון די שטאט וואס
ער בדארף ווייל ער איז געוויינטליך:

חכמת נשים זיבן מאל שטייט אין פסוק חכמה אונ יראה אקעגן די זאכן
וואס דר מענטש זינדיגט אונ דורך דעם איז ניט גוט צו דר נשמה
דהיינו מיט דער שמיעה וואס ער הערט מיט זייני אויערין אונ וואס ער
רעט מיט זיין מויל אונ וואס ער טוט מיט זייני הענט אונ וואס ער טוט
מיט דעם גאנג פון זייני פיס אונ וואס ער טראכט מיט זיין הארץ שלעכטי
מחשבות אונ אלי זיבן הענגן אין דעם הארץ דען דס הארץ פירט דער
צו אבר ווען דאס הארץ קערט אפ פון דיא זיבן אונ ער טוט דס ניט איז
ער זוכה אז ער זאל זיין פון די זיבן כיתות וואס זענין מקבל פני השכינה
אם ווען דו ביסט גקומן צו איין נסיון דהיינו עס גלוסט זיך דיר זייער איין
עבירה צו טאן אונ דו שטארקסט זיך אונ טוסט זיא ניט זאלסטו דיך ניט
באריםן

בארימן דר מיט דען עס קאן זיין אז דיינע עלטרין הט זיך אוך גיטראפן אזו אין עבירה האבן זייא מתפלל גוועזן אויף זייערי קינדר אז זיי זאלין אוך ניט זינדיגן נאר דו זאלכט לובן צו הקב"ה וואס ער האט דיך געשטארקט אקעגן דיין יצה"ר אוך ווען דוא ביסט בשטאנן אויף איין נסיון ווערסטו ווערן מיינן אז דו ווערסט שון מער ניט זינדיגן איז ניט אזו דען דער יצה"ר פון היינטיגן טאג איז ניט גלייך צו מארגן אפשר ווערסטו מארגן אים ניט קענין מנצח זיין · דוד המלך איז בשטאנין אקעגן אביגיל אונ מיט בת שבע האט ער גזינדיגט אוך שטייט הן בקדושיו לא יאמין גאט גלייבט ניט אן דיא הייליגי אוך שטייט (אשרי אדם מפחד תמיד) וואל דעם מענטשן וואס ער שרעקט זיך תמיד אז ער זאל ניט זינדיגן :

אם ווען דו ביסט מנצח דיין חבר זאלסטו דיך ניט פרייען בעסר לאז דיין חבר דיך מנצח זיין דען לעתיד לבא גברט מען אים איבר צוא דעם וואס ער הט מנצח גוועזן :

אדם אמענטש וואס גייט אין דער מדבר מיט מענטשן אדר אין איין שיף אונ עס טרעפט זיך אים איין אום גליק אונ זיינע חברים זענן ניצול גווארן ווערט אים אפ גשלאגן אויף זיינע עבירות נאך דעם צער נאך וואס ער הט גליטן אבר פון זיינע זכיות שלאגט מען אים ניט אפ . אוך דעם צער וואס ער האט איין זער וועלט פון איין בייז ווייב אדר ארומקייט אונ ער טוט פארט ניט קיין אום רעכט אזו גרינגערט מען איהם זיין צער אוך זענן עבירות וואס ער האט אויף דר וועלט יסורים אונ ער מוז ליידן גיהנם דאס איז ווען איינער מאכט זינדיגן לייטן אזוי וויא ירבעם בן נבט אוך דיא קינדר פון עלי הכהן

כתיב (פוקד עון אבות על בנים על שלשים ועל רבעים ועושה חסד לאלפים) דאס איז טייטש אויף איין עבירה שטראפט גאט פיר דורות אונ אויף איין מצוה גדענקט ער צווייא טויזנט דורות צו בצאלן זיין שכר דען דר וואס דינט גאט ניט פון שכר וועגן איז ער זוכה אויף אייביג צוא ירשנן דעם גן עדן עס זענן פאר האנדן צדיקים וואס זענן זוכה צוא זיין מיט דער שכינה אונ אטייל וואס שטייען פון ווייטן אונ אטייל וואס זעהן גאר ניט :

מעשה איין חסיד האט מנדר גוועזן צדקה פון זייני קרובים וועגן דר נאך האט ער מנדר גוועזן פון אלי נשמות וועגן הט מען אים גפרעגט נאך וואס ער טוט עס האט ער זייא גזאגט עס קען זיין אז איך האב זכות דורך זיי דרום בין איך זייא אויך מזכה וואס איך בין מנדר פון זייערט וועגן לצדקה אויך איז גוועזן אמעשה איינר הט גבלאנזעט אין איין וואלד ביי נאכט אונ די לבנה האט גשיינט אזו איז אים אקעגן גקומן אמענטש אונ ער הט אים דער קענט אזו איז ער זייער דער שראקן גווארן אונ האט גוואלט אנטלופן זאגט דר מענטש צו אים פארכט דיך ניט איך וועל דיך ניט מזיק זיין דרום בין איך נע ונד איבר איין פעלד וואס איך האב גגאזלט

מאכט

מאכט מען מיך מיד אונ מען טרייבט מיך ארום אין דיא וועלדר׳ בשעת
אז דער מענטש וויינט אונ איז מתודה אוף זיינע חטאים זאל ער אזו
זאגן רבש״ע מיינע טרערן זאלן פר לעשן דיין גרים צארן פון מיר אונ דו
זאלסט זעהן מיין הארץ ווי עס איז צו גאנגן וויא וואסר אזי עס זאל פאר
לעשן דס פייער פון צארן אונ מיין תשובה זאל ווידער קערן דיין צארן
אונ מיין פאסטן זאל דר פיקן דיין בארימהארציקייט אוף מיר אונ דאס
ווס איך הב היינט ניט אן גריכט מיין טיש צו עסין זאל זיין גליך וויא
איין קרבן אונ דעם טאפ ווס איך הב ניט צו גשטעלט צום פייער זאל
זיין גליך ווי דס פייער פון דעם מזבח אונ די כלים פון עסין ווס זיי זענן
ניט גבראכט גווארן פר מיר זאלן זיין גליך וויא איך הב גבראכט איין
מנחה אונ מיין בלוט אונ חלב וואס זענן היינט ביא מיר גמינרט גווארן
זאל זיין גליך וויא דס בלוט אונ חלב אוף דעם מזבח׳ אונ די טרערן
פון מיינע אוגן זאלן זיין גליך ווי איך וואלט מנסך גוועזן וויין אוף דעם
מזבח׳ אונ דס קול פון מיין גוויין זאל זיין גליך ווי דס קול פון די לוים
ווס האבן גזונגן׳ אונ דס ווס מיינע אוגן זענן פר פינצטערט גווארן פון
וועגן גוויין אונ פאסטן זאל זיין גליך ווי דיא ליכט פון דר מנורה אונ דר
ריח ווס גייט ארום פון מיין מול וועגן הונגר זאל זיין אזו ווי דר ריח פון
קטורת׳ אונ ווס מיין לייב אונ מיין הארץ זענן ווארן צוא גאסן זאלסטו
אפ מעקן מיינע עבירות אונ דס ווס מייני גלידר זענין גווארן שלאף זאל
זיין גליך וויא דיא שטיקער פון דעם קרבן אונ דער ווייטג פון מיין
הארץ זאל זיין גליך וויא דיא שטיינר פון דעם מזבח׳ אונ ווס איך האב
משנה גוועזן מייני קליידר זאל זיין גליך וויא דיא בגדי כהונה אונ וואס
איך האב מיך פר מיטן צו וואשן זאל זיין גליך ווי דער האלז פון דער
האנט פאס׳ אונ וואס מיין הארץ איז צו ריסן זאגן צו ריסן ווערן מייני
ביכר ווס מייני זינד זענן דרינן גישריבן אונ ווס איך רייד דא מיט מייני
לעפצן זאל פאר שטאפט ווערן דיא מיילר פון מייני פיינט אונ מיין פאר
שטאפט הארץ זאל דער פרייט ווערן אונ וואס מיין בוך איז ליידג פון
תענוגים זאלסטו גם דער פילן דען איך האב חרטה אוף מייני בייזי
מעשים ווס איך האב גיטאן במזיד׳ אונ דוא גאט מיין מחשבה מיט מיין
מול וואס איך רייד זענן גלייך עס זאל זיין דער ווילן פון פאר דיר דער
בארמהארציגער גאט אז דו זאלסט פון פר מיר אוועק שטוסן די זאכן ווס
האלטן אוף די תשובה אונ איך זאל שון מער קיין בייז ניט טאן אונ דיא
גוטי מעשה אונ מחשבה ווס איך האב אצונד זאלין אן גיבריט זיין פאר
דיר אוף אייבג אונ דיין הארץ זאלסטו טאן צוא מיר אוף גוטן:

איין תקנה איז צוא בייזי גידאנקן אז ער זאל זיך מרחיק זיין פון שלעכטי
מענטשן אונ איין תקנה אוף זעהן ווייבר איז ער זאל זיך ניט גיוויינן
זיין וויא ווייבר זענן אונ זאל זייא ניט זעהן ווען זיי קומן צו אים אונ ווען

עס קומט אים איין הרהור פון איין אשה אין מיטן זיין תפלה זאל ער זיך שטעלן אויף זייני צווייא גראבי פינגר אויף דר ערד דאס איז מבטל אלי הרהורים אונ ווען ער הט איין מחשבה אויף איין אשה אונ האט זיא ליב אין זיין תקנה ער זאל ארום פון דער שטאט · ווען איינר צירט זיך אקיינן נשים אונ איינר צירט זיך ניט אונ זיי האבין ביידי גיזינדיגט מיט נשים אזו איז דר עונש מער אויף דעם ווס ער האט זיך גצירט דען מיר גפינן אז דוד המלך האט גטאן די מעשה פון בת שבע אונ הט איר מאן אריה גהייסן פון דר וועלט אום ברענגין פון דעסט וועגין האבן די חכמים אים ניט גיוואלט ציילן צווישן דיא וואס האבן ניט קיין חלק לעוה"ב אונ שלמה המלך האבן זיי יוא גוואלט דר ציילן דס איז וייל צו דוד איז גקומן דיא מעשה אום גיטראכט אבר שלמה האט זיך מכוון גיוועזן דר צו דען ער האט גיהאט טויזנט ווייבר :

כתיב כי את כל מעשה האלהים יבוא במשפט על כל נעלם דס איז טייטש גאט וועט ברענגין דעם מענטשן צום משפט אפילו אויף א־אך ווס ער איז פר הולן דס מיינט מען ווען איינר גייט אן כוונה אונ עס קומט אים אקעגן אשיינע אשה אונ ער האט שמחה ווס ער הט זיא גזעהן אונ טראכט ער האט דר מיט קיין עבירה ניט וייל ער האט זיך ניט מתכוון געוועזן דר צוא נאר ער קער זיך בדענקין טאמיר האב איך גזינדיגט מיט אנדרי עבירה האט זיך מיר דס אויך גיטראפן · אבר ווען עס קומט אים אן איין מצוה אן כוונה זאל ער זיך פרייען אונ זאל גאט לויבין :

אל איין מענטש זאל ניט מקבל זיין קיין נשים אין זיין הויז טאמיר וועט ער מהרהר זיין אין זייא אויך זאל ער ניט וואנין אין אזו איין שטוב ווס מען טוט דארט אום רעכט אין משא ומתן דען זיי וועלין אים ברענגין צו איין שבועה אודר זיי ווערין שווערן אויך זייני קינדער ווערין זיך לערנן אום רעכט צו טאן :

אל דער מענטש זאל זיך ניט זעצן וויא מען עסט דען זייא וועלין זיך שעמן פאר אים :

אחד איינר הט מחלל שבת גיוועזן ער האט גיטראגן אשטיק זילבער אונ ער איז גקומן צום חכם פרעגן אום תשובה האט דער חכם אים גיהייסן ווי פיל דס זילבר איז ווערט זאל ער צו טיילן צו עניים ווס שעמן זיך צו נעמן צדקה פון רבים גאר פון איינם :

מעשה איינר הט מבייש גוועזן צוא איין חסיד אונ הט אים גירעט דברים רעים האבן דאס קהל צוא אים גיזאגט מיר ווילן אים איין גיפה טאן הט דר חסיד ניט גיוואלט ליידן האבן דס קהל גזאגט מיר וועלן עס ניט טאן פון דיינט וועגן נאר ער זאל דאס אנדרי מאל שון עס ניט טאן זאגט דר חסיד נעמט אייך איין ראיה פון מיר אזו וויא איך לייד אלץ אזו זאלט איר אויך ליידן אז איר וועט העריין לעסטרן אונ שעלטן פון

איינ

אין דעשע וועלט איר שווייגן דען עס שטייט ביים משה רבינו (והאיש משה ענו מאוד מכל הא, ס) ג

**אחד** איינר הט מצער גווען איין חכם האבן מענטשן גיזאגט צו אים וואס פאר אגרוסי עבירה דר מענטש הט גיטאן וס ער האט דיר אזו גיטאן ווס דוא ביסט נאר ניט שולדיג הט דר חכם גיזאגט ניט ער הט עס מיר גיטאן ניי ערט מייני זינד האבן דאס גיטאן האבן זייא גיזאגט עס איז איין מצוה אז דו זאלסט אים שעלטן אונ פלוכן האט דר חכם גיזאגט דען איך וועל מיך שעלטן דען מייני זינד האבן מיר דעם צער גימאכט אזו וויא מיר גיפינן ביים דעם בעבר פון יוסף האט יהודה גיזאגט צוא יוסף מיר ווייסן אז איינר פון דייני קנכט האט גטאן דעם בעבר אין דעם זאק פון בנימין נאר אונזרי זינד האבן אונז גיבראכט דעם צער :

**שלשה** דרייא זאכן ווערט ניט דר קענט נאר מיט דרייא זאכן דאס איז איין עניו אין דר צייט פון כעס אונ איין גבור אין דר צייט פון מלחמה אונ איין ליב האביר אין דר צייט אז מען בדארף אים כלומר אז איטליכר באשטייט אוף זיין זאך אין די דריי צייטן איז גלייבן אז דיא מדה וואס אין זיי איז אמת :

**לעולם** אייביג זאל דר מענטש ניט זיין כפוי טובה צו דעם ווס האט אים איין טובה גטאן דען דס ווערט געך בצאלט אזו ווי מיר גפינן אז דוד המלך מיט זייני קנעכט זענין גווען מיט דיא שאף פון נבל אונ האבן זיי אים אפ גיהיט אונ אז דוד הט גשיקט זיין קנעכט אז ער זאל זיי געבן פון זיין סעודה הט נבל שלעכטי רייד גירעט צוא דוד איז ער דר פר אין צעהן טאג ארום גשטארבן אוך שטייט (משיב רעת תחת טובה לא תמוש רעה מביתו) ווען מען בצאלט ביין פאר גוטס טוט זיך ניט אפ דאס בייז פון זיין שטוב אויך הט ירמיה הנביא מתפלל גווען אוף דיא ווס זענן כפוי טובה אז גאט זאל זיי באלד בצאלן דען די שטאט לייט פון ענתות האבן גוואלט מאכן אבלבול אוף ירמיה אונ האבן אים גוואלט אוועק טרייבן פון זיין נחלה אונ זיין פרנסה אוועק גנעמן :

**ואם** אונ אוב איין חכם הט תלמידים אונ איין תלמיד איז ווידר שפעניג אקיגן רבי מיט דיא תלמידים איז רעכט אז מען זאל אים ארום טרייבן אוך ווען צווישן די קנעכט אודר די דינסטן איז דא איינר ווס ער טוט אלץ לקנתור חאטשי ער איז זיין הערן ניט דער ווידר דאך זאל ער ארום טרייבן פון זיין הויז אבער איין זייג אם טאר מען ניט ארום טרייבן פון דער שטוב חאטשי זיא טוט איטליכן דר ווידר אוב דם קינד קען זיא שון אונ ווען איין קינד צווישן זייני קינדר איז איין בעל מחלוקת אודר ער איז ניט גוט אזו זאל דר פטר אים ארום געבן פון זיין הויז כדי ער זאל דיא אנדרי קינדר אוך ניט מאכן זינדיגן אזו וויא מיר גפינן ביים

אבשלום ווייל זיין פאטר דוד המלך האט אים מקרב געווען זענין פיל נפשות דורך אים אום גקומן :

אונזערע חכמים האבן מזהיר געוועזין (מה דעלך סני לחברך לא תעביד דאס הייסט וואס דיר ניט ליב איז זאלסטו ניט טון צוא איין אנדערן (יהיה מה שיהיה) :

למה דו וועסט וועלין פרעגן פר ווס הט דוד המלך צער גיהאט אז זיין זוהן אבשלום איז נהרג גוואורן אמער ער איז דאך געווען איין רשע איז דר תירוץ ווייל ער איז אוועק פון דר וועלט אן תשובה דרום הט ער צער גיהאט אוף זיין נשמה נאך איין תירוץ איז ווייל אבשלום אום גיקומן איבר דר זינד פון דוד דרום הט דוד צער גהאט דען ער וואלט געווען גלעבט וואלט ער אפשר גטאן תשובה דרום האט זיך דוד גיפארכטן מען זאל אים דר פר ניט שטראפן · עס שטייט (וחטייך בצדקה פרוק) · דס איז טייטש דניאל הט גיזאגט צו נבוכדנצר דייני זינד זאלסטו אויס לייזין מיט צדקה אונ דרום שטייט (וחטייך) מיט צוויי יודין דאס ווייזט אויף פיל זינד דען איין זינד ברענגט פיל זינד וען ער זינדיגט איז ער גורם אז זייני קונדר זאלן אוך זינדיגן :

עת לעשות להי הפרו תורתך האט שי דיא תורה האט אן גיזאגט אז איין אשה טאר ניט גיין דיא קליידר פון איין מאנזביל אבר עס איז פאר האנדין איין צייט אז זיא מעג דהיינו אז שונאים קומן אין שטאט אריין אודר ווען זיי גייאן אין וועג מעגן זייא זיך אן טאן דיא קליידר פון איין מאנזביל · מעשה איין שיינע פרוא איז גיגאנגן אין וועג מיט איר מאן הט זיא זיך גימאכט איין בארד פון האר אונ האט עס צו גיבינדן ארום דעם פנים אז מען זאל מיינן אז זיא איז איין זכר אונ איז דורך דעם ניצול גוואורין :

מי וועד עס איז עוסק אין שביעות דם הייסט ער בשווערט מלאכים אודר שדים אודר מיט כישוף וועט זיין סוף ניט גוט זיין דען עס וועט קומן בייז אוף אים אודר אוף זייני קינדר אוך זאל מען זיך פאר מיידן פון שאלת חלום כדי ער זאל וויסן ווס פר איין ווייב ער זאל נעמין אודר אובר ער וועט הצלחה האבן פון די אלי זאל ער זיך מרחיק זיין פיל האבן אזלכי זאכין גטאן זענין זייא זייער ארום גיווארן אטייל זענין אריין גפאלין אין גרוסי קרענק אודר זייערי קינדר אוך זאל ער ניט בגערין אז אנדרי זאלין אים דס טאן נאר דאס בעסטי איז אז ער זאל גאט בעטין · ווען ער גייט אין וועג זאל ער ניט משביע זיין מלאכים אז זייא זאלין אים היטן נייארט ער זאל גאט בעטין אונ וויא פיל נביאים זענין גיהרגת גווארן אונ האבין ניט גוואלט דר כאנין קיין שם אז זייא זאלן ניצול ווערין נאר זייא האבן גבעטן אונ האבן זיך גטראכט ווען אונזר תפלה וועט ניט אן גנומן דאס איז מיר זענן ניט ווערט ניצול צו ווערן · אם ווען דוא זעהסט אז איינר

זאגט

זאגט נביאות אויף משיח זאלסטו וויסן אז ער אודר זייני עלטרין האבן עוסק גוועזן במעשה כשפים אודר במעשה שדים אונ דר סוף קומט אים ארוס איין בושה אונ דיא וואס גלייבן אין אים וועלן האבן דר נאך גרוס בושה · אוב דוא וועסט פרעגין דיא אמוראים האבן זיך יוא עוסק גיוועזן אין חשבונות פון משיח דר תירוץ איז זייא זענן גוועזן גרוסי צדיקים אונ האבן זייערי זאכן גיטאן לשם שמים אונ ניט פון כבוד וועגין :

כף דס ווארט כף איז טייטש איין וואג שאל דען מען וועגט די זכיות אונ דעם שכר אויף די עבירות מיט דעם פורעניות ווס איז גלייך צוא דר עבירה · אין דעם ענין וואס דר מענטש שבעט אין דעם אייגנים ענין שפעט מען פון אים עס איז גוועזן איין מעשה איינר האט גשפעט פון אזעלכין ווס הט גהאט שלעכטי אוגין דר נאך הט ער גהאט אזוני קינדר · אז ווען דו וועסט זעהן איין שטוב פון איין צדיק איז חרוב זאלסטו וויסן דס איז דרום ווייל דיא ישראל זענין דרינן גזעסין דרך בזיון אויך אין דעם בית המדרש ווס מען איז אין אים נוהג קלות ראש וועט ער איבר גענפערט ווערין אין פרעמדי הענט דען דס בית המקדש איז ניט מבוזה גווארין ביז דיא ישראל האבן אים פריער מבזה גיוועזן אויך ווערט איין תלמיד חכם ניט מבוזה פון איין עם הארץ ביז איין תלמיד חכם האט דעם אנדרין מבזה גיוועזן אודר זייא האבין גזעהן וויא מען איז מבזה דיא תורה אונ זיי האבין ניט גוועהרט · אם אוב דו האסט גזעהן אז איין תלמיד חכם לעבט לאנג זאלסטו וויסן אז ער הט בוודאי מקיים גוועזן דקדוקים פון די מצות ווס אין דר תורה שטייאן זיי ניט אזו ווי מיר גפינן ביי איין תנא מען הט אים גפרעגט פר ווס ער לעבט אזו לאנג הט ער זיי גיזאגט ווס פאר זאכין ער האט מקיים גיוועזן אונ די זאכין שטייאן גאר ניט אין דר תורה · אם אוב דו וועסט זעהן אז חסידים ווערן גשטראפט זאלסטו וויסן אז דאס איז ווייל זייא האבן דיא לייט ניט גשטראפט אודר זיי האבן זיך מחבר גוועזן צו רשעים :

בעיר אין איין גרוסער שטאט זענין גוועזן גרוסי עשירים אונ האבן זיך בגאוה גהאלטן אונ האבן ניט רעכט עוסק גוועזן בתורה איז דארט גוועזן איין זקן וואס ער הט זיי גשטראפט אונ הט זיי גזאגט ווען איר וועט ניט עוסק זיין אין תורה ווינדר איך מיך אוב די שטאט וועט ניט חרוב ווערין כל זמן דער זקן הט גלעבט איז גאר ניט גוועזן אונ נאך זיין טויט איז אויף גשטאנן איין גבר אלים בשעת שערורות אונ הט די לייט גצווינגן אונ זיי זאלן אים געבן איין דריטי חלק פון זייער פאר מעג אונ פריער זאלן זיי שווערן דרוף האבן זיי גשווארן ווי פיל זייא פר מאגן אונ האבן אים גגעבן איין דריט חלק דר נאך זענן גקומען שלעכטי מענטשן אונ האבן גזאגט אז מען האט בהאלטן זילבער אונטר דער ערד אזו האט מען זייא גפירט אין דער שביה אונ דיא שטאט איז חרוב גווארן אונ אזו

וויא

ווִיא דֶער זָקֵן הָאט גְזָאגְט אִיז מְקוּיָּם גְוָואָרִין :

יֵשׁ אוּפְט קוּמְט אֵיין דָּבָר צוּ פַר לֶענְדֶן דִי מַמְזֵרִים דֶען גָאט ווִיל נִיט אַז עֶס זָאל אַרוֹס קוּמֶן אֵיין בּוּשָׁה צוּ לַייט אַזוֹ ווִיא מִיר גְפִינֶן אַז דִיא תּוֹרָה הָט גְהֵייסִין שֶׁעכְטֶן אֵיין חַטָּאת אוּף דֶעם אוֹרְט ווִיא מֶען שֶׁעכְט אֵיין עוֹלָה חָאטְשִׁי אֵיין חַטָּאת קוּמְט אוּף אֵיין עֲבֵירָה אוּנ אֵיין עוֹלָה קוּמְט אֵיין מַתָּנָה צוּ גָאט כְּדֵי מֶען זָאל נִיט ווִיסֶן אוֹבּ דֶר מֶענְטְשׁ הָט גְזוּנְדִיגְט אוֹךְ אִיבֶּר דֶעם שְׁטַארְבֶּן דִי גוּטֶע צְווִישֶׁן דִי מַמְזֵרִים ווַייל מֶען טָאר זִיךְ נִיט בַּהֶעפְטִין צוּ רְשָׁעִים אוּנ אוּף דֶעם הָאט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ גְזָאגְט (יש נספה בלא משפט) ; אַז ווֶען דוּ זִיצְט אִין אַזוֹ אֵיין שְׁטָאט ווָאס עַמֵּי הָאֲרָצִים זִיצֶן דְרִינֶן בְּשָׁלוֹם אוּנ קֵיין שָׁאדֶן קוּמְט זֵייא נִיט דָם אִיז ווַייל קֵיין תַּלְמִיד חָכָם אִיז צְווִישֶׁן זֵייא נִיט דָא אוֹדֶר עֶס אִיז יוֹא דָא נָאר עֶר שְׁטְרָאפְט זֵיי נִיט דְרוּם ווָאס זֵיי טוּעֶן אִיז אַלְץ בְּשׁוֹגֵג זֵיי מֵיינֶן אַז מֶען מֶעג עֶס טָאן אוֹדֶר עֶס אִיז דָא בַּיי זֵיי גְמוּלוּת חֲסָדִים אוֹדֶר עֶס אִיז אֵיין לִיבְּשַׁאפְט צְווִישֶׁן זֵיי׃ אִם ווֶען דוּ זֶעהְסְט אֵיין עוֹשֶׁר אוּנ הָאט גְרוֹס הַצְלָחָה אוּנ עֶר אִיז זִיךְ מְתַחֵתֵּן מִיט אֵיין צַדִּיק אוּנ דֶער נָאךְ אִיז עֶר שׁוֹין נִיט מַצְלִיחַ זָאלְסְטוּ ווִיסֶן אַז דָאס אִיז ווַייל עֶר טוּט בֵּייז צוּם צַדִּיק אָדֶער דֶער צַדִּיק שְׁטְרָאפְט אִים אוּנ עֶר אִיז נִיט מְקַבֵּל זַיין שְׁטְרָאף אַזוֹ ווִיא מִיר גְפִינֶן בַּיי יַעֲקֹב אָבִינוּ ע"ה עֶר הָט גְזָאגְט צוּ לָבָן (ויברך ה' אותך לרגלי) גָאט הָט דִיךְ גְבֶּענְטְשְׁט ווַייל דוּ הָאסְט מַיין עֵצָה גְהַאלְטֶן אַזוֹ ווִיא עֶס אִיז גְוֶוען אֵיין מַעֲשֶׂה אֵיינֶר הָאט מַצְלִיחַ גְוֶוען מִיט זַיין מוּטֶר אוּנ מִיט זַיינִי קִינְדֶער אַמָאל אִיז צוּ אִים גְקוּמֶן אֵיין חָסִיד אוּנ אִיז בַּיי אִים גְוֶוען אֵיין אוֹרַח דֶער נָאךְ אִיז דֶר עוֹשֶׁר אָן גְהוֹבֶּן אַרָאפּ נִידֶרֶן הָט דֶר עוֹשֶׁר גְזָאגְט פַר ווָאס זִינְד דֶר חָסִיד אִיז בַּיי מִיר ווֶערְט מִיר אַלִי מָאל עֶרְגִיר אִיךְ הָאבּ גְמֵיינְט אִיךְ ווֶעל הָאבֶּן גְרוֹיס בְּרָכָה דוּרְךְ אִים אַזוֹ ווִיא פוֹטִיפַר אִיז גְבֶּענְשְׁט גְוָואָרִין אִין דֶעם זְכוּת פוּן יוֹסֵף אוּנ בַּיי לָבָן אִיז גְוֶוען בִּזְכוּת יַעֲקֹב הָט אִים אֵיין חָכָם גְזָאגְט לָבָן הָאט גְהַאט הַצְלָחָה ווַייל עֶר הָט צוּ יַעֲקֹב צוּ גְהֶערְט אֶפְשַׁר ווַייל דֶער חָסִיד הָאט דִיךְ גְשְׁטְרָאפְט אוּנ דוּ הָאסְט אִ ם נִיט צוּ גְהֶערְט דֶען פְר עֶר בִּיסְטוּ גְוֶוען אֵיין שׁוֹגֵג אַצוּנְד בִּיסְטוּ אֵיין מֵזִיד אָבֶּר ווֶען מֶען הֶערְט צוּ אֵיין צַדִּיק קוּמְט אוּף אִים בְּרָכָה וְהַצְלָחָה :

וְאִם אוּנ אַז דוּ זֶעהְסְט אַזוֹ מִיט אֵיין רָשָׁע זֶענִין זִיךְ מְתַחֵתֵּן גְרוֹיסֶע פַיינֶע לַייט זָאלְסְטוּ ווִיסֶען אַז דָם טוּט גָאט פוּן זַיינִי זְכוּת אָבוֹת ווֶעגֶן דְרוּם גִיט עֶר אִים עֲשִׁירוּת כְּדֵי זָאלֶן זִיךְ מְתַחֵתֵּן זַיין מִיט אִים אוֹדֶר עֶס קֶען זַיין אַז דִיא גְרוֹסִי לַייט הָאבֶּן אִים אַמָאל מְבַזֶּה גְוֶוען :

מִדָּה גָאט בַּצָאלְט מִדָּה כְּנֶגֶד מִדָּה ווַייל שָׂרָה הָט גְלֵייקֶנְט אוּנ הָט גְזָאגְט אִיךְ הָאבּ נִיט גְשְׁפֶּעט דְרוּם אִיז זִיא גְשְׁטָארְבֶּן דוּרְךְ דֶער עֲקֵידָה פוּן יִצְחָק ווֶען רְאוּבֶן הָט צַעַר אוּנ זָאגְט פַר זַיין חַבֶר שִׁמְעוֹן בֶּעט פַר אִים צוּ גָאט אוּנ דֶער נָאךְ הָט שִׁמְעוֹן צַעַר אוּנ רְאוּבֶן בֶּעט נִיט פַר אִים צוּ

גאט

גאָט הייסט גלייך וויא ער גזלת אים דען דיא תורה האט גזאָגט (ואהבת לרעך כמוך) דאס הייסט דו זאָלסט דיין חבר אזו ליב האָבן וויא דיך אליין ווען איינר בעט פר זיין חבר צו גאָט חאָטשי ער ווערט ניט געהאָלפן פון דעסט וועגין אז ער אודער זיינע קינדער קומען צו איין צער גדענקט עס אים גאָט:

ונקדשתי בתוך בני ישראל דיא ישראל זענן גבאָטן גוואָרין אוף קידוש השם עס איז פר האנדן אמייל צדיקים וואס ווערן נהרג אוף קידוש השם און אמייל ניט נייערט זיי לעבן און האבן קינדר דרום גיט מען שכר צו די וואס זעניין נהרג גוואָרן גלייך וויא זיי האבן לאנג גלעבט: מקים דבר עבדו דס איז טייטש די איבערשטי זענן מסכים צו דער דעה פון צדיקים וואס אוף דער וועלט זענן ווען די איבערשטי זאָגן אזו איז רעכט און אזו אוך זאָגט דוד המלך (אמת מארץ תצמח וצדק משמים נשקף) דאס איז טייטש ווען איין צדיק איז דן און משפט באמת דעם דין טוט גאָט זיין רצון. ווען מען זאָגט איין תורה פון וועגן דיא צדיקים וואס זענן געשטאָרבן זענן זיי דער פר מתפלל אוף דעם מענטשן און זענן אוף אים איין מליץ טוב · אוך ווען דיא ישראל זענן פרום מאכן זיא אז דיא בעלי דינים של מעלה האבן נחת רוח און אז זייא זענן ניט פרום שטייט (מלאכי שלום מר יבכיון) דיא מלאכים טוען ביטערליך וויינן:

חכם איין חכם האָט צוואה גלאָזט צו זיין זון אז ער זאָל ניט איבריג הנאה האבן פון דר וועלט און ער זאָל ניט אוועק גיין אכט טאָג אָן איין תענית אוך זאָל ער בעטן אויף זיין שונא אז גאָט זאָל אים איין מחשבה טובה געבן גאָט צו דינן. דוא זאָלסט וויסען דאס וואס דיא חכמים האבן גזאָגט עס איז גוט איין תענית צוא איין שלעכטן חלום דאס האבן זיי גימיינט מיט תשובה דען איינר האט געזעהן אשלעכטין חלום די נאכט פון ערב יום כפור הט ער צוויי טאָג גפאסט און עס האט אים פארט ניט געהאָלפן דס איז ווייל ער הט קיין רעכטי תשובה ניט געמאן דען דער תענית איז גלייך וויא אקרבן העלפט ניט אָן תשובה אזו אוך איין תענית און דס וואס מיר פאסטן נאך פסח און נאך סוכות איז דער טעם נאך סוכות אז עס זאָל גיין רעגן אוף דר תבואה לברכה און נאך פסח אז דיא תבואה זאָל ניט געשלאָגן ווערן מיט אום פלייצונג און רעסט גלייבן און דאס וואס די תורה שרייבט ביי די קרבנות ונסלח דס איז טייטש עס וועט פר געבן ווערן אייערי זינד דס איז נאר מיט תשובה אוך ווען ער ברענגט איין קרבן מוז ער תשובה טאָן עס איז איין משל איין מלך איז גוזר אז מען זאָל די זאך ניט טאָן און איינר האט יוא געטאָן די זאך קען ער דען זאָגן איך האב עס געטאָן בשוגג דען מען שטראָפט אים דאך אזו אוך אקיגן גאָט ב"ה זאָל דער מענטש ניט זאָגן איך האב דיא עבירה געטאָן בשוגג בדארף איך קיין תשובה ניט טאָן:

המתענה

הַמִתְעַנֶה דֶער וָואס פַאסְט אוּם שַׁבָּת אֵיין תַּעֲנִית חָלוֹם בַּדַארְף עֶר זִיךְ זוּנְטָאג אָפּ פַאסְטֶן אֵיין תַּעֲנִית לְתַעֲנִיתוֹ פַר דֶעם וָוס עֶר הָאט גְפַאסְט אוּם שַׁבָּת אָבֶּר אַז זוּנְטָאג אִיז רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אוֹדֶר חוֹל הַמוֹעֵד אוֹדֶר חֲנוּכָּה אוֹדֶר פּוּרִים טָאר עֶר נִיט פַאסְטִין נָאר עֶר זָאל פַאסְטֶן נָאךְ דֶעם • אוּנ אַז עֶר הָט גְפַאסְט אוּם יוֹם טוֹב אֵיין תַּעֲנִית חָלוֹם מֶעג עֶר אוּם אִסְרוּ חַג פַאסְטִין וֶוען פַאסְט אוּם שַׁבָּת אוּנ יוֹם טוֹב זָאל עֶר נִיט זָאגִין עֲנֵנוּ • דָס וָוס דֶר מִנְהַג אִיז אַז דֶר זוּן פַאסְט דֶעם טַאג וָוס זַיין פָאטֶר אִיז גְשְׁטָארְבֶּן דָס הֵייסְט דֶר יָאר צַייט דָאס אִיז אָפּ גִילֶערוּנְט פוּן דָוִד הַמֶלֶךְ עֶר הָט גְרוּפְן צוּ שָׁאוּל הַמֶלֶךְ אָבִי הָאט עֶר פוּן זַיינֶט וֶועגֶן גִיפַאסְט אוֹדֶר דֶר טַעַם אִיז וַוייל דֶער פָאטֶר מִיט דֶעם זוּן אִיז וִויא אֵיין גוּף דְרוּם אִיז רֶעכְט אַז דֶער זוּן זָאל פַאסְטִין דֶען עֶס אִיז גְוֶועזְן מַעֲשֶׂה אַגְרוֹסֶער עוֹשֶׁר אִיז גְפָארֶן הַנְדְלֶען אִין וַוייטִי לֶענְדֶר אוּנ זַיין קְנֶעכְט אִיז אוֹךְ גְוֶועזְן מִיט אִים אִיז דֶר עוֹשֶׁר דָארְט גִישְׁטָארְבֶּן אַזוֹ הָט דֶער קְנֶעכְט גְזָאגְט אַז עֶר אִיז זַיין זוּן אוּנ עֶר הָט גִירַשִׁית דָס גֶעלְט • אוּנ דֶר עוֹשֶׁר וָואס אִיז גִישְׁטָארְבִּין הָט גְלָאזְט זַיין וַוייבּ מְעוּבֶּרֶת דֶר נָאךְ הָט זִיא גִיהַט אֵיין זוּן אוּנ אַז דֶר זוּן אִיז גִיוָוארֶן גְרוֹס אִיז עֶר גְפָארִין אִין דֶעם לַאנְד וִויא זַיין פָאטִיר אִיז גִשְׁטָארְבֶּן אָפּ צוּ זוּכֶן דָס גֶעלְט וָוס דֶער קְנֶעכְט הָט גִירַשִׁית אוּנ דֶר קְנֶעכְט אִיז דָארְט גְוֶועזְן זֵייעֶר רַייךְ אוּנ הָט זִיךְ מִתְחַתֵּן גְוֶועזְן מִיט גְרוֹסִי לַייט אוּנ דֶער זוּן הָט זִיךְ גְפָארְכְטֶן צוּ זָאגֶן אַז עֶר אִיז גְוֶועזְן זַיין פָאטֶר דֶען עֶר הָט זִיךְ גִיטְרַאכְט מֶען וֶועט אִים הַארְגְנֶן אַמָאל אִיז דֶר זוּן אֵיין גִשְׁטַאנֶן בֵּיי רַב סַעְדְיָה אוּנ עֶר אִיז גְוֶועזְן אַגְרוֹסִיר חָכָם פְרֶעגְט עֶר צוּא רַב סַעְדְיָה אֵיין עֵצָה וָואס עֶר זָאל טָאן אוּנ דֶר צֵיילְט אוּם דִיא גַאנְצִי מַעֲשֶׂה הָט רַב סַעְדְיָה אֵיין עֵצָה גְגֶעבִּין אַז עֶר זָאל דִי זַאךְ דֶר צֵיילִין פַר דֶעם שַׂר הָאט עֶר אַזוֹ גְטָאן הָט דֶר שַׂר גְשִׁיקְט נָאךְ רַב סַעְדְיָה אַז עֶר זָאל דָס מִשְׁפְּטֶן הָאט רַב סַעְדְיָה גְהֵייסִין אַז מֶען זָאל אִים לָאזִין אָדֶר אוּנ מֶען זָאל דָס בְּלוּט אַרַיין לָאזִין אִין אֵיין בֶּעקִין אוּנ מֶען זָאל דֶעם קְנֶעכְט אוֹךְ לָאזִין אָדֶר אִין דֶעם אַנְדֶערִין בֶּעקִין אוּנ מֶען זָאל נֶעמִין אֵיין בֵּיינְדִיל פוּן דֶעם מֵת וָוס זֵייא זָאגִין אַז עֶר אִיז זֵייעֶר פָאטֶר הָט רַב סַעְדְיָה אַרַיין גְלֵייגְט דָאס בֵּיינְדִיל אִין דֶעם בֶּעקִין פוּן דֶעם קְנֶעכְט הָט דָס בֵּיינְדִיל אִין זִיךְ נִיט אֵיין גְנוּמֶן קֵיין בְּלוּט אוּנ דֶער נָאךְ הָאט עֶר אַרַיין גְלֵייגְט דָאס בֵּיינְדִיל אִין דֶעם אַנְדֶרִין בֶּעקִין בְּלוּט הָט דָס בֵּיינְדִיל אִין זִיךְ אַרַיין גִיצוֹגִין דָאס בְּלוּט וַוייל זֵייא זֶענִין אֵיין גוּף הָט רַב סַעְדְיָה גְנוּמֶן דָס גֶעלְט פוּן דֶעם קְנֶעכְט אוּנ הָט עֶס אָפּ גְגֶעבֶּן צוּ דֶעם זוּן דְרוּם קֶער דֶר זוּן טְרוֹיאֶרִין דֶעם טָאג וָואס דֶר פָאטֶר שְׁטַארְבְּט. דְרוּם זָאל מֶען פַאסְטִין אַלִי יָאר דֶעם טָאג :

כָּל יִשְׂרָאֵל זֶענִין עָרֵב אֵיינָס פַאר דֶעם אַנְדֶרֶן דֶען אַז דִי יִשְׂרָאֵל הָאבִּין בַּדַארְפְט מְקַבֵּל זַיין דִיא תּוֹרָה הָאבֶּן זֵייא גְזָאגְט וָואס גָאט הָאט גְרֶעט וֶועלֶן מִיר טָאן אוּנ וֶוען אֵיינֶר זָאל גְוֶועזְן זָאגֶן אִיךְ וִויל נִיט וָואלְט מֶען דִיא תּוֹרָה נִיט גְגֶעבִּין דְרוּם זָאגֶן מִיר אִין דֶער תְּפִלָּה בָּרְכֵנוּ אָבִינוּ כּוּלָנוּ דָאס אִיז

טייטש בענטש אונז אלי אין איינם אוך זאגן מיר (ונזכה כולנו במהרה לאורו) מיר זאלין אלי זוכה זיין צו דער ליכט פון דער שכינה:

מעשה איינר איז שלאף גיוועזן איז גקומן דער דאקטר אונ הט אים אן גזאגט ער זאל דעם מאכל ניט עסין אונ קיין וואסר ניט צו טרונקן אונ אוב ער וועט יוא עסין וועט ער שטארבן אז דער דאקטר איז פון אים אוועק גגאנגן הט ער גזאגט צו זיין זון גיב מיר דם מאכל אונ גיב מיר וואסר אונ ווען ניט בין איך דיר ניט מוחל הט דם קהל צו אים גזאגט פאלג אים ניט דען דו וועסט אים דר מיט טייטן אוך זאל מען ניט געבן צו דעם ווס איז גוסס אין זיין מויל קיין שום עסין דען ער קען עס ניט איין שלינגן וועט ער גשווינד שטארבן אבר מען מעג אים געבין צוא טרינקן איין וואסר וואס היסט שפראך וואסר אז ער זאל קענין ריידין אונ אז ער איז גוסס מאר מען איבר אים ניט שרייאן דען די נשמה קערט זיך אום צו אים אזו מוז ער ליידן גרוסי יסורים דען לעבן קען ער שון ניט:

אמצור וואס פיל לייט מוזין טאן דהיינו איין מת מטהר צו זיין אונ דיא תכריכים אים אן טאן ווען צוויי זאגן מיר וועלן אליין טאן די מצוה אונ לאזין ניט צו קיין אנדרי לייט זינדיגן זיי דער מיט נייארט זיי מעגן זיך מקדים זיין אונ אלץ אן גרייטן איידר יעני קומן אונ אז יעני קומן ניט מעגן זיי מאן די מצוה:

כשנותנים אז מען גיט דיא עניים צדקה פון די מתים וועגין בדארפן דיא עניים מתפלל זיין פון די מתים וועגן אוך ווען איין לעבדיגר גיט צדקה פון זיינט וועגן זאל ער אוך מתפלל זיין אוף אים אונ אויף דיא מתים וואס עס איז שון איבר גגאנגין צוועליף חדשים פון זיין טוט זאל מען אוף זייא מתפלל זיין אלי חודש דען מען פר קערט דאס פייאר פון דעם גיהנם אלי חודש ווען מען האט גלאזט געלט פר דעם טויט פון זייער נשמה וועגן דר ווס הט הנאה פון דעם געלט זאל זאגן דעם פסוק (והוא רחום יכפר עון וכו׳) אונ דר נאך זאל ער זאגין מיט דר הנאה וואס איך האב פון פב״פ זאלין זייני זינד פאר געבן ווערין אונ זיין נפש זאל רואין צווישן גורל הצדיקים אונ זיין רוח זאל רואין אין גוטן חלק אונ זאל ווידר אמאל זאגין (והוא רחום וכו׳) עס איז אמאל פר האנדן אז מען גיט איין נאמן נאך איין טוטין זענן אלי קונדר וואס הייסן נאך אים זענן מצליח אויך לעבן זייא לאנג אונ אמאל איז פר קערט דרום זאל ער מתפלל זיין אז די קונדר וואס וועלן גרופין ווערין נאך זיין נאמין זאלן אין זיך האבין מדות טובות אונ זייני קונדר זאלן ניט ווערן גרופין נאך דיא מענטשין וואס האבן אין זיך גהאט מדות רעות אונ צווייא אודר דרייא מאל איז איין חזקה למשל צווייא ברידר ווס האבן גרופין זייערי קונדר נאך איין נאמין אפילו נאך איין צדיק אונ זייא שטארבן אן קינדר אודר מען האט איין נאמן גגעבין דורך איין טרל זאל מען שון מער דעם נאמן ניט געבן אודר

אז

אז אגאנצי משפחה געבן זייערי קונדר אנאמין נאך איינם אונ די קונדה
שטארבן זאל ער ניט זאגן איך וויל דאך דעם נאמין געבן מיין קונד כדי
דר נאמן פון דעם מת זאל ניט פר געסין ווערן דען ער האט דער פאר
אגרומי זינד • ווען עס ווערט נגזר אוף איינם אז ער זאל שטארבן אונ
ער ווערט קראנק זאל מען אים אנדערן נאמן געבין אודר אנדרר זאל אים
אפ קופן אונ מען מעג דאס טאן . ווען דוא זעהסט אז ביי איינם האלטין
זיך ניט קיין קינדר זייא ווייסן אז דאס איז דער נאמן גורם אבר ווען זיין
ברודערס קינדער האבין אוך דעם נאמן אונ לעבן זאלסטו וויסן אז דיא
שטאט איז אים גורם וואס זייני קונדר שטארבן דרום זאל ער ארויס
פארין פון דער שטאט ער זאל משנה מקום זיין • רוב מעכטר גיראטין
אין זייער מוטר דרום די מוטר איז מפיל קינדר איז די מאכטר אוך אזו
אונ דם רוב זין גראטן נאך זייער פאטערם פאטר אזו וויא עס שטייט
(ותחת אבותיך יהיו בניך) אונ ווען איינר פרעגט דיך איין עצה מכח איין
שידוך זאלסטו אים איין עצה טובה געבן • אוך פיר בריד ער אודר פיר
שוועסטר וואס האבן שון התונה גהאט זאלין ניט וואנין אין איין שטאט •
עס איז געוועז אמעשה ר׳ יוחנן איז גגאנגן אוף איין מארק טאג האט ער
גזעהן איין סוחר פר קופט קרעלין זאגט דר סוחר צו ר״י ווילסט עפיס פיי
מיר קופן זאגט ר״י יוא אונ איז פון אוועק גגאנגן דער נאך איז ר״י ווידר
צו אים גקומן זאגט דר סוחר צו איהם גייא פון מיר אוועק דען זינט דוא
ביסט ביי מיר גוועזן האב איך שוין גאר ניט פאר קויפט זאגט ר״י צו
אים גייא זייא משנה דיין אורט ;

עם אוב מען בדארף גיימיג רעגין אודר די תפלה פון גשם וס מען איז
מתפלל שמיני עצרת זאל זיך ניט שטעלן פר דעם עמוד מתפלל
צו זין אזו אמענטש וס ער הט פרייד גיארט אמענטש וואס ער האט
צער אונ איז איין ארומן אונ ער זאל גיין פריר טבילה האבן איינר פרעגט
מתפלל זיין אין אזו אקרייר וואס ער האט גהאט בזונדר וועגין תפלה
פלעגט גאט זיין בקשה מיאן אמאל איז ער ניט גיענפרט גווארן האט ער
גפאסט אבר עס הט ניט גהאלפן האט ער גפרעגט צו איין חכם וואס דם
בטייט הט דר חכם צו אים גזאגט אפשר ביסטו מתפלל אין אזו איין ספר
ווס איין רשע הט אים גשריבן :

בשעקורין אז מען לייענט ויחל אין תענית זאל דר חזן שווייגן ביז דם קהל
זאגט אפ (שוב מחרון אפיך) אוך ווען דאס קהל זאגט (יי יי אל רחום
וכו׳) דען דם קהל זאגט עם פר איין גבעט אבר דער חזן וואס לייענט זאל
זיין כוונה ניט זיין אוף גיבעט אונ אזו איז דר סדר פון דיא דרייצן מדות
(רחום) איז איינם (חנון) איז צווייא (ארך אפים) איז דרייא (ורב חסד)
איז פיר (ואמת) איז פינף (נוצר חסד לאלפים) איז זעקס (נושא עון) איז
זיבן (ופשע) איז אכט (וחטאה) איז ניין (ונקה) איז צעהן (וסלחת לעונינו

איז עלף (ולחטאתינו) איז צוועלף (ונחלתנו) איז דרייצין אונ אז מען זאגט
דעם פיוט פון שלש עשרה מדות בדארף מען וויינן דען מען זאגט שומע
קול בכיות דס איז טייטש גאט ב"ה הערט צו דם קול פון אונזער גוויין אונ
אז ער וויינט ניט זאגט ער ליגנט :

בראשונה אין די ערשטי דורות האבן זייא ערינצט מתפלל גיוועזן האט
דער חזן ניט בדארפט אוים לאזען דהיינו דאס קהל האט אוים
געלאזט (לישרים נאוה תהלה) האט תיכף דער חזן אן גהובן (בפי ישרים)
אבר אצונד דאבינט דאס קהל זייער גיך אונ לאזן גיך אוס אונ דער חזן
הט נאך ניט אוים גלאזט ווער עס הט איין שיין קול זאל ער מיט זיין קול
גאט לובן דהיינו ער זאל שיין מתפלל זיין אבר אנדרי רננות זאגן ניט
צו גאט טאר מער ניט אוך זאל מען גאט ניט לובן אזו אזאך וואס ניט
גווינטלך איז למשל צו זאגן גאט מאכט פון הימל ערד אונ פון ערד הימל
פון וואסר וויין אונ פון וויין וואסר אוך זאל מען זאגן שבחות מיט איין
ניגון ווער עס ווישט אפ די נאז מיט זייני פינגר זאל ער ניט אנרירן מיט
זייא קיין שום זאך ביז ער ווישט אפ זייני פינגר אוך ווען ער זאגט שבחות
וברכות אונ זאמלט זיך איין שפייעכץ אין זיין מויל זאל ער ניט זאגן ביז
ער שפייאט אוים אוך איז איין איסור צו ריידן איין דבר שבקדושה ווען
ער זעהט אויף אזו אזאך וואס עס איז מיאוס דר וואס וויל זיך היטן אז ער
זאל ניט שפייאן אין שול תמיד זאל ער קייאן לאקריץ איידר ער גייט
אין שול דען לאקריץ איז זיס איז אים ניט מיאוס ווידר צוריק עס איין
שלינגן אבר אין איין תענית טאר ער קיין לאקריץ ניט קייאן אוך אום ערב
תשעה באב אודר אום ערב י"כ טאר ער אויך ניט קייאן קיין לאקריץ
דען דר טעם בלייבט אים אין מול אונ אז ער שלינגט איין דאס שפייאכץ
שלינגט ער דם זיסקייט אונ האט דער פון הנאה :

האומר דר וואס זאגט שטיל די ברכה ווס ער מאכט איבר דר תורה אודר
איבר איין מצוה דער גולת דיא מצוה אמענטש טאר ניט קושין
זיין קינד אין שול אונ אוך ניט אין דר היים פאר זיין רבי נאך דעם אז מען
ליינט אפ אין דר תורה זאל ער קושין דיא ספר תורה ווען עס איז דא
שפייעכץ אין זיין מול זאל ער פריער אום שפייען אונ דר נאך זאל ער
קושין איינר הט זיך גקופט איין טלית האבן לייט אים גזאגט זאלסט אים
ערשט אן טאן שבת לכבוד שבת הט ער גענפרט וואלט דם גוועזן אנגדר
מלבוש וואלט איך עס בהאלטן ביז שבת אבר דאס איז מצות ציצית
וויל איך תיכף אן טאן דען דוד המלך הט גזאגט (חשתי ולא התמהמהתי לשמור
מצותיך) דם איז טייטש איך האב מיך גאיילט צו היטן דייני מצות. קהל
האבן גזאגט סליחות פאר טאג איז גיוועזן איינר וואס ער האט די סליחות
גזאגט אונ ברכות ותשבחות הט ער ניט גזאגט הט אים איין זקן גיפרעגט
ווארום זאגסטו סליחות אונ ברכות ותשבחות ניט האט ער געענפרט

דאס

דאס זאגט מען אלי טאג האט דער זקן געזאגט שלמה המלך האט געזאגט (מסיר אזנו משמוע תורה גם תפלתו תועבה) דס איז טייטש דר וואס וויל קיין תורה ניט הערן איז זיין תפלה אוך אום ווערדיג אזו דא אוך די ברכות ותשבחות איז געזאגט געווארן ברוח הקודש אונ סליחות האבן דיא חכמים מתקן געווען ווען דו האלסט די ברכות פר ניכשט אזו זענן די סליחות ווס דו זאגסט זענן אוך ניט אן גנומן איך הט אמאל איין חכם געהערט וויא דאס קהל האט געזאגט יוצרות ווארט בווארט אונ דיא פסוקים האבן זיי געשווינד געזאגט האט דר חכם געזאגט איר זאלט וויסן אז די פסוקים זענין דר עיקר (וקראתם אותו והלכתם והתפללתם) דאס איז טייטש איר ועט גאט אן רופן אונ גיין דס מיינט מען איינר ווס גייט אודר ער פארט אין וועג זאל ער ביטן אז גאט זאל איהם העלפן פון איין גזלן אבר ווען אמענטש קען ניט מתפלל זיין בכוונה אין שטאט איז בעסיר ער זאל מתפלל זיין אין וועג :

מה וואס מיר זאגן ניט קיין זולת אום ראש השנה דס הייסט פיוט וואס מען זאגט פאר (על הראשונים) איז דר טעם ווייל עס שטייט זעקס מאל דס ווארט אמת פיר מאל פאר עזרת אונ צווייא מאל נאך עזרת אונ אין בראשית שטייט וויא גאט הט בשאפן די וועלט איז דארט מרומז זעקס מאל אמת דהיינו (ברא אלהים את) זענן דיא לעצטי אותיות אמת (אוך ברא אלהים לעשות) אונ נאך אזעלכי פסוקים ביז זעקס מאל אמת אונ אום ראש השנה איז דיא וועלט בשאפן געווארן דרום זאגט מען ניט קיין זולת כדי עס זאל ניט זיין אצווישן שייד צווישן דיא פיר אמת וואס שטיאן פר עזרת אונ די צווייא מאל אמת וואס שטיאן נאך עזרת אויך יום כפור זאגט מען ניט קיין זולת האטשי דר טעם ווס אובן שטייט געשיקט זיך דא ניט נאר יום כפור איז תשלומים צוא ר"ה דהיינו דיא בינונים ווס מען האט גדארפט משפטן אום ר"ה ווארט מען זייא ביז יום כפור מאמיר וועלן זייא תשובה טאן דרום זאגט מען ניט קיין זולת אום יום כפור גלייך מיט ר"ה נאך איין טעם איז יום כפור הייסט אוך ר"ה אזו ווי יחזקאל הנביא הט געזאגט (בר"ה בעשור לחודש) דס איז טייטש ראש השנה צעהן טאג אין חודש תשרי דאס איז יום כפור אונ ער רופט עס ראש השנה :

אהוב דו זאלסט ליב האבן איין מצוה ווס זיא איז גלייך צו איין מת מצוה למשל אז דוא זעהסט איין מצוה ווס זיא איז ביי דער וועלט מבוזה זאלסטו זיא טאן וועסטו מקבל זיין שכר אקייגן אלי אוך איז דער סדר פון דר וועלט אז אלי מסכתות לערינט מען אונ (מסכת מועד קטן) לערינט מען ניט ווייל עס שטייט דרינן דינים פון אבילות זאלסטו זיא לערנן אונ דיא (מסכת מועד קטן) איז גלייך צו איין מענטשן וואס ער האט עטליכע טעכטר אונ לאזט זיי לערנן איין מלאכה אונ אייני פון זיי לאזט ער לערנן וועבן תכריכים. אזו קריגן זיי אלי מאנן אונ דיא טאכטר וואס איר מלאכה איז צו וועבן תכריכים קריגט ניט קיין מאן אזו זאגט זיא צו א ר פאטר דוא

האסט

האסט מיך בטריבט דען מייני שוועסטרן האסטו גילאזט לערנן מלאכות האבן זיי גקריגן מאגן אונ מיין מלאכה איז מבוזה וויל מיך קיינר ניט נעמן זאגט איר פאטר איך ליב דיין מלאכה בעסיר דען אלי בדארפן תכריכים אזו איך די (מסכת מועד קטן) זאגט רבש״ע פר ווס לערנט מען מיך ניט אזו ויא מען לערנט אנדרי מסכתות זאגט גאט אלי בדארפן צו דיר דען דער סוף פון דעם לעבדיגן איז צו שטארבן דרום זאל מען דיא (מסכת מועד קטן) לערנין גלייך מיט אנדרי מסכתות ער זאל ניט זאגן עס איז איין סכנה נייערט ער זאל גאט בעטן אז עס זאל זיך אים ניט טרעפן קיין בייז אודר מען זאל זיא לערנן פאר בארגן אונ מען זאל ניט מפרסם זיין וועט ניט זיין קיין בייז :

אמרו מענטשן האבן גזאגט צו איינם פר ווס איטליכר הענגט אויף שייני פירות אין סוכה אונ ווארום הענגסטו ניט אוף אין דיין סוכה הט ער גזאגט דען די קינדר ווען דיא פירות מיט די כעדים אפ רייסן אום שבת וועל איך זיי מאכן זינדיגן אז איינר באד איין קונד אום שבת זאל ער קיין טוך ניט אריין טאן אין וואסר טאמר וועט ער זיך טועה זיין אונ וועט אויס קוועטשין דאס וואסר פון דעם טוך אונ דאס איז אגרויסר איסור :

אום שבת מאר אמענטש ניט זאגן איך וויל מיך לייגן שלאפן אונ אום כדי איך זאל למיצאי שבת טאן מיין מלאכה אפילו ער זאגט איך וועל מיך אוט שלאפן כדי איך זאל קענן איין ספר תורה שרייבן טאר מען אוך ניט דען ער מוט זיין כוונה ניט פון שבת וועגן נאר פון דר וואך וועגן נייערט ער זאל זאגן איך וויל מיך או ס לכבוד שבת ווייל היינט איז שבת. אמענטש זאל ניט נעמן אום שבת אקינד אוף זיין שוס סיידן ער לייגט אונטר איין קישן דען טאמר וועט זיך דס קינד איין ריכטן וועט ער זיך ניט קענן רעכט אפ וואשן זיין קלייד אונ דער נאך וועט ער מתפלל זיין אין דעם קלייד דרום זאל ער זיך היטן דר פון :

ווען מען בדארף ברענגן פון איין חולה וועגן וואס ער איז מסוכן אביסל וואסר אום שבת בדארף מען ניט ברעננן צו ביסליך כדי אז דער חילול שבת זאל ניט אזו גרוס זיין נייערט ער מעג ברענגן אפילו פיל אז איינר הט אפ גגעסן אום ערב שבת תיכף וויא מען איז גגאנגן פון דער שול עס איז נאך ניט רעכט נאכט גוועזן אזו אז מען זעהט דריא שטערן בדארף ער נאך עפיס עסין אז ער זאל דר נאך קענן בענטשן דען די סעודה ווס ער הט געגעסן אז עס אונ נאך טאג גוועזן איז ער מיט דר סעודה ניט יוצא ׳ ויברך אלהים את יום השביעי גאט הט גבענשט דעם זיבעטן טאג דאס איז שבת אונ מיר ווייסן ניט מיט וואס ער האט אים גבענשט נאר מיר גפינן אז איוב הט גפלוכט זיין טאג וואס ער איז גבארן גווארן אין אים האט ער גזאגט אז דער טאג זאל ניט זיין גזאגט צווישן

אנדרי

אַנְדֶרִי טֶעג אוּנ עֶר זָאל זַיין פִינְצְטֶר מִמֵילָא קֶען מֶען פַאר שְׁטֵיין אַז שַׁבָּת אִיז גִבֶּענְטְשְׁט בְּדַארְף מֶען לִיכְט צִינְדְן אוּנ מֶען זָאל זִינְגֶען זְמִירוֹת אוּנ מֶען זָאל זִיךְ פְרֵייעֶן : מַעֲשֶׂה אֵיינֶר הָאט לַאנְג גְלֶעבְּט הָאבֶּען מֶענְטְשֶׁן אִין אִים גְפוּנֶען אוֹיךְ דֶעם זְכוּת וָואס עֶר הָאט אָן גְצוּנְדֶען בּוֹים אֵייל לְכָבוֹד שַׁבָּת · אֵיין מֶענְטְשׁ זָאל זַיינֶע תְּפִילִין נִיט אַרוּם שְׁאקְלֶען פוּן זַיין תְּפִילִין זֶעקִיל נִישֶׁערְט עֶר זָאל זַייא אַרוּם נֶעמֶען בְּכָבוֹד אוֹיךְ אֵיין סֵפֶר וָוס לִיגְט אִין תְּפִילִין זַאק זָאל עֶר אוֹיךְ אַזוֹ אַרוּם נֶעמֶען (כַּבֵּד אֶת ה׳ מֵהוֹנֶךָ דוּ זָאלְסְט גָאט הַאלְטֶען עֶרְלִיךְ פוּן דַיין גֶעלְט דְהַיְינוּ אַזוֹ וִויא דוּ קוֹפְסְט אַשֵׁיינֶם קַאסְטֶען צוּ הַאלְטֶען דְרִינֶען גָאלְד אוּנ זִילְבֶּר אַזוֹ אוֹיךְ זָאלְסְטוּ קוֹיפִין אַשֵׁיינֶם קַאסְטֶען אוֹיף סְפָרִים דֶען מִיר גֶעפִינֶען אַז גָאט הָאט גְהֵייסֶען מַאכֶען צוּ דִי לוּחוֹת אֵיין אָרוֹן דָאס הֵייסְט אֵיין קַאסְטֶען פוּן רֵיין גָאלְד נָאךְ אֵיין פְּשַׁט אִיז אַז דוּא זֶעסְט אַז דַיין שְׁטוּב בְּרֶענְט זָאלְסְטוּ צוּם עֶרְשְׁטֶען דַיינִי סְפָרִים מַצִּיל זַיין אוּנ דֶער נָאךְ דַיין גֶעלְט . וֶוען עֶר הַאלְט אֵיין סֵפֶר אִין זַיין הַאנְט אוּנ עֶר ווִיל שְׁלָאגֶען אֵיין תַּלְמִיד זָאל עֶר אִים נִיט שְׁלָאגֶען דֶר מִיט אוֹיךְ זָאל זִיךְ דֶער תַּלְמִיד נִיט פַר שְׁטֶעלֶען מִיט אֵיין סֵפֶר כְּדֵי דִיא שְׁלֶעק זָאלֶען אִים נִיט טְרֶעפֶען · דֶער מֶענְטְשׁ זָאל גְוָואָרִינְט זַיין אַז עֶר זָאל נִיט נִיצֶען מִיט אַזוֹ אַ כֵּלִי וָואס עֶס אִיז אוּם גִיקְרִיצְט אוֹיף אִיר צוּרוֹת :

הַנּוֹתְנִים דִי וָואס זַיי גֶעבְּן נְתִינוֹת אוּנ מַס מִיט אֶמֶת אוּנ מִיט יוֹשֶׁר דִיא וֶועלֶען לֶעתִיד לָבֹא אַרְבֶּן יֶעם חֵלֶק פוּן דִי וָואס גֶעבֶּן נִיט מִיט אֶמֶת · אוֹיךְ דִי וָואס זַיי קֶענֶען צוּ הֶעלְפֶען אַז אִיטְלִיכֶר זָאל זַיין מַס גֶעבְּן בְּיוֹשֶׁר אוּנ זַייא חַנְפִינֶען פִיר רְשָׁעִים וֶועלֶען זַייא דָאךְ יַרְשִׁינֶען דֶעם גֵיהִנָם פַר דֶר חֲנוּפָה :

עֶס אִיז אֵיין כְּלַל אַז מֶען מוּז הַאלְטֶען פְּקוּדוֹת הַמֶּמְשָׁלָה וּבִפְרַט זָאל מֶען אֵייבִּיג גֶדֶענְקֶען דִבְרֵי תוֹרָתֵנוּ וַחֲכָמֵינוּ (יְרָא אֶת ה׳ בְּנִי מֶלֶךְ) דָם הֵייסְט דוּ זָאלְסְט מַחֲמַת אַהֲבָה פוֹרְכְט הָאבֶּען פַאר גָאט אוּנ פַאר דֶעם מֶלֶךְ אוֹיךְ שְׁטֵייט גִישְׁרִיבֶּן בִּסְפָרִים הַקְּדוֹשִׁים (הוי מתפלל בשלומה של מלכות) אוּנ אוֹיךְ (שאלמלא מוראה איש את רעהו חיים בלעו) דָאס הֵייסְט מֶען זָאל מִתְפַּלֵּל זַיין פַר שָׁלוֹם וְהַצְלָחַת הַמַּלְכוּת . אוּנ אַז מֶען הָאט נִיט מוֹרָא גְהַאט פַאר דֶעם מַלְכוּת מֶעכְט אֵיינֶר דֶען אַנְדֶערֶן לֶעבֶּעדִיג פֶערְשְׁלוּנְגֶען :

אִם וֶוען צְווֵיי בְּלֶעטֶר זֶענֶען אִין אֵיינֶם אוֹיף אֵיינֶם אִיז גְשְׁרִיבֶּן דִבְרֵי תוֹרָה אוּנ אֵיין בְּלַאט אִיז לֵיידִיג זָאל עֶר נִיט שְׁרַייבֶּן אוֹיף דֶעם גִלְיוֹן וָואס אִיז לֵיידִיג אֵיין בְּרִיף צוּ זַיין חָבֵר אוֹיךְ אַז אֵיינֶר שְׁרַייבְּט אוֹיס נְבִיאִים וּכְתוּבִים אוּנ עֶס בְּלַייבְּט אִים אִיבֶּר צְווֵייא לֵיידֶעגִי בְּלֶעטֶר זָאל עֶר נִיט שְׁרַייבֶּן אוֹיף דִי לֵיידִיגִי בְּלֶעטֶר דָאס סֵפֶר הָאבּ אִיךְ גִישְׁרִיבֶּן אַזוֹ פִיל טָאג אִין חוֹדֶשׁ אוּנ אִין דֶעם יָאר אוּנ וִויפִיל דָאס סֵפֶר הַאלְט דֶען דִי בְּלֶעטִיר הָאבִּין אִין זִיךְ אוֹיךְ קְדוּשָׁה · וֶוען אֵיינֶר דִינְגְט אֵיין סוֹפֵר עֶר זָאל אִים שְׁרַייבֶּן מְסוֹרוֹת אוֹיף עֶשְׂרִים וְאַרְבַּע זָאל עֶר אַתְּנַאי אוּס נֶעמֶען מִיט דֶעם

סופר אז ער זאל דרינן נישט מאכן קיין גימעל למשל חיות אדר עבות
אודר בימר · איין סופר האט בדארפט זייער פיל פענים דען ער הלעגט
צו קוועטשן די פענים וען זיי קאלי גווארן הט ער זיך גימאכט איין פען
פון איין בינדל פון איין עוף טמא און הט גשריבן מיט איר אנדרי זאכן
אבר מזוזות הט ער ניט גוואלט שרייבן ווייל דאס איז פון עוף טמא האט
זיין חבר צוא אים גזאגט אויב דוא שרייבסט מיט דר פען שיין זאלסטו
דאך שרייבן מיט איר מזוזות אויף דען עס שטייט (בעט ברזל בצור יחצבו) דם
איז טייטש איוב זאגט ווער וואלט גיגעבן אז מען זאל אום קריצן מיט
אייזרני פען אוך איין שטיין דם ווס איך זאג ברוח הקודש איין איז מקבל
טומאה דרום מעגסטו אוך שרייבן מיט דער פען איינר פלעגט זיך נוהג
זיין אז פלעגט איבר שרייבן איין ספר פלעגט ער פריער זאגן דאס ווארט
און דער נאך פלעגט ער שרייבן האט מען אים גפרעגט ווארום טוסטו
אזו הט ער געענפרט איך האב אזו בקבלה דר מיהט זיך אין תורה און אין
חכמה און אין מוסר און מיראכט ניט אויף עולם הזה דר קופט זיך עוה"ב
אוך זאל דער מענטש גווארינט זיין ער זאל לערנן און זאל מעשים טובים
טאן דען די מעשים טובים ברענגט ער מיט זיך אויף יענם עולם אבר דאס
ווס ער לערינט בלייבט אויף דעם עולם עס זאל דיר ניט הנאה טאן וואס
מען איז דיך מכבד ווייל דוא ביסט איין עושר נייארט ווס דוא האסט
אין זיך חכמה ומוסר אויב דוא האסט דורך דעם כבוד זאל דיר יוא
הנאה טאן :

וזאל אוג דוא זאלסטו דיך ניט מקנא זיין אין דעם ווס ער איז מער פייר
בריה פון דיר אוך זאלסטו ניט מבזה זיין צו דעם וואס ער איז ערגר
פון דיר · דו זאלסט ניט איבר ענפרן קיין חכמה צו דעם ווס ער איז ניט
ווערט און זאלסט ניט פאר מיידין פון אזעלכין ווס ער איז יוא ווערט עס
שטייט (צור תעודה חתום תורה) דם איז טייטש אוב דו קענסט לערנין פלפול
פון דר גמרא דהיינו דו האסט שכל צו פאר שטיין זאלסטו לערנן פלפול
און אז דיין שכל טראגט ניט דר צו חתום תורה זאלסטו לערנין דם פשוטי
דאס הייסט פסוקי הלכות :

לעולם אייביג זאל אמענטש לערנן תורה אפילו שלא לשמה דם הייסט
אפילו ניט לשם שמים נייערט מען זאל אים כבוד אן טאן אבר
דר ווס לערינט לקנתר ח"ו דר הייסט איין רשע און דר וואס לערינט די
תורה פר ליבשאפט דער איז זוכה צו זיצן בצל השכינה און וועט נהנה
זיין פון לוטערקייט פון דער שכינה · יי' חפץ למען צדקו יגדיל תורה
ויאדיר אין דעם פסוק איז מרמז ווען איינר קומט צו איין חכם און בעט
אים אז ער זאל מיט אים לערנן און דער חכם וויל ווייסן אוב זאטס ווילן
איז דרבי דהיינו דר תלמיד איז ראוי אז ער זאל לערנן מיט אים איז דאס
דר סימן אז דר חכם זעהט אז ער לערינט מיט אים איז ניט דא קיין שום

מרדות דהיינו עס טרעפט זיך זייא אזעלכי זאכן אז עס זאל זיי מבטל זיין פון דעם לערנין איז געווים אז גאט האט עס ליב דרום זאל דער חכם ניט אוועק שמוסין דעם תלמיד פון זיך אבער ווען עס טרעפט זיך אים בטולים זינט דער תלמיד איז צוא אים גקומן אונ פריער האט דער חכם ערינצט גלערינט זאל ער מדחה זיין דעם תלמיד דען גאטס ווילן איז ניט דער ביי אלי זאכן וואס דר מענטש רעט תמיד דר פון זאלסטו וויסן אז די זאך איז בייא איהם גליבט אזוי וויא מיר גפינן ווייל דוד המלך האט ליב גיהאט דיא תורה האט ער אלין פון איר גרעט אזוי וויא אין פסוק שטייט (כל היום היא שיחתי) דאס הייסט אגאנצן טאג רייד איך פון דער תורה (רבש מצאת אכול דייך) דאס איז טייטש ווען דוא עפס האניק זאלסטו גאר עסין וויא פיל דיא בדארפסט אבער ווען דו עסט איבריג אזוי וועסטו מוזין אוס טייקינן למשל איין תלמיד בעט דעם חכם ער זאל מיט אים לערנין כוונות התורה אונ דער חכם פאר שטייט אז ער איז ניט ראוי דר צו זאל ער אים ניט לערנין דען עס קען ארויס קומן איין מכשול דען ער וועט ניצין מיט שמות הקדושים :

מסיר אזנו משמוע תורה דאס איז טייטש ווער עס וויל קיין תורה ניט הערן איז זיין תפלה אויך ניט אן גנומן אונ די ערשטי אותיות פון אינו משמוע תורה איז אמת דאס ווייזט ווען איין תלמיד פרעגט דיך דברי תורה באמת אזוי זאלסטו אים לערנן דעם אמת אבער אז דו פר שטייסט אז ער קומט נאר לערנן פון לקנתור וועגן דס הייסט ער וויל דיר ברענגן פאלשי ראיות כדי דייני רייד צו נישט מאכן אזוי זאלסטו אים ניט לערנן לעולם אייביג זאל דער מענטש ניט נעמן קיין שכר פאר לערנין אויך איין דאקטר זאל ניט טון קיין רפואה אז מען זאל אים דר פאר געלט געבן אבער שכר טרחא אונ הוצאה וואס ער האט דרויף אויס גיגעבן זיין געלט מעג ער נעמן. ווען צו איין מענטשן קומט איין אפיקורס אונ דער מענטש איז ניט קיין חכם אודר ער איז יוא איין למדן נאר ער איז ניט קיין ירא שמים זאל ער זיך מיט אים מפלפל זיין דען דער אפיקורס קען אים נייגין זיין הארץ צו בייזן אבער ווען ער איז מער חכם וויא דער אפיקורס מעג ער זיך יוא מיט אים מפלפל זיין נאר אנדרי זאלן ניט זיין בייא דעם ויכוח דען טאמר וועלן זיי דעם אמת ניט פר שטיין וועט זייא זייער הארץ נייגן צו דעם אפיקורס אויך ווען דו זעהסט איינם וואס ער קען זיך מפלפל זיין נאר ער הט אין זיך ניט קיין יראת שמים זאלסטו ביי אים ניט לערנן :

רבי שמלאי איז גקומן צו רבי אונ זאגט צו אים לערין מיט מיר הגדות ענפערט רבי איך האב בקבלה פון מייני עלטרין אז מען זאל ניט לערנן קיין הגדה מיט קיין בבליים אויך מיט דיא וואס וואנן אין דרום זייט פון דר וועלט דען זיי זענן בעלי גאוה אונ זייא האבן אין זיך ווייניג תורה מכל שכן דוא בישט פון בבל אונ זיצט אין דרום אונ מען טאר ניט מגלה זיין

פיין

קיין הגדה צו עמי הארצים דען זיי גלייבן ניט דס אין הגדה איז ווינדערליך וועלן זיי דאס ניט גלייבן אונ וועלן זאגן דיא הגדה איז נישט אונ דיא רייד פון דיא חכמים איז ניטש הלל הזקן האט ניט גוואלט ליידן אוף דיא אכצן זאכן וואס מען הט גזאגט דען ער האט גיזאגט דיא וועלט וועט ניט קענין בשטיין דרוף וועלן זייא זאגן אזו וויא די אכצן זאכן זענען נישט אזו זענין אלי דברי תורה נישט דרום הט הלל דרוף ניט גיוואלט מסכים זיין • שאל אביך ויגדך דס איז טייטש ווען עס איז דיר איין ספק זאלסטו פרעגן דייני זקנים דהיינו דיין רבי אונ אוב דיין רבי ווייסט ניט וום דיר צוא ענפרן זאלסטו קיין אנדרן חכם ניט פרעגן וועלן דיין רבי שטייט דר בייא דען ער וועט מבויש ווערן • ווען איין מענטש גלוסט צוא ווייבר אודר צו קינדר אודר צו ריידן דברים בטלים די זאכן מאכן בטל פון לערנן שטייט דרוף (לאהבה את ה׳ בכל לבבך ובכל נפשך) • דאס איז טייטש זאלסט גאט ליב האבן מיט דיין גאנץ הארץ אונ מיט דיין נפש דהיינו דיין נפש זאל דער פילט ווערן מיט אהבה אונ מיט שמחה גאט צוא דינן אונ דיא אהבה זאל גרוס זיין זיא זאל אוועק שטוסן אלי תענוגים פון דער וועלט אונ דיא אהבה זאל זיין אזו גרוס אז ער זאל מקיים זיין (בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאודך :

יהודי איין יהודי וום ער פלעגט זיך נוהג זיין אז ער זאל אלי פרייטאג מעביר זיין די סדרה היינו צווייא מאל לייגען דעם חומש מיט טראפ אונ איין מאל דעם תרגום דען דיא חכמים האבן גזאגט דר וום טוט אזו דער לעבט לאנג אמאל האט ער גיזאגט איך וויל עס ניט טאן דען מיין לעבן איז מיר מיאוס דרום וויל איך ניט לאנג לעבן הט צו אים איין חכם גזאגט מיר גיפינן אין דער תורה ווער עס האלט ערליך זיין פאטר אונ מוטר לעבט לאנג ממילא אז איינם וום ווערט מיאוס זיין לעבן דהיינו ער איז איין בעל יסורים וועט ער פאטר אונ מוטר ניט ערליך האלטן כדי ער זאל שטארבן דס טאר מען ניט דען דער מענטש איז ניט גליך צוא איין שכר יום וואס מען דינגט אים אופן טאג קען ער זאגן איך וויל ניט דעם שכר אונ וויל ניט ארבייטן אבר יראי אלהים קענן דאס ניט זאגן איך וויל ניט די מצוה אונ וויל ניט דעם שכר דען מיר זענין גלייך בייא גאט ווי איינר קופט זיך איין עבד אודר איין אייזל מוזין זייא טאן זייער ארבייט אונ זיי קענן ניט זאגין צו זייער הער מיר ווילן דיא ארבייט ניט ארבייטן דען זיי מוזין טאן אלי מלאכות וום דר הער הייסט זיי אזו יראי אלהים מוזין טאן אלי מצות אונ מיר בדארפן ניט צוא פרעגין אוף שכר אודר אוף עונש דען מיר טארן ניט טאן פון שכר וועגן • לא תסיג גבול רעך • מען טאר ניט מסיג גבול זיין דאס מיינט מען אוך אז מען טאר ניט פאר ענדרין זייני נגונים דהיינו ער וועט לייגען דעם טראפ פון דער תורה אזו ווי פון נביאים אודר מיט דעם ניגון פון נביאים וועט ער לייאגן

אין דר תורה דען דיא אלי ניגונים האבן מיר אלץ בקבלה אונ מען טאר ניט זאגן איין פסוק אוף איין מכה כדי ער זאל גיהיילט ווערן אוך אז זיין קינד פאלט אריין אין ציטערניש אודר אין שרעקניש טאר מען אוף אים ניט לייגן איין ספר אודר תפילין אז ער זאל שלאפין · בכל אין אלי זאכין מוז מען האבן איין רבי וואס ער הט הבנה צו לערנן אוך ווען ער לערינט איין פסוק מוז ער רעכט געבן צו פאר שטיין צו זיין תלמיד אונ זאל אים געבן צוא פאר שטיין אז גאט איז אין המיל אונ איז מפרנס דיא גאנצי וועלט אונ עס איז פאר האנדן איין גיהנם אונ איין גן עדן · תחלה בדארף ער האבן איין רבי אודר איין חבר אז ער זאל אים מזהיר זיין אוף יראת שמים היינו ער זאל ניט זיין קיין זולל וסובא אונ ער זאל ניט מחלל שבת זיין אונ ער זאל אים אן זאגין אויף תאוות אוך זאל ער זייני קונדר מזהיר זיין פון גזל גניבה אונאה ותרמית קיגן קיין מענש יהי' מי שיהי' · דער מענטש זאל ניט געבן זיין זון צו לערנין צו איין מלמד וואס ער איז איין רגזן דען ער וועט זיין זון שלאגין אוך שעלטן · אמאל האט איין מלמד גימאנט דעם בעל הבית שכירות פר זיין קינד הט דער בעל הבית גזאגט איך האב דיר אצונד ניט צו געבן וויא דר מלמד איז אהיים נקומן הט ער גזאגט צוא זיין זון דר פר ווס דיין פאטור האט מיר אצונד קיין געלט ניט גיגעבין זאל זיין דר ווילן פון גאט אז דו זאלסט קיין הצלחה ניט האבן אין דיין לערנין הט איין חכם גיהערט דיא רייד פון דעם מלמד איז ער גיגאנגן צו דעם בעל הבית אונ הט אים גזאגט איך גיב דיר איין עצה אז דו זאלסט דיין זון אפ נעמין פון דעם מלמד אונ זאלסט אים געבין צו איין אנדרין וואס ער איז ניט קיין רגזן אונ דעם מלמד זאלסטו בצאלין דס שכירות פון דעם גאנצין זמן חאטשי עס איז נאך ניט אום גיגאנגין דער זמן :

אל איין מענטש זאל ניט טאן קיין חסד ווען איין עבירה קומט דער פון

ארום למשל ווען ראובן הט קונדער אונ פר מאגט ניט צו צאלין קיין שכר לימוד זאגט ראובן צו שמעון איך האב קיין שכירות ניט צו צאלין דרום בעט איך דיך אז מייני קינדר זאלין גיין מיט דייני קינדר צו איין רבי ווס די האלטסט פר דייני קינדר אונ שמעון ווייסט אז דיא קינדר פון ראובן זענין בטלנים אונ זיי ווען זייני קינדר מבטל זיין פון דעם לערנין זאל ער דעם גמילות חסד ניט טאן ווען איין מלמד טוט זעהן איין תלמיד איז שארף זיין מוח מער פון אלי קינדר זאל ער ניט שווייגן נייארט ער זאל זאגן דעם פאטר אז ער זאל אים אפ געבין צוא אנדרן מלמד וויא שארפי קינדר זענין אוך אז דר מלמד זעהט אוף איין תלמיד אז ער איז מצליח אין פסוק מער וויא אין גמרא זאל ער אים ניט נייטן צוא גמרא :

היתה כאניות סוחר דיא תורה איז גליך צו פולי שיפין מיט סחורה דער פסוק לערינט אונז אזו איין חכם ווס ער ווייסט ניט צו ענפרין אוף

אלי

אלי ערטיר וואס מען פרעגט אים דר איז ניט ראוי געוועזין צוא זיצן שוישן די סנהדרין אוך ניט זיין קיין ראש ישיבה דרום שטייט אניות פולי שיפן מיט סחורה (ממרחק תביא לחמה) דאס הייסט דער חכם ברענגט זיך ראיות פון וייטי מסכתות • פר וואס איז דם זאגט דר פסוק (ותקם בעוד לילה) וויל ער איז אוף גשטאנן צוא לערנן אז עס איז נאך נאכט • אוך גיט גאט צום חכם זיין בדערפניש אזו וויא איין סוחר גיט גאט אין הארץ פון אנדרי סוחרים אז זייא זאלן אים געבין צוא לייזין אזו שיקט גאט מלאכים צום חכם אז זייא זאלין אים ברענגן זיין בדערפניש • צווייא מענטשן האבין געהערט וויא איין מלמד לערינט מיט זיין תלמיד איין טעות זאגט איינר צום אנדרין זאג דעם מלמד ער איז זיך טועה זאגט זיין חבר קענסטו אים זאגין אז ער זאל ניט מבויש ווערין זאג אים אונ אוב ניט זאלסטו זיין בלוט ניט פאר גיסן זאג זיין קרוב אז ער זאל אים זאגין פון דעם טעות אונ זאל אים ניט זאגן פון די נט וועגין דען אז דער מלמד וועט דיך זעהן וועט ער מבויש ווערין אוך זאל זיך איינר ניט שטעלין ריידן מיט איין מלמד אין דער צייט וואס ער לערינט מיט די קינדר • אוך ניט מיט איין שכר יום וואס ער טוט די מלאכה בייא דעם בעל הבית דען ער וועט זיי מבטל זיין טוט ער איין עבירה • אמענטש טאר ניט זאגין פאר לייט מען הט מיר אזו פיל געוואלט געבין פר מיין סחורה אונ דיא סחורה איז באמת אזו פיל ניט ווערט אונ ער זאגט דרום אזו כדי מען זאל אים געבין פיל געלט טוט ער ניט רעכט דען מיר ישראל טארין קיין ליגענט ניט זאגין :

אם ווען איין אורח קומט אין דיין הויז זאלסטו אים ניט פרעגן קיין דברי תורה דען ער וועט מבויש ווערין סיידן אז דיא ווייסט אז ער וועט דיר ענפרין אוף דיין שאלה • אודר די זאלסט אים פרעגין פאר בארגין קיינר זאל דר בייא ניט זיין • חייב אמענטש איז מחויב צוא לערנין זייני טעכטיר די מצות וואס זיי זענין חייב צו טאן אונ דאס וואס אונזרי חכמים האבן גזאגט אז מען טאר ניט לערנין מיט זייני טעכטיר תורה האבן זייא גמיינט דעם פלפול פון דר גמרא איז מסורת אונ דקדוקים פון דער תורה אבר דיא הלכות פון מצות זאל ער מיט זיי יוא לערנין דען ווען זייא וועלן ניט וויסן דיא דינים פון שבת וועלין זייא ניט וויסן וויא אזו שבת רעכט צו האלטן דען מיר גפונן אז אין דער צייט פין יחזקיהו המלך האבן גקענט ווייבר אונ קליינע קינדר אפילו דיא דינים פון טהרות אונ קדשים אוך האט משה רבינו איין גזאמלט אפילו ווייבר אונ האט זייא גיזאגט די דינים פון דר תורה אזו ווי אין פסוק שטייט (אתם נצבים וכו' נשיכם וטפכם) אבר איין בחור טאר ניט לערנין מיט קיין מיידין די דינים נייערט דער פאטר זאל לערנין מיט זייני טעכטיר אוך מיט זיין ווייב :

בשחל אז ערב פסח גפאלט אום שבת זאל מען ניט מאריך זיין מיט

שבחות דען מאמר ווערט מען פר געסין אין דעם איסור פון חמץ אוך אז עס גפאלט אונ דער וואכין זאל מען ניט מאריך זיין בתפלה אוך ווען עס איז איין מת אין שטאט זאל מען ניט מאריך זיין בתפלה כדי מען זאל זיך געביר מיט אים מתעסק זיין דען דוד המלך זאגט (בתורת ה׳ חפצו) אונ עס שטייט ניט (חפץ מאוד) דס איז טייטש אז ער זאל ווייער עוסק זיין אין דר תורה דען דר פסוק שטוסט אין דר צייט אז ער טוט איין מצוה בדארף ער ניט עוסק זיין אין דער תורה למשל אז ער איז עוסק אין מצות באקין אוף פסח אונ אז ער ווערט דר בייא עוסק זיין אין דר תורה ווערט דס טייג קומן לידי חימוץ אוך ווען ער טרייבערט פלייש אז ער ווערט בשעת מעשה עוסק זיין אין דר תורה ווערט ער ניט רעכט אוס טרייברין דם חלב אוך אנדרי מצות וום מען בדארף דר צו האבן השגחה זאל ער ניט עוסק זיין אין דר תורה :

טוב מלא כף נחת ממלא חפנים עמל ורעות רוח דאס איז טייטש עס איז בעסיר אביסל מיט נחת איידר איין סך אן נחת דאס מיינט מען עס איז בעסר אביסל תפלה מיט כוונה איידר פול אן כוונה דען עס איז בעסר צו זאגן אביסל תפלה אונ ניט זיך גייארט ווארט בווארט איי מען זאל פיל תפלה זאגן אונ זיך אוך לערינט אונזי דער פסוק ווען איינר איז איין קמצן ער הט פיינט צדקה צו געבן אודר הכנסת אורחים אונ ניט צו זיין ווייב אלי וואך איין דבר קצבה אז זיא זאל מעגין מאן דר מיט וואס זיא וויל איז בעסר דאס ביסיל צדקה וואס זיא גיט פון דעם ביסיל געלט וום ער גיט איר איידר זיין פיל געלט וום ער הט . עס איז פר האנדין אזעלכי זאכין ווס דיא וועלט מיינט עס איז ניט קיין גזל אונ אין דר אמת איז דס נאך הארביר פון גזל דהיינו ווען איין אורח קומט צו איינם חאטשי ער גיז איין צדיק אונ איז איין עושר נאר ער איז איין קמצן אונ ער שעמט זיך אים ארום טרייבן אונ ער שעמט זיך אים צו זאגין איך האב דיר ניט וואס צו געבן קיין עסין . אז דער אורח גייט ניט אוועק איז דס איין גזל אוף דעם האט שלמה המלך אן גזאגט (אל תלחם לחם רע עין) דיא זאלסט ניט עסין ביי קיין רע עין אונ דיא תשובה פון דעם אורח איז הארב דר אפילו דר אורח ווערט שוין וועלין תשובה טאן אונ אים קערין דאס געלט פון דעם עסין צו דעם בעל הבית ער ווערט זיך אבר שעמין עס צו געבן ביי אים :

אדם ווען איין צדיק קומט צום גבאי נעמין צדקה אונ איין רשע איין זולל וסובא קומט אוך צו נעמן צדקה אונ דר גבאי קען מער ניט געבן נאר צו איינם אונ ער פר שטייט אז ער ווערט דעם רשע ניט געבן ווערט ער בייז זיין זאל דער גבאי דרוף ניט פרעגין אונ זאל געבין צום צדיק בעסר אבר ווען דער גבאי שטייט אז ער ווערט דעם רשע ניט געבן ווערט ער טאן איין בייזי מעשה זאל ער בעסר צום רשע געבן אמענטש דאס [illegible]

צוּם קָהָל גִיט מִיר צְדָקָה דְעַן אִיךְ בִּין אֵיין אָרוּמַאן אוּנ לַייט הָאבְּן גְזָאגְט אז עֶר הָט גֶעלְט אוּנ כַּאכְט זִיךְ קְרַאנְק הָט דֶר חָכָם גְזָאגְט וַוייל עֶר זָאגְט עֶר אִיז קְרַאנְק גִיט אִים עֶס קֶער אַזוֹ צוּ זַיין אוּנ אֵיין קָארְצֶר צַייט אַזֵי עֶר זַייעֶר קְרַאנְק גְוָוארֶן אוּנ אִיז גִישְׁלָאגְן גְוָוארִין מִיט גְרוֹסִי יְסוּרִים אוֹךְ אִיז גְוֶועזְן אֵיין מַעֲשֶׂה עֶס אִיז גְוֶועזְן אֵיין תַּלְמִיד חָכָם וָואס עֶר הָט נִיט בַּדַארְף נֶעמֶן קֵיין צְדָקָה אוּנ הָט יוֹא גְנוּמֶן אָבֶּר עֶר הָט עֶס אַלְץ צוּ אָרוּמִי צַדִיקִים אַוֶועק גְגֶעבֶּן אוּנ הָאט עֶס גְטָאן וַוייל צוּ זַיי הָט מֶען נִיט גְוָואלְט גֶעבְּן אוֹךְ הָאט עֶר זִיךְ גְטְרַאכְט בֶּעסִיר לָאם אִיךְ מְבוּיָשׁ וֶוערֶן אוֹךְ אִיז גְוֶועזְן אַגְרוֹסֶר אָרוּמַאן אוּנ הָאט נִיט גְוָואלְט מְקַבֵּל צְדָקָה זַיין דֶען עֶר הָאט זִיךְ גִיטְרַאכְט אִיךְ וִויל אַנְדֶערִי עֲנִיִים קֵיין שָׁאדֶן נִיט טָאן אוּנ עֶר פְּלֶעגְט אַנְטְלַייאֶן גֶעלְט בַּיי מֶענְטְשֶׁן אוּנ הָט דֶר מִיט גְהַאנְדְלְט אוּנ וָואס עֶר הָט פַּר דִינְט פְּלֶעגְט עֶר זִיךְ מִיט זַיי צוּ טֵיילֶן צוּם סוֹף הָט עֶר אַנְטְלִיגְן גֶעלְט אוּנ הָט אָן גְוָוארֶן אוֹךְ הָט עֶר אַבִּיסֶל אוֹף גְגֶעסֶן הָאבֶּן דָס קָהָל צוּ אִים גְזָאגְט הַיינְט הַייסְטִי אֵיין רָשָׁע דֶען עֶס שְׁטֵייט (לוה רשע ולא ישלם) דֶר רָשָׁע אַנְטְלַייאֶט אוּנ צָאלְט נִיט אוֹךְ קוּמְט דֶער פוּן אַרוֹם אֵיין חִילוּל הַשֵּׁם דֶען זַיי וֶועלֶן זָאגֶן מֶען טָאר קֵיין עֶרְלִיכִין יְהוּדִי נִיט אַנְטְלַייאֶן קֵיין גֶעלְט אַמֶער וָואלְסְטוּ גְוֶועזְן גְנוּמֶן צְדָקָה וָואלְסְטוּ דֶער צוּא נִיט גְקוּמֶן אַז אֵיינֶר וֶוערְט אֵיין נִצְרָךְ לִבְּרִיוֹת אַז עֶר קֶען זֶעהְן אַז מֶען זָאל אִים גֶעבֶּן צְדָקָה פוּן קָהָל אִיז בֶּעסֶר אֵיידֶר עֶר זָאל נֶעמֶן בַּייא יְחוּדִים דֶען אוֹפְט מָאל אִיז פַּר הַאנֶדֶן אַז אֵיינֶר גִיט אֵיין שִׁילִינְגֶר צְדָקָה אוּנ עֶס אִיז בַּייא אִים וִויא מֶען צַאפְּט אִים זַיין בְּלוּט׃

פַּלְגֵי מַיִם לֵב מֶלֶךְ בְּיַד ה׳ אֶל כָּל אֲשֶׁר יַחְפּוֹץ יַטֶּנּוּ · דָס אִיז טַייטְשׁ דָס הַארְץ פוּן דֶעם מֶלֶךְ אִיז גְלַייךְ אַזוֹ וִויא וַואסֶרִין וָואס טוּאֶן זִיךְ טֵיילֶן אַהִין אוּנ אַהֶער אוּנ זַיין הַארְץ אִיז בַּייא גָאט אִין דִי הֶענְט דָס מַיינְט מֶען וֶוען דָס פָּאלְק אִיז גִיט אוּנ רֶעכְטְשַׁאפֶּן נַייגְט אוּנְזֶר הֶער גָאט דָאס הַארְץ פוּן דֶעם מֶלֶךְ צוּ גוּטְן אָבֶּר וֶוען זַיי הָאבֶּן נִיט קֵיין זְכוּת וֶוערְט זַיין הַארְץ פוּן זַייא אָבְּגִיוֶוענְד׃

הַנּוֹתֵן דֶר וָוס גִיט צְדָקָה לְשֵׁם שָׁמַיִם וֶוערְט דִי צְדָקָה גִיזַייאֶט אִין גַּן עֵדֶן אַלְץ נָאךְ דֶער הֲנָאָה נָאךְ אוּנ אַלְץ נָאךְ דֶעם אָרוּמַאן נָאךְ לְמָשָׁל אֵיינֶר גִיט אֵיין פְּרוּטָה צוּ אֵיין עָנִי אוּנ דֶר עָנִי בַּדַארְף עֶס נֵייטִיג אִין דֶער צַייט אוֹדֶר עֶר גִיט צוּ אֵיינֶם וָואס עֶר הָט גְרוֹס דַחֲקוּת אוֹדֶר אֵיין אָרוּמַאן גִיט דֶעם אַנְדֶרְן אוֹדֶר אֵיינֶר גִיט אִים בְּרוֹיט אוּנ עֶר גִיט אִים פְלֵייש נָאךְ דֶר הֲנָאָה נָאךְ וֶוערְט עֶר אַלְץ בְּצָאלְט לְעוֹלָם הַבָּא אוּנ מֶען זַייאֶט דִי צְדָקָה אִין גַּן עֵדֶן אוּנ וָואס עֶס וַואקְסְט אַלִי יָאר אוֹף בְּרֶענְגְט מֶען עֶס אַרַיין אִין אֵיין אוֹצַר אַרַיין אוּנ עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ זֶעהְן פְּנֵי הַשְּׁכִינָה אוּנ עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ תְּחִיַּת הַמֵּתִים · אוֹב דוּ וֶועסְט פְרֶעגְן פַּר וָוס צוּ אֵיין צַדִיק גֵייט שְׁלֶעכְט אוֹף דֶר וֶועלְט אִיז דֶר תִּירוּץ וֶוען דֶעם צַדִיק זָאל גֵיין אוֹף דֶר וֶועלְט גוּט

וואלטין

וָואלְטִין לַייט גִיזָאגְט עֶר אִיז דְרוּם אַיין צַדִיק כְּדֵי עֶס זָאל אִים גּוּט זַיין אוֹיף דֶר וָועלְט אָבֶּר וָוען עֶס אִיז אִים שְׁלֶעכְט אוּנ עֶר אִיז פָארְט אַיין צַדִיק אַזוֹ זָעהְט מֶען זַיין צִדְקוֹת אִיז נָאר לְשֵׁם שָׁמַיִם :

וְיוֹתֵר אוּנ עֶס אִיז בֶּעסִיר זִיךְ צוּ בְּהֶעפְטִין מִיט אַיין עַם הָאָרֶץ וָואס עֶר אִיז אַנְוַותְרָן מִיט זַיין גֶעלְט אֵיידֶר צוּ בְּהֶעפְטֶן זִיךְ מִיט אַיין לָמְד וָואס עֶר אִיז אַיין קַמְצָן אוּנ אַיין קַפְּדָן :

עָשִׁיר אַיין עוֹשֶׁר פְּלֶעגְט גֶעבֶּן דֶעם גַבָּאי אִין דִי הֶענְט צְדָקָה אַז עֶר זָאל טֵיילֶן צוּ אָרוּמִי לַייט אוּנ דֶר עוֹשֶׁר הָאט גְהַאט אַיין אָרוּמַן בְּרוּדֶר אוֹיךְ אָרוּמִי קְרוֹבִים הָט אַיין חָכָם גְזָאגְט צוּ דֶעם עוֹשֶׁר פוּן דַיין צְדָקָה קוּמְט אַרוּס אַיין צְעָקָה דֶען דַיינִי אָרוּמִי קְרוֹבִים שְׁרַייאֶן אוֹף דֶעם גַבָּאִי אוֹךְ אוֹף דִיר דְרוּם גִיבּ בֶּעסֶר צוּ דַיינִי קְרוֹבִים אַז אַיין מֶענְטְשׁ הָאט קִינְדֶר וָואס זֵיי וִוילֶן אִים נִיט פָאלְגִין וָוען עֶר שְׁטְרָאפְט זֵייא אַז זַייא זָאלֶן תּוֹרָה לֶערְנֶן אוֹדֶר מַעֲשִׂים טוֹבִים טָאן זָאל עֶר זֵיי נִיט מְפַרְנֵס זַיין נַייעֶרְט עֶר זָאל זֵייא לָאזִין גֵיע וְגָד צְוִוישֶׁן לַייטֶן אֶפְשַׁר וָועלֶן זַייא בֶּעסִיר וֶוערֶן אָבֶּר אַז עֶר זָעהְט אַז זֵיי וָועלֶן אַרוּס גֵיין דוּרְךְ דֶעם לְתַרְבּוּת רָעָה זָאל עֶר פוּן זֵיי לַיידֶן :

אָמַר ר׳ לֵוִי. ר׳ לֵוִי זָאגְט דֶער מֶענְטְשׁ וָואס עֶר גֵייט נָאךְ כִּישׁוּף וֶועט אִיהְם אוּם גֵיין כִּישׁוּף צוּ בֵּייזִין אָבֶּר דֶר וָואס גִיט צְדָקָה גֵייט אִים אוּם דִיא צְדָקָה צוּ גוּטֶן אוּנ עֶר אִיז מַצְלִיחַ דְרוּם וֶוען אֵיינֶר גֵייט הַאנְדְלֶן אוֹדֶר עֶר בַּדַארְף גֵיין בִּמְקוֹם סַכָּנָה זָאל עֶר דֶעם עָנִי פְרִיעֶר גֶעבֶּן בְּרוֹט אוֹדֶר אַנְדֶר עֶסִין אַז דֶר עָנִי זָאל תֵּיכֶּף הַנָאָה הָאבִּין אוּנ אַז דֶר עָנִי שֶׁעמְט זִיךְ צוּ נֶעמֶן בְּרוֹיט זָאל עֶר אִים גֶעבֶּן גֶעלְט אַשְׁרֵי וואל אִיז דֶעם דָאזִיגֶן וָואס עֶר אַנְטְלַייט דֶעם אָרוּמַאן אִין זַיין נוֹיט אוּנ אַז עֶר אַנְטְלַייט אַיין אָרוּמַן אוּנ וַייסְט אַז עֶר הָאט אִים נִיט צוּ בְּצָאלֶן אוּנ עֶר זֶעהְט אִים גֵיין זָאל עֶר גֵיין דוּרְךְ אַנְדְרֶען וֶועג כְּדֵי אַז עֶר זָאל נִיט כְּבוּיְשׁ וָוערֶן דֶען עֶר וֶועט זִיךְ מְרַאכְטֶן דוּא הַאלְטְסְט אִים פַאר אַיין רָשָׁע עֶר הָאט יוֹא צוּ בְּצָאלֶן נָאר עֶר וַויל נִיט

יְהַלֶּלְךָ זָר וְלֹא פִּיךָ דָאס אִיז טַייטְשׁ לָאז דִיךְ בֶּעסִיר אַפְּרֶעמְדֶיר לוֹבֶּן אוּנ נִיט דוּ זָאלְסְט זִיךְ אַלַיין לוֹבִּין דָאס אִיז וֶוען אַיין חָכָם קוּמְט אִין אַיין פְּרֶעמְדֶר שְׁטָאט אוּנ מֶען קֶען אִים דָארְט נִיט אוּבּ עֶר אִיז אַיין חָכָם זָאל עֶר נִיט זָאגֶן אִיךְ בִּין אַיין גָאוֹן וְגָדוֹל נַייעֶרְט עֶר זָאל רֵייךְן דִבְרֵי תּוֹרָה וָועלֶן לַייט מְמֵילָא וִויסֶן וֶוער עֶר אִיז אוּנ וָועלֶן אִים גֶעבֶּן נָאךְ זַיין לֶערְנֶן נָאךְ דֶער מֶענְטְשׁ וָואס נֶעמְט צְדָקָה וַוייל עֶר אִיז עוֹסֵק אִין תּוֹרָה אוּנ אִין מִצְוֹת זָאל עֶר פוּן דֶר צְדָקָה קַיין הַנָאָה נִיט הָאבֶּן נַייעֶרְט עֶר זָאל דִי צְדָקָה אַוֶועק גֶעבֶּן צוּ זַיין גְלַייכֶן אָבֶּר וָוען דָאס קָהָל זָאגְט אִים מִיר גֶעבֶּן דִיר אוּנ דוּ זָאלְסְט דֶר פוּן קַיינֶם נִיט גֶעבֶּן זָאל עֶר נִיט גֶעבֶּן אֲפִילוּ צוּ דֶעם וָואס עֶר אִיז בֶּעסִיר פוּן אִים וָוען דֶער גַבָּאִי צְדָקָה אִיז אַיין צַדִיק נָאר עֶר אִיז אַיין שְׁבָחָן עֶר פַאר גֶעסְט וָואס מֶען זָאגְט אִים פַאר עֶר גִיט זַיין קַיין גַבָּאִי

דען

דען יענר גיט אים צדקה אונ זאגט אים אז ער זאל עס דעם געבן אונ ער פאר געסט אונ גיט אפ צו אנדרי איז ער עובר אוף יענימס רייד :

והייתם נקיים מיי ומישראל דאס איז טייטש איר זאלט זיין ריין ביי גאט אוף ביא לייטן דער פסוק לערינט אונז ווען איין גבאי גיט צדקה צו אזעלכי וואס זייא זענן בני טובים אונ דער פון ווייסט מער ניט נאר צוויא אודר דרייא פון קהל אונ דאס איבריגע זענן ברוגז אוף דעם גבאי זאגן וויא אהין האסטו אום געגעבן אזו פיל געלט פון צדקה מסילא ווערט דר גבאי מבויש איז בעסיר אז ער זאל מבויש ווערן אונ זאל ניט אום זאגן וועמין ער הט אוועק גיגעבן כדי אז די בני טובים זאלן ניט מבויש ווערין :

ווען דער גבאי הערט אז דיא שלעכטי לייט זענן אים חושד אז ער בהאלט דאס געלט פון צדקה זאל ער ניט ברוגז זיין אונ זאל אוף זיי ניט פרעגן אבר ווען פיל מענטשן זאגן דעם גבאי מיר בגערן דיך ניט פר קיין גבאי זאל ער זאגן צו דיא גוטי לייט ווייל פיל ווילן מיך ניט נעמט איך איין אנדרן ווער עס גפעלט איך עס איז מער מצוה ווער עס רעט אן אנדרי אז זיי זאלן געבן צדקה מער איידר ער גיט אליין אונ דאס איז נאר אז ער איז זיך מתעסק אז עשירים זאלן געבן אבר ווען ער איז זיך מתעסק אוף אזו אמענטשן וואס ער קען זיך אליין ניט מפרנס זיין איז גליך וויא ער גזלת אים ווען דו זעהסט אז צווייא קומן אין איין שטאט אריין איינר איז איין אדם חשוב אונ דער אנדרר איז איין שלעכטיר אונ מען גיט דעם שלעכטן מער צדקה וויא דעם חשוב זאלסטו וויסן אז דם קהל פון דער שטאט האבן קיין זכיות ניט דרום שיקט גאט זיי צו אז זיי זאלן זייער צדקה געבן צו אזעלכי ווס זענן ניט ווערט אוך דרום איז דאס ווייל דיא עלטרין פון דעם אדם חשוב האבן געגעבן צדקה צו פרעמדי חשובי לייט אונ צו זייערי קרובים האבן זיי נאר געגעבן אביסל צדקה דרום איז דר אדם חשוב גקומן צו דער מידה אז איבר אנדרי איז מען זיך מרחם אונ מען גיט צו זיא אמנה יפה אונ איבר זייני קינדר איז מען זיך ניט מרחם אונ מען גיט צו זיא ווינציג :

ראובן ווען ראובן גיט געלט צוא שמעון אונ זאגט אים אן דאס געלט זאלסטו געבן צדקה צוא לומדי תורה אונ שמעון הט קרובים זאגן זייא צו שמעון גיב אונז דם געלט וועלן מיר עוסק זיין בתורה זאל ער עס בעסיר געבן צו דיא וואס האבן שון פון לאנג עוסק גיוועזן אין תורה אונ צו זייני קרובים זאל ער זאגן ווייל אייער לערנין איז פון געלט וועגן דאס לערנן איז שלא לשמה :

מעשה עס איז גוועזן איין מעשה איין בחור איז שלאף גוועזן אונ איז גוועזן נוטה למות האט ער גישריגן לייזט מיך אום האבן דיא לייט גפרעגט דעם חכם ווס איז דאס וואס ער שרייאט לייזט מיך אום הט דער חכם גיזאגט אפשר איז ער איין בכור אונ זיין פאטיר האט אים ניט אוס

גילייזט ביי דעם כהן דרום גיט צום כהן פינף טאלער האט מען עס גיטאן הט ער דר נאך גילעבט פינף אונ צוואנציג יאר :

האב איין פאטר ווס ער הט גיגעבן איין מאן צו איין טאכטר אונ דר פאטר בדארף זיין טאכטר זאל אים בדינן אונ זיא הט צו מאן דס דינסט פון איר מאן· זאל דער פאטר ניט שאפן אז זיא זאל אים בדינן אין דער צייט ווס זיא בדארף בדינן איר מאן אבר ווען דער מאן איז גוט זאל ער הייסן זיין ווייב אז זיא זאל טאן פריר צום פאטר וויא צוא אים ווען דיא מוטר האט גזאגט צוא איר זון טוא דיא זאך אונ דר נאך איז גקומן דר פאטר אונ האט גיצערינט אויף דעם זון פר ווס ער הט דס גימאן זאל דר זון ניט זאגן אז די מוטר הט עס אים גהייסן טאן טאמיר וועט דר פאטר שעלטן די מוטר נמצא איז ער גורם אז ער זאל זיא שעלטן :

הבן ווען דר זון הט סחורה צו פאר קויפין אונ מען וויל אים געבין ריוח אויף איר נאר דר פאטר שלאפט אויף איר זאל ער זיין פאטר ניט אויף וועקן אבר ווען דיא סחורה איז דעם פאטירס אונ דער זון ווייסט אז ער וועט דעם פאטר אויף וועקן וועט ער האבן דר פון שמחה איז איין מצוה ער זאל אים אויף וועקן· אויך איז איין מצוה ער זאל אים אויף וועקן צוא גיין אין שיל צו ריין אודר צוא איין מצוה· אז דער פאטר טוט איין שווערי מלאכה אונ דר זון איז עוסק בתורה איז איין מצוה אז דר זון זאל אוועק לייגן דס לערנין אונ ער זאל טאן די מלאכה אבר אז דר זון ווייסט אז דר פאטר וועט ארום גיין בטל וועט ער גאך גיין נאך עבירות זאל ער לאזין זיין פאטיר די מלאכה טאן כדי אז דר פאטיר זאל ניט זינדיגן· אויך ווען דר זון טוט איין מלאכה אונ דער פאטיר זאגט אים גייא דיא לערנין אונ איך וועל טוהן דיא מלאכה ווס דיא זאלסט טון זאל ער גיין לערנין· אפילו אז ער ווייסט אז לייט וועלין זאגין אז ער איז מבזה זיין פאטיר זאל ער דאך זיין פאטיר פאלגין אבר אז ער הייסט אים ניט לערנין זאל ער די מלאכה טאן· איינר ווס זיין זון שטעלט זיך אויף פר אים אונ זעצט זיך ניט אנידר ביז ער זיצט זיך אונ ווען אנדרי זעהן אז דר זון שטייט אויף שטייאן זייא אויך אויף זאל דר פאטיר מוחל זיין צוא דעם זון ער זאל זיך אנידר זעצן כדי די אנדרי זאלן זיך אויך אנידר זעצין אבר ווען ער זעהט אז קיינר גיט אים שון ניט אפ קיין כבוד ווייל זייא זעהן אז דר זון גיט אים ניט אפ קיין כבוד אזו זאל ער אים ניט מוחל זיין· ווען זיין פאטיר אונ מוטר פאסטין אונ ער ווייסט אז ער וועט פאסטין וועלין זיין פאטיר אונ מוטר האבען צער אונ ער וויל אז זייא זאלן ניט פאסטין זאגט ער זייא אז איר וועט פאסטין וועל איך אויך פאסטין זאל ער זיין פאטיר אונ מוטר פאלגין אונ ניט פאסטין נאר דעם תענית וואס אנדרי פאסטין זאל ער פאסטין כאטשי זיין פאטיר אונ מוטר ווילן ניט ליידין :

ויאמר עשו הנה אנכי הולך למות· עשו האט גיזאגט איך בין אן גיבייט

אלי

אַרִי צייט צום טוט דען איך גייא פון מיין פאטירס וועגין אין די וועלדר צו תאפין חיות אונ איך שטעל מיר איין מאן לעבין דרום זענין זייני קינדר גיקומען צו גרוס גדולה וייל ער הט זיין לעבין איין גישטעלט פון כבוד אב וועגין · אוך האט יוסף זיין לעבין איין גישטעלטיפון וועגין זיין פאטיר חאמשי ער האט גוויסט אז זייני ברידר האבין אים פיינט איז ער דאך גיגאנגין צו זיי דרום קער זיך איטליכר איין ראיה נעמן וויא אזו זיין פאטיר כבוד אן טאן אונ זאל דעם פאטיר פרנסה געבין · ווען דוא זעהסט דיא רשעים וואס האלט ניט ערליך זייער פאטיר אונ מוטר אונ האבין פארט גרוס הצלחה זאלסטו וויסן אז דס איז צו בייזין כדי זייערי זינד זאלן זיין פר פיל אוך איז פר האנדין רשעים אז זיי טואין אום רעכט האבין זיי הצלחה אונ אז זיי טואן רעכט האבין זיי ניט קיין הצלחה איז אוך כדי זייער זינד זאל זיין פאר פיל אונ זאלן ירשינן זייער חלק אין גיהנם׃

כתיב מה טוב ומה נעים שבת אחים גם יחד) דאס איז טייטש וואס פאר איין גוטקייט עס איז אז ברידר זיצן באננדר אונ האבין שלום אבר ווען עס איז צווישן זיי קריג איז בעסיר אז זיי זאלן זיך שיידין אוך איין רבי מיט איין תלמיד אונ איין מוטר מיט איין קינד אוב עס איז צווישן זיי קריג זאלן זיי זיך צו שיידן · זעה וויפיל תענית אונ גיבעט דער מענטש טוט ווען זיין זון איז שלאף אונ זיין נפש איז אים פאר ביטערט מכל שכן אז ער קער זיך מצער זיין אוף זייני עבירות דען ער בטריבט זיין נפש קער ער בוודאי צו פאסטן אונ וויינן׃

כל אזו איין מצוה וס ער איז זיא ניט מחויב צוא טאן גאר אנדרי זענין מחויב אונ ער טוט זיא פארט איז ער מקבל שכר אוף איר למשל אז זיין פאטיר אונ מוטר זענין גישטארבן אז ער איז נאך גיוועזן איין קינד אונ זיין עלטיר פאטיר אונ מוטר לעבין נאך אונ ער האלט זיי ערליך איז גלייך וויא ער האלט זיין פאטיר אונ מוטר דען זיין כוונה איז אז זיין פאטיר אונ מוטר זאלן לעבין וואלט ער זייא אוך אפ גגעבין כבוד צוא זייא דרום ניט ער זייא אפ כבוד דעסט גלייכין ווען ער גיט אפ כבוד זיין עלצטין ברודר אוך ווען ער גיט אפ כבוד צו צדיקים האבין זייא גרוס שכר דרום הט יורם המלך גירופין צו אלישע הנביא אבי אבי דס איז טייטש דו ביסט מיין פאטר דען ער הט צו אלישע אפ גיגעבן כבוד וויא צו זיין פאטר׃

כתיב כן יאבדו כל אויביך יי ואוהביו כצאת השמש בגבורתו · דאס איז טייטש דבורה הנביאה האט נביאות גיזאגט דיא שונאים פון גאט וועלן פר לארין ווערן אבר די ליב האביר וועט זייער פנים לייכטין וויא דיא זון דאס האט זיא נביאות גיזאגט אוף דוד המלך דען דויד מיט איין יו״ד טרעפט אן פיר אונ צוואנציג אזו וויא דס ווארט אהבי״ו הט אוך אין דער צאל פיר אונ צוואנציג אוך טרעפט אן דאס ווארט ואהבי״ו דרייסיג אזו וויא דאס ווארט יהוד״ה דען דוד המלך קומט ארוס פון שבט יהודה

אוּנ בַּייא דָּוִד הַמֶּלֶךְ שְׁטֵייט (וכסאו כשמש נגדי) זַיין שְׁטוּל אִיז גִיגְלַיכְן צוּא דֶר זוּן אַזוֹ וִוי דִיא זוּן אִיז אֵייבִּיג אַזוֹ וֶועט זַיין מַלְכוּת זַיין אֵייבִּיג :

שָׁלְחוּ דִיא חֲכָמִים הָאבֶּן גִשִׁיקְט פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל וֶועלְכִיר אִיז אֵיין בֶּן עוה"ב דֶר וָוס אִיז אֵיין עָנִי אוּנ גֵייט אֵיין גִיבּוֹגִין אוּנ לֶערִינְט תּוֹרָה אוּנ הַאלְט זִיךְ פַאר נִישְׁט :

אָמַר הֶחָכָם דֶער חָכָם הָט גִיזָאגְט דָאס זֶענִין דִיא בֶּעסְטִי מִדּוֹת וָואס דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ פִירֶן אֵיינְס אִיז אֱמֶת אוּנ גְמִילוּת חֶסֶד אוּנ הַכְנָעָה אוּנ זָאל מְכַבֵּד אוֹרְחִים זַיין אוּנ לַיידֶן בּוּשָׁה מוֹחֵל צוּ זַיין וֶוען מֶען טוּט אִים עֶפִּיס שְׁלֶעכְטְץ אוּנ זָאל רֵיידֶן מִיט לַייט וַוייכִי רֵייד אוּנ זָאל זִיךְ דֶער וַוייטֶרִין שָׁאדֶן צוּ טָאן צוּ זַיין חָבֵר אוּנ זָאל נִיט אוּם וַוארְפִין צוּא לַי טֶן זַייעֶר מוּם אוּנ זָאל נִיט רֵיידֶן קֵיין לָשׁוֹן הָרָע אוּנ קֵיין סוֹד נִיט אִים זָאגֶן · אוֹךְ זָאלְסְטוּ וִויסֶן וֶוער עֶס הָט אִין זִיךְ נִיט דִיא מִדּוֹת הֵייסְט עֶר (אויל) דָאס אִיז טַייטְשׁ אֵיין נַאר אוּנ אֵיין רָשָׁע · אוֹךְ זָאלְסְטוּ וִויסֶן אַז דֶער (אויל) אִיז נִיט גִיאַכְט בַּייא לַייטֶן מֶען פְרֶעגְט אִים נִיט קֵיין עֵצָה אוּנ וֶוען עֶר אִיז נִיט דָא פְרֶעגְט מֶען אוֹף אִים נִיט אוּנ מֶען טוּט אִים נִיט אָן קֵיין כָּבוֹד • אִם וֶוען דוּ בִּיסְט אַזוֹ אַמֶענְטְשׁ וָוס דוּא הָאסְט מְזַכֶּה רַבִּים גִוֶועןאוּנ עֶס קוּמְט דִיר אוּם אֵיין עֲבֵירָה צוּ טָאן אוּנ דוּ טוּסְט זִיא נִיט זָאלְסְטוּ דִיר נִיט מַחֲזִיק טוֹבָה זַיין וַוייל דוּ הָאסְט מְזַכֶּה רַבִּים גִוֶוען אִיז דִיר דֶר זְכוּת בַּייא גִישְׁטַאנִין אַז קֵיין חֵטְא זָאל צוּא דִיר נִיט קוּמֶן אוֹךְ וֶוען אֵיינֶר הָאט נִיט מְזַכֶּה רַבִּים גִוֶוען אוּנ הָאט אוֹךְ דֶעם יֵצֶר הָרָע גוֹבֵר גִיוֶוען זָאל עֶר זִיךְ אוֹךְ נִיט מְהַנֶּה זַיין וָוארוּם עֶר וֶועט מְזַכֶּה רַבִּים זַיין וֶוען אַמֶענְטְשׁ הָאט מְזַכֶּה רַבִּים גִיוֶוען אוּנ הָאט דֶער נָאךְ גִיטָאן עֲבֵירוֹת וֶועט דֶר זְכוּת נִיט מֵגִין זַיין אוֹף אִים פוּן פוּרְעָנִיּוֹת אַזוֹ וִויא מִיר גִפוּנֶן אַז שְׁלֹמֹה הָאט מְזַכֶּה רַבִּים גִיוֶוען פוּן דֶעסְט וֶועגִין הָאבִּין דִי חֲכָמִים אִים גִוָואלְט צֵיילֶן צְווִישֶׁן דִיא וָוס הָאבֶּן נִיט קֵיין חֵלֶק לעוה"ב :

אָמְרוּ דִי חֲכָמִים הָאבֶּן גִיזָאגְט אַז הקב"ה הָט גִיפְּרוּבְט צוּא אַבְרָהָם אָבִינוּ מִיט עֲקֵידַת יִצְחָק דָס אִיז שׁוֹין גִיוֶוען דִי צֶעהֶנְטֶע פְּרוּב הָאט אַבְרָהָם גִיזָאגְט רבש"ע אִיךְ גֵייא נִיט אַוֶועק פוּן דַאנֶן בִּיז דוּ זָאלְסְט מִיר שְׁוֶוערִין אַז דוּ וֶועסְט מִיךְ שׁוֹן מֶער נִיט פְּרוּבִין דֶען אִיךְ זָאל זִיךְ ח"ו דָא נִיט גִוֶוען צוּ הֶערֶן וָואלְט אִיךְ אָן גִיוואֶרן אַלִי זְכִיּוֹת וָוס אִיךְ הָאבּ מִיךְ גִמִיהְט אַלִי מַיינִי טֶעג הָאט הקב"ה אִים צוּא גִיזָאגְט אַז עֶר זָאל שׁוֹן אִים נִיט פְּרוּבֶן דֶען דִיא יְסוּרִים וָוס זֶענִין גְקוּמֶן אוֹף אִיוֹב מִיט דֶעם נִסָּיוֹן הָאט בַּדַארְפְט אַבְרָהָם עֶס הָאבֶּן :

יִרְאַת יְיָ טְהוֹרָה עוֹמֶדֶת לָעַד · דָאס אִיז טַייטְשׁ דִיא רֵיינִי יִרְאָה בְּלַייבְּט אֵייבִּיג דָאס מֵיינְט מֶען וֶוען אֵיינֶם טְרֶעפְט זִיךְ אֵיין עֲבֵירָה צוּא טָאן אוּנ דֶער יֵצֶר הָרַע שְׁטַארְקְט זִיךְ אוֹיף אִים אוּנ וִויל אִים מַאכֶן זִינְדִיגֶן אוּנ עֶר קֶען דִי עֲבֵירָה טָאן דְהַיְינוּ עֶס אִיז בְּסֵתֶר אוּנ עֶר שְׁטַארְקְט זִיךְ אִיבֶּר

דֶעם יֵצֶר הָרַע אוּנ אִיז אִים גוֹבֵר אוּנ עֶס טְרֶעפְט זִיךְ אִים פִיל מָאל אַזוֹ אִיז עֶר אַלְץ גוֹבֵר דֶעם יֵצֶר הָרַע אוּנ טוּט זַייא נִיט אוּנ צוּם סוֹף קוּמְט ווִידֶר דִי אֵיינֶגֵי עֲבֵירָה צוּ אִים אוּנ עֶר טוּט שׁוֹן יוֹא דִיא עֲבֵירָה פוּן דֶעסְט וֶועגֶן הָאט עֶר נִיט אָן גִיוואוּרֶן דֶעם שָׂכָר פוּן דִיא עֶרְשְׁטֵי עֲבֵירוֹת וָואס עֶר הָאט נִיט גִיטָאן ווייל דִיא עֶרְשְׁטֵי זֶענִין גִוֶועז רֶעכְטֵי יִרְאָה עֶר הָט זִיךְ נָאר אָפּ גִישַׁייד פוּן נָאטְס וֶועגִין :

משֶׁה וְדָוִד משֶׁה רַבֵּינוּ אוּנ דָוִד הַמֶלֶךְ זֶענִין גְלַייךְ דֶען משֶׁה הָאט גִיקֶענִיגְט אִיבֶּר יִשְׂרָאֵל פֶערְצִיג יָאר אוּנ דָוִד אִיז אוֹיךְ גִוֶועזְן אֵיין מֶלֶךְ פֶערְצִיג יָאר משֶׁה הָט גִהָאלְפֶן דִי יִשְׂרָאֵל אַזוֹ אוֹיךְ דָוִד • משֶׁה הָט גִיטָאן מִשְׁפָּט וּצְדָקָה מִיט דִי יִשְׂרָאֵל אַזוֹ אוֹיךְ דָוִד • משֶׁה הָאט גִיזָאגְט (מִזְמוֹר שִׁיר לְיוֹם הַשַּׁבָּת וגו׳ כִּי יָשָׁר יְיָ צוּרִי וְלֹא עַוְלָתָה בּוֹ) דָאס הָט משֶׁה גִיזָאגְט ווייל מֶען הָאט אִים גִיפְרֶעגְט ווארוּם הָאסְטוּ אַזוֹ ווֶינְצִיג גִילֶעבְּט אָמֶער דִיא אָבוֹת הָאבֶּן מֶער גְלֶעבְּט דְרוּם הָט עֶר גִיעֶנְפֶרְט (כִּי יָשָׁר יְיָ צוּרִי) דָס אִיז טַייטְשׁ מַיין בֶּשֶׁעפִיר טוּט רֶעכְט כְּדֵי דִיא דוֹרוֹת זָאלֶן זִיךְ פוּן מִיר אָפּ לֶערְנִין אַז גָאט אִיז מִיר נִיט נוֹשֵׂא פָּנִים מִכָּל שֶׁכֵּן אַנְדֶרִי וָוס זֶענִין נִיט אַזוֹ נוּט קֶער זַיי גָאט בְּוַודַאי צוּ שְׁטְרָאפֶן • נָאךְ אֵיין טַעַם אִיז פַאר וָוס משֶׁה הָאט נִיט גְלֶעבְּט אַזוֹ וִויא דִיא עֶרְשְׁטֵי דוֹרוֹת דֶען משֶׁה זָאגְט אִיךְ הָאבּ גִיזָאגְט (כִּי הִיא חַיֶּיךָ וְאוֹרֶךְ יָמֶיךָ) דָס אִיז טַייטְשׁ דֶר וָוס לֶערְנְט תּוֹרָה לֶעבְּט לַאנְג דָס מַיינְט מֶען אֲרִיכוּת יָמִים לְעוֹלָם הַבָּא ווער קֶען מֶער צַייער הָאבֶּן אִיבֶּר דֶר תּוֹרָה ווִי אִיךְ הָב גְהַאט אַלִי הָאבֶּן פוּן מִיר דִיא תּוֹרָה גְלֶערְנְט אוּנ בִּין גִישְׁטָארְבֶּן מִיט אַזֶעלְכֵי קָארְצִי יָארִין אַזוֹ אֵיין חָכָם שְׁטַארְבְּט יוּנְג אוּנ לֶעבְּט נִיט לַאנְג וֶועט עֶר הָאבֶּן אֲרִיכוּת יָמִים לְעוֹלָם הַבָּא אוֹיךְ דָוִד הַמֶלֶךְ הָאט נָאר גִילֶעבְּט זִיבֶּצִיג יָאר אָבֶּר דֶער רֶעכְטִיר שָׂכָר אִיז לְעוֹלָם הַבָּא (מִזְמוֹר שִׁיר לְיוֹם הַשַּׁבָּת דֶעם מִזְמוֹר הָאט משֶׁה גִיזָאגְט אוּנ צוּם סוֹף זָאגְט עֶר (כִּי יָשָׁר יְיָ צוּרִי וְלֹא עַוְלָתָה בּוֹ) דֶען עֶר הָאט אוֹיף זִיךְ מַצְדִיק הַדִין גִיוֶועזְן אוּנ פַר וָוס אִיז משֶׁה רַבֵּינוּ מִיט דָוִד הַמֶלֶךְ גִישְׁטָארְבֶּן אוּם שַׁבָּת אִיז דֶר תֵּירוּץ ווייל גָאט הָט גִיזָאגְט צוּ דָוִד (וְעָשִׂיתִי לְךָ שֵׁם כְּשֵׁם הַגְדוֹלִים) דָס אִיז טַייטְשׁ אִיךְ וֶועל דִיר מַאכֶן דַיין שֵׁם גְרוֹס וִויא דֶר שֵׁם פוּן דִי גְרוֹסִי צַדִיקִים אוּנ אִין שַׁבָּת לֵיינִין מִיר תּוֹרַת משֶׁה אוּנ דֶער נָאךְ לֵייעֶנְט מֶען מַפְטִיר אִין דֶער תּוֹרָה אוּנ זָאגְט דִיא הַפְטוֹרָה אִין נְבִיאִים אוּנ מַאכְט דִיא (בִּרְכוֹת הַפְטוֹרָה) אוּנ זָאגְט (מָגֵן דָוִד) מְמֵילָא דֶער מַאנְט מֶען (מָגֵן דָוִד) דֶר בַּייא תּוֹרַת משֶׁה זֶענֶן גִיטֵיילְט אוֹיף פִינֶף סְפָרִים אוּנ דָוִד הָט גִיטֵיילְט תְּהִלִים אוֹיךְ אוֹיף פִינֶף סְפָרִים דֶען דָוִד הָאט מְתַקֵן גִיוֶועזְן הִיטוּנְג צוּא דֶער תּוֹרָה אַז דוּרְךְ דֶעם וֶוען מֶען אָב הִיטִין דִיא תּוֹרַת משֶׁה :

רַבִּי אֱלִיעֶזֶר הָט גִיבֶּעטִין צוּ זַיין פָּאטֶר רַבִּי צָדוֹק אַז עֶר זָאל בְּצָאלֶן שָׂכָר דֶעם דָאקְטִיר וָואס עֶר הָאט אִים גִיהֵיילְט • תֵּרוּץ דֶעם וָוס מֶען טָאר גִישְׁט קֵיין שׁוּם פֶענִשְׁט סַייא יְהוּדִי סַייא אֵיין אִינוּ יְהוּדִי גִזָלְן גִיבִּין

אונד

אודר מרמה זיין זאלסטו זיך היטן אז דו זאלסט אין אייט יהודי קיין טעות ניט מאכן אין חשבון אונ ווען ער פאר לירט עפיס אונ דוא גיפינסט זאלסטו אים אום קערן אונ זאלסט אים ניט מזלזל זיין אונ זאלסט אים ערליכר האלטן וויא צו איין יהודי וואס ער לערינט ניט קיין תורה :

שני ווען צווייא צדיקים קומן אין איין שטאט אריין אונ מען איז איינם מכבד מער פון דעם אנדרין זאל דר איינר וואס מען איז מכבד זאל ער דעם אנדערן מכבד זיין אז ער זאל אים ניט מקנא זיין אוך ווען איין חכם קומט אין איין שטאט אריין זאל דר חכם פון דער שטאט כבוד אן טאן צו דעם חכם וואס ער איז אן גקומן כדי אז די שטאט לייט זאלן אים אוך כבוד אן טאן אזו וויא מיר גפונין אז משה רבינו הט זיין תלמיד יהושע כבוד אן גטאן כדי אז ישראל זאלן אים האלטן בכבוד אוך דיא זון טוט כבוד צו דר לבנה דען דיא לבנה האט פון זיך קיין ליכט ניט אזו ניט איר דיא זון רעכט כדי דיא לבנה זאל אוך לייכטן :

החובל ווען איינר שלאגט זיין חבר בשוגג אונ מאכט אים איין וויגד חאטשי יענר וויל איהם ניט מוחל זיין דאך זאל ער פר אים גאט בעטן :

ווען איין ארומאן ליגט שלאף אונ איין עושר איז אוך שלאף אונ איטליכר גייט מבקר חולה זיין צו דעם עושר זאלסטו גיין צום ארומאן אוך ווען דר חכם הט ניט קיין יראת שמים אונ דר עם הארץ הט יוא יראת שמים בדארף מען דעם עם הארץ פריר צדקה געבן :

יש עס איז פר האנדן זאכן וואס מען איז מחמיר אוף דעם מענטשן טוט ער נאר דיא מצוה ניט אזו וויא עס האט זיך גיטראפן איין מעשה מיט איין חסיד וואס ער הט ניט גוואלט אן רירין זיין לייב אז עס האט אים ניבייסן אין דר צייט ווען ער איז גיוועז אן גטאן אין תפילין נאר ער פלעגט דיא תפילין אפ לייגן אונ דער נאך הט ער זייני הענט גיוואשן אונ האט ווידר גלייגט דיא תפילין אוך ווען ער איז גגאנגן צווישן דיא חכמים האט ער גזאגט וויא אזו זאל איך מכניע זיין ווען מייני תפילין זענען אוף מיין קאפ אויך כל זמן דיא תפילין זענען גלעגן אוף זיין קאפ האט ער ניט גקוקט אוף זיין ווייב האבען דיא לייט גיזאגט ווען צוא דיא תפילין מוז מען האבען אזו איין פרישות וויא אזוא קענן מיר מצות תפילין מקיים זיין אונ האבן קיין תפילין ניט גלייגט האבן די חכמים גיזאגט צו דעם חסיד מיט דיין חסידות האסטו מבטל גיוועזן מצות תפילין פון לייטין ווען דוא האסט יוא אזו איין פרישות מיט דייני תפילין קערסטו זיך ניט אום שנייצן דיין נאז נייערט דו ביסט זיך טועה דען דיא תורה איז ניט געגעבן גיווארן צו מלאכים נאר צו מענטשן אוב דוא ווילסט יוא פרישות האבן קערסטו דיין פרישות ניט טאן פאר לייט נייארט פר בארגן :

דער מענטש זאל קלוג זיין אין דר יראה אונ זיין מחשבה זאל זיין צו גאט אונ זאל מקרב זיין לייטן צו טאן מצות איז גלייך וויא ער האט גייא

בשאפן און זיין שכר איז זייער גרוס ביום הדין וועלן דיא מענטשן וואס זייא האבן גטאן גלייך מעשים טובים וועלן זייא זיין באננדר דרום וועט איין פאטר זיין בייא זיין גלייכן אונ דר זון ביי זיין גלייכן ניט נעבן פאטר אונ זיי וועלין דאך קיין צער ניט האבן וייל זייא וועלן זיך ניט זעהן מיט אננדר דען דיא שמחה פון דעם גן עדן וועלין זיי הנאה האבן פון דר שכינה וואס דאס מאכט אלי צער פר געסן :

כתיב איין מאל שטייט (ישא ה׳ פניו אליך) דאס איז טייטש אז גאט איז נושא פנים דאס הייסט ער טוט דעם צדיק צוא ליב איין זאך . אונ איין מאל שטייט (לא ישא פנים) גאט טוט ניט צוא ליב דעם צדיק זענין דיא צווייא פסוקים ווידר אננדר איז דער תירוץ אוף דער וועלט איז גאט יוא נושא פנים דעם צדיק אזו וויא מיר געפינן משה רבינו הט געבעטין צו גאט אז מען זאל אריין לאזין צוא יהודה בישיבה של מעלה הט גאט אזו גטאן אבר אוף יענר וועלט איז גאט ניט נושא פנים צום צדיק נאר נאך זייני מעשים נאך גיט מען אים איין אורט אין גן עדן אונ איין צדיק האט קיין רשות ניט צו קומין צו דעם אורט פון איין גרעסרין צדיק אוך קען איין פאטיר זיין זון ניט אריין ברענגן צו זיך אוך ניט איין זון צו זיין פאטיר רעסט גלייכן אז דער תלמיד איז מער צדיק פון זיין רבי קען דר תלמיד ניט זאגן איך וויל מיין רבי כבוד אן טון אונ וויל אים צו מיר ברענגן אזו וויא איך האב אים כבוד אן גטאן אוף דער וועלט קען ער דאס ניט טאן נאר איטליכר איז זיך משמח מיט זיין חלק איין מענטש קען ניט זאגן איך האב פיל זכיות דרום בגער איך מיין שכר זאל גאר זיין לעוה״ב אונ אוף דער וועלט וויל איך דער פון גאר ניט אודר וועט זאגן איך וויל האלב שכר אוף דר וועלט אונ האלב שכר אוף יעניר וועלט אודר ער וועט זאגין די עבירות וואס איך האב וויל איך דעם פורעניות פון זייא אוף דר וועלט אודר האלב פורעניות אוף דער וועלט אונ האלב אוף יענר וועלט דס איז ניט אין זיין האנד נאר אזו וויא גאט וויל :

כתיב ונתתי להם וכו׳ שם טוב מבנים ומבנות שם עולם אתן לו · דאס איז טייטש הקב״ה זאגט איך וועל געבין אייך ישראל איין לויב אונ איין שם טוב פון זון אונ פון טעכטיר איין שם אוף אייביג וועל איך אייך געבן דא אין דעם פסוק איז דא צו פרעגין איין קשיא תחילת פסוק שטייט להם דאס איז טייטש צו זיי איז דאס גלייך וויא מען רעט אוף פיל לייט אונ צום סוף לאזט ער אוס אתן לו איך וועל געבן צו אים איז משמע ער רעט פון איינם דר תירוץ איז עס זענין פיל צדיקים וואס זענן זוכה צו בידי וועלטן דהיינו אוף דר וועלט איז אים זייער גוט אונ האט פיל כבוד אונ הט חשובי קינדר דס מאכט וואס ער לערנט די תורה פון כבוד וועגן אונ איין טייל צדיקים לערנין דיא תורה לשמה דאס איז ניט פון כבוד וועגן איז זייער שם טוב נאך זייער טוט דען זייא ווילן ניט ליידן אז

זייער

נייער שם זאל זיין אויף דר וועלט דרום איז פאר האנדן פיל צדיקים וואס וויא וועניג מחבר ספרים אונ דר מאנין אויף זיי ניט זייער נאמן כדי מען זאל ניט וויסן ווער זייא זענין אזו וויא מיר גיפינן דאס ספר מכילתא אונ אגדות ווערט ניט דר מאנט ווער עס האט דיא ספרים מחבר גיוועזן דאס האבן זייא גיטאן אז זייער שכר פון עוה"ב זאל ניט זיין אב גישלאגן אויף די ראוניי איז גיזאגט גיווארן (שם עולם אתן לו) ר' חנינא זאגט אז משיח וועט קומן וועט שון ניט זיין קיין טויט (אל תזכרו ראשונות) דאס איז טייטש גאט זאגט לעתיד לבא וועט איר ישראל שון ניט דער מאנין דיא ערשטי נסים דען אלי ימים טובים וועלן בטל ווערן אבר פורים וועט ניט בטל ווערן דר טעם דר פון איז דען אלי נסים וואס עס איז גיוועזן ביי פרעה איז דר גזר גיוועזן נאר אויף די זכרים אבר ביי המן איז גיוועזן דר גזר אפילו אויף נקבות אונ אויף קליינע קינדר דרום וועט פורים ניט בטל ווערן אונ איין טייל זאגן אז יום כפור וועט אויך ניט בטל ווערן אז עס זאל מכפר זיין אויף שוגג חאטשי קיין זינד וועט שון לעתיד לבא ניט זיין · עס איז ניט רעכט צו גיין אין שול אריין ביז ער וואשט זיך רעכט אפ אויך זאל ער זעהן אין זיין העמד זיא זאל ניט זיין איין גשמירט עס איז רעכט אז עס זאל שטיין תמיד איין כלי מיט קלייאן דען ווען ער רירט אן אין חלב אודר אין בלוט זאל ער אפ רייבן זייני הענט דען קיין שום זאך מאכט ניט אזו ריין די הענט וויא קלייאן :

כששוחט אז איין מענטש קוליט איין בהמה אודר איין חיה אודר איין עוף זאל ער זיך בעטראכטן די בהמה אודר דס עוף הט דאך גאר ניט גיזינדיגט פון דעסט וועגן ווערט עס גקוליט אונ גיבראטן ביי דעם פייאר מכל שכן א מענטש וואס ער איז פיל מיט זינד וויא אזו קען ער זיך פר היטין פון דעם טוט אונ פון דעם גיהנם דרום הט די תורה גיהייסן צו דעקן דאס בלוט פון דער חיה אודר פון דעם עוף :

טוב אחרית דבר מראשיתו · דאס איז טייטש דר סוף איז גוט ווען דיא תחלה פון דער זאך איז גוט :

יש עס איז פר האנדין איינר האט איין אשה רעה אונ זיא טוט שלעכטי מעשים אונ ער שטארבט פר איר לעבין דאס איז פר וואס ער האט זיא ניט גשטראפט דען ער מענטש איז מחויב זיין ווייב צו שטראפן ווען ער זעהט אז זיא טוט ניט רעכט אונ דאס מאכט ווייל זיין מוטר האט צו זיין פאטר בייז גיטאן דרום שטראפט גאט דעם זון מיט איין אשה רעה ; איינר האט גיזאגט צו זיין חבר נעם דיר דיא אשה זיא איז איין עשירה הט ער גענטפערט חאטשי איך בין נויט בדערפטיג צוא געלט וועל איך זיא פארט ניט נעמן דען אירי ברידר זענן שלעכטי גיוועזן וועלן די קינדר גראטן אין זיי עס שטייט בבוקר זרע זרעך ולערב אל תנח ידך דס איז טייטש ווען דו האסט גיהאט מיט דיין ווייב קינדר אונ זייא זענן גשטארבן זאלסטו

אוף דיין עֶנְטְפֶער אוך אַיין ווַייבּ נֶעמִין אַז דוא זָאלְסְט מִיט אִיר קִינְדֶר הָאבֶּן דֶען מַאמִיר וועלֶן די קִינְדֶר שׁוֹן לֶעבֶּן בְּלַייבֶּן אָבֶּר אַזֶעלְכֵי וָואס זיא הָאט שְׁלֶעכְטִי בְּרִידֶער זָאלְסְטוּ נִיט נֶעמִין דֶען דיא קִינְדֶער וָועלֶן גְרָאטִין אִין אִירִי בְּרִידֶר :

יֶשׁ עֶס אִיז פַאר הַאנְדֶן אַזֶעלְכֵי זַאכִין וָואס דִיא תּוֹרָה הָאט מַתִּיר גְוֶועֶן פוּן דֶעסְט וועגִין דֶר וָואס טוּט עֶס ווֶעט עֶר דְרוּף אָפּ גֶעבֶּן דִין לְמָשָׁל דִיא תּוֹרָה הָאט מַתִּיר גְוֶועֶן אַיין יְפַת תּוֹאַר דָאס אִיז וֶוען אֵיינֶר זֶעהְט אִין דֶר מִלְחָמָה אַיין שֵׁיינֵי נָכְרִית מֶעג עֶר זיא נֶעמִין פַאר אֵיין ווַייבּ אוּנ מִיר זֶעהִין אַז דָוִד הַמֶּלֶךְ הָט גִינוּמֶן אַיין יְפַת תּוֹאַר אִיז פוּן אִיר אַרוּס גְקוּמֶן אַבְשָׁלוֹם אוּנ דֶער סוֹף אִיז גִיוֶועֶן אַז עֶר אִיז אִים גִיקוּמֶן אוּך פִיל נְפָשׁוֹת פוּן יִשְׂרָאֵל זֶענִין אִיבֶּר דֶעם אוּם גְקוּמֶן דֶעסְט גְלַייכֶן וֶוען אַמֶענְטְשׁ נֶעמְט אֵיין ווַייבּ וָואס זיא הָט שְׁלֶעכְטִי בְּרִידֶר הָאטְשִׁי דִיא תּוֹרָה הָט זיא מַתִּיר גְוֶועֶן צוּ נֶעמִין ווֶעט עֶר פָארְט מוּזִין מִשְׁפָּט גֶעבְּן וָואס עֶר הָאט גוֹרֵם גְוֶועֶן אַז זַיינֵי קִינְדֶר זָאלֶן זַיין שְׁלֶעכְטִי אוּך וֶוען מַאכְט חַבְרוּתָא מִיט אַזוֹ אַמֶענְטְשִׁין וָואס עֶר קֶען אִים נִיט רֶעכְט אוּבּ עֶר אִיז עֶרְלִיךְ ווֶעט זַיין דֶר סוֹף אַז יֶענֶיר ווֶעט בַּהַאלְטִין גֶעלְט אוּנ ווֶעט אִים פַר לַייקֶענֶן אוּנ ווֶעט דְרוּף פַאלְשׁ שְׁוֶוערִין וֶועט עֶר דְרוּף גְשְׁטְרָאפְט ווֶערֶן ווַייל עֶר הָט אִים גוֹרֵם גְוֶועֶן דְרוּם קֶער זִיךְ דֶער מֶענְטְשׁ דֶער ווַייטֶרִין פוּן אַזֶעלְכֵי זַאכִין :

אַל דוּ זָאלְסְט נִיט רֵיידֶן קֵיין שִׁידוּךְ אַז אֵיין בְּתוּלָה זָאל נֶעמִין אֵיין זָקֵן אוֹדֶר אַזוֹ אֵיין שִׁידוּךְ וָואס עֶר וִויל זיא נִיט אוֹדֶר זיא וִויל אִים נִיט אוֹדֶר אֵיין בַּת צַדִיק צוּ אֵיין רָשָׁע אוֹדֶר אֵיין בַּת רָשָׁע צוּ אֵיין צַדִיק · אֵיין זָקֵן הָאט גְבֶּעטֶן צוּ אֵיינֶם אַז עֶר זָאל אִים רֵיידֶן אֵיין בְּתוּלָה הָאט עֶר נִיט גְוָואלְט דֶען עֶר הָט גְזָאגְט עֶס קֶען אַרוּס קוּמֶן דָר פוּן זְנוּת הָאט אֵיין חָכָם גְזָאגְט אִיךְ הָאבּ גְהֶערְט זָאגֶן אַז מֶען רֶעט אִיר כַּמָה בְּחוּרִים וִויל זיא נִיט אוּנ זיא וִויל דַוְקָא דֶעם זָקֵן נֶעמִין ווַייל עֶר אִיז אֵיין גוּטֶר מַאן דָא אִיז אֵיין מִצְוָה זִיךְ מִתְעַסֵק זַיין אַז עֶר זָאל זיא נֶעמִין · אוּיךְ אִיז גְוֶועֶן אֵיינֶר הָאט גְהַאט אֵיין בְּתוּלָה הָט עֶר זיא נָאר גְוָואלְט גֶעבֶּן צוּ אֵיין זָקֵן הָט זיא דֶר זָקֵן נִיט גְוָואלְט דֶען עֶר הָאט גְזָאגְט אִיךְ וִויל דִיא עֲבֵירָה פוּן זְנוּת נִיט לַיידֶן הָאבֶּן דִיא לַייט צוּ אִים גְזָאגְט דִיא בְּתוּלָה וִויל דִיךְ אָבֶּר נֶעמֶן אִיז דֶער זָקֵן צוּ אִיר גְגַאנְגֶן אוּנ הָט אַרָאפּ גְנוּמֶן דָם הִיטְל פוּן זַיין קָאפּ אוּנ הָאט גְזָאגְט צוּ אִיר זֶעה דִיא הָאר פוּן מַיין קָאפּ זֶענֶן גְרַייז אוּנ גְרָאה נָאךְ וָואס ווִילְסְטוּ מִיךְ נֶעמֶן זָאגְט זיא צוּ אִים אֲפִילוּ צוּ ווַאשֶׁן דַיינֵי פִיס אִיז מִיר אוּךְ לִיבּ אַז דֶער שֵׁם זָאל זַיין אַז אִיךְ בִּין דַיין ווַייבּ הָאט עֶר זיא גְנוּמֶן אִיז פוּן אִיר אַרוּס גְקוּמֶן תַּלְמִידֵי חֲכָמִים :

אֶחָד אֵיינֶר הָאט גְפְרֶעגְט צוּ אֵיין חָכָם מֶען רֶעט מִיר אֵיין שִׁידוּךְ מִיט אֵיין מְיוּחֶסֶת נָאר אִיר פָאטֶר אִיז אָרִים עֶר קֶען מִיר קֵיין נַדַן נִיט גֶעבֶּן אוּנ אַז אִיךְ ווֶעל זיא נֶעמִין פָארְבְט אִיךְ מִיךְ ווַייל אִיךְ וֶועל זִיךְ נִיט הָאבֶּן מִיט

עֶפִּיס צוּ מְפַרְנֵס זַיין וֶועל אִיךְ מוּזִין קוּמֶן צוּ גַנְבְנֶן אוּנ גַזְלְנֶן אוֹדֶר אוּם רֶעכְט טָאן אוּנ מֶען רֶעט מִיר וִוידֶר אַנַנְדֶר שִׁידוּךְ זִיא אִיז נִיט קֵיין מְיוּחֶסֶת נָאר עֶר וִויל מִיר גֶעבֶּן גֶעלְט וַוייס אִיךְ מִיר קֵיין עֵצָה נִיט צוּ גֶעבֶּן וָואס צוּ טָאן הָט דֶר חָכָם צוּ אִים גְזָאגְט וַוייל דַיין כַּוָונָה אִיז לְשֵׁם שָׁמַיִם דֶען דוּ וֶועסְט מוּזֶן זִיךְ מְטַלְטֵל זַיין אוּנ דוּא וֶועסְט נִיט קֶענֶן לֶערְנֶן אִיז מַיין עֵצָה דוּא זָאלְסְט בֶּעסֶר נֶעמֶן דִי אִשָּׁה וָואס זִיא הָט גֶעלְט כְּדֵי דוּא זָאלְסְט קֵיין עוֹלָה נִיט טָאן אוּנ וַוייל דַיין כַּוָונָה אִיז לְשֵׁם שָׁמַיִם וֶועסְטוּ הָאבֶּן מִיט אִיר גוּטֵי קִינְדֶר :

אֶחָד אֵיינֶר הָט גְנוּמֶן אֵיין וַוייבּ נִיט אַזֶעלְכִי וִויא עֶר הָאט גְוָואלְט הָט עֶר גִימַאכְט צְוֵוייא בְּרָכוֹת דִיא בְּרָכָה פוּן דַיָין הָאֱמֶת וַוייל עֶס אִיז נִוֶוען אִיבֶּר נוּיט עֶר הָט פוּן אִיר קֵיין הֲנָאָה נִיט אוּנ וַוייל זַיין דוֹחֵק הָט אִים דֶר צוּא גִיבְּרַאכְט דֶען זִיא הָאט אִים פִיל גֶעלְט גְגֶעבִּין דְרוּם הָאט עֶר נָאךְ אַבְּרָכָה גִימַאכְט הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב הָאט דֶער חָכָם גְזָאגְט צוּ אִים דוּא וַוייסְט אַז אֵיינֶר שְׁטַארְבְּט אֵיין פָּאטֶר אוּנ עֶר נֶעמְט יְרוּשָּׁה בַּדַארְף עֶר מַאכֶן צְוֵוייא בְּרָכוֹת דִיא בְּרָכָה פוּן דַיָין הָאֱמֶת וַוייל דֶר פָּאטֶר אִיז גִשְׁטָארְבֶּן אוֹךְ מוּז עֶר מַאכֶן דִי בְּרָכָה פוּן הַטּוֹב וְהַמֵּטִיב וַוייל עֶר נֶעמְט יְרוּשָּׁה . אָבֶּר דוּ בִּיסְט זִיךְ טוֹעֶה דֶען וֶוען דֶער פָּאטֶר שְׁטַראפְט אִיז דָאס פוּן גָאט דְרוּם בַּדַארְף עֶר מַאכֶן בָּרוּךְ דַיָין הָאֱמֶת אָבֶּר דוּ הָאסְט זִיךְ גְהַאט דִיא בְּרֵירָה וֶוען דוּא וָואלְסְט נִיט גְוָואלְט וָואלְסְטוּ זִיא נִיט גְנוּמֶן הָאט עֶר גִיעֶנְטְפֶערְט מַיין זִיווּג אִיז אוֹךְ פוּן גָאט דְרוּם הָאבּ אִיךְ רֶעכְט גְטָאן וָואס אִיךְ מַאךְ דִי בְּרָכָה בָּרוּךְ דַיָין הָאֱמֶת :

אַבַּר שְׁמוּאֵל שְׁמוּאֵל הָאט גְזָאגְט חָאטְשִׁי דֶער זִיווּג אִיז פוּן גָאט אַז דֶער זָאל זִיא נֶעמֶן קֶען זִיא דָאךְ אַנַנְדֶר נֶעמֶן וֶוען דֶר אַנְדֶרֶר טוּט תְּפִלָּה אַז גָאט זָאל אִים זִיא בַּשֶׁערֶן אָבֶּר דֶר סוֹף אִיז אַז עֶר נֶעמְט זִיא שׁוֹן מוּז דָאךְ וֶוערֶן צְוִוישֶׁן זֵייא אֵיין פְּרִישָׁה אָדֶר עֶר שְׁטַארְבְּט אָדֶר עֶר נִיט אִיר גֶעט אוּנ דֶער נָאךְ נֶעמְט זִיא אִיר זִיווּג דֶען דֶער זִיווּג אִיז מִן הַשָּׁמַיִם דְרוּם זָאל דֶער מֶענְטְשׁ דְרוּף נִיט מִתְפַּלֵל זַיין . אֵיינֶר הָט גְפַאסְט אַז גָאט זָאל בַּשֶׁערֶן צוּ זַיין זוּן אֵיין אִשָּׁה טוֹבָה אוּנ דֶער זוּן הָט דֶער נָאךְ גִינוּמֶן אֵיין גוּט וַוייבּ אוּנ הָאט מִיט אִיר גְהַאט קִינְדֶר . דֶער נָאךְ אִיז זַיין פָּאטִירְס וַוייבּ גִישְׁטָארְבֶּן הָט דֶער זוּן גְפַאסְט פֶערְצִיג טָאג אַז גָאט זָאל בַּשֶׁערֶן צוּ זַיין פָּאטֶר אֵיין גוּט וַוייבּ זֶען דֶער זוּן הָט גִיזָאגְט וַוייל מַיין פָּאטֶר הָאט גְפַאסְט פוּן מַיינְט וֶועגִין דְרוּם פַאסְט אִיךְ אוֹךְ פוּן זַיינְט וֶועגִין . פוּן דֶער מַעֲשֶׂה לֶערִינְט מֶען אָפּ אַז אֵיין מֶענְטְשׁ בַּדַארְף בְּצָאלִין פַאר אֵיין טוֹבָה :

מַעֲשֶׂה עֶס אִיז גִוֶוען אֵיין בְּתוּלָה וָואס זִיא הָאט זִיךְ נִיט גְצִירְט דֶם הַייסְט גֵיין אִין פַר שַׁייטִי קְלֵיידֶר אוֹךְ נִיט אִין צִירוּנְג אוֹף אִיר הַאלְז הָאבֶּן דִי לַייט צוּ אִיר גְזָאגְט וֶוען דוּ צִירְסְט זִיךְ נִיט וֶוער וֶועט דִיךְ נֶעמֶן הָאט זִיא גְזָאגְט דָאס הַארְט מִיךְ נִיט דֶען גָאט אִיז מְזַוֵוג זִוּוּגִים אוּס עֶס אִיז

מיר

מיר בשערט וועט קיינר פון מיר ניט אוועק נעמין · דר סוף איז גוועזן אז גאט האט איר בשערט איין מאן אצדיק אונ אתלמיד חכם דר כלל איז אמענטשן וואס פיל ווייבר האפן אים צו נעמן אודר איין אשה וואס פיל מענטשן האפן זיא צו נעמן דאס מאכט ווייל ער אודר זיא צירן זיך וועט זיין דער סוף אז זיי וועלן ווערן גנומן צו אזונים וואס עס איז ניט גוט · אונ דם וואס טרעפט זיך איין שלעכטר מענטש בקומט איין אשה טובה אן צער אונ אן טירחא אונ דער צדיק מוז האבן טירחא אזו וויא מיר גפינן ביא יעקב אבינו ער הט גמוזט דינן פערצין יאר פאר רחל איז דר תירוץ דיא דאזיגי וועלט איז גשטעלט גווארן מהנה צו זיין שלעכטי אז זייא זאלן הנאה האבן פון דער וועלט דרום קומט דעם שלעכטין אלץ דינג גרינג אן אבר דר צדיק.וויל גאט ער זאל ניט האבן קיין גאנצי שמחה אוף דער וועלט :

אדם אמענטש הט גפאסט אז גאט זאל אים בשערן איין אשה ווס ער הט זיא ליב גהאט אבר עס הט אים ניט גהאלפן זיי בעטן אונ זיין פאסטן הט ער גזאגט צו איין חכם אזו איין בעטין אונ פאסטן ווס איך האב גטאן צום סוף הט מיר ניט גהאלפן הט דער חכם צו אים גזאגט אפשר איז דיר ניט בשערט פון גאט הט ער גזאגט פר ווס הט מיר ניט גהאלפן מיין פאסטן מיט מיין תפלה אז גאט זאל אוועקקערן מיין הארץ פון דער אשה אונ ליב האבן מיין זיווג האט דער חכם גזאגט וויא אזו זאל גאט אן נעמן דיין תפלה אז דו קוקסט אויף ווייבר הט ער שון ווייטר ניט גיקוקט אוף ווייבר איז הט ווייטר גפאסט צום סוף האט ער גנומן איין אשה וואס זיא האט ביא איהם קיין חן ניט גהאט האט ער גזאגט נאך מייני תעניתים הט מיר גאט בשערט אזו איין אשה וואס זיא האט ביא מיר קיין חן ניט הט דער חכם געענפרט איך האב גהערט זאגן אז דוא האסט גזאגט ווען מען וועט מיר געבן דאס גאנצי זילבר אונ געלט פון דר וועלט וועל איך זיא ניט נעמן דרום ווייל דיא האסט גרעט מיט גאוה דרום הט גאט דיר דיא זעלביגי בשערט אבר דאס זאלסטו וויסן אז גאט קען דיר געבן מיט דר אשה הצלחה אויך גוטי קינדר ווייל דוא האסט צו גאט גיבעטן אונ גפאסט אונ דוא ביסט ניט נאך גגאנגן נאך כישוף · עס שטייט שארית ישראל לא יעשו עולה ולא ידברו כזב דאס איז טייטש דיא ישראל קערן קיין אום רעכט ניט טאן אויך קיין ליגן ניט ריידן דם מיינט מען איין מענטש זאל ניט זאגן דר מענטש האט גוואלט געבן זיין טאכטר צו מיין קינד אונ האט גוואלט געבן אזו פיל נדן אודר אזו פיל האט מען מיר גוואלט געבן פאר מיין סחורה אונ דיא זאך איז ניט אמת :

ואעבור עליך ואראך והנה עתך עת דודים גאט זאגט צו דיא ישראל איך בין איבר גפארין אין מצרים האב איך גזעהן אז דיא צייט איז שוין אז איך זאל דיך מקדש זיין פון דאגן לערנין מיר אפ אז איינר

וְויל נֶעמִין אֵיין וַוייבּ זָאל עֶר זִיא פְרִיר זֶעהְן אוֹבּ זִיא גְפֶעלְט אִים דֶעסְט גְלַייכֶן זִיא זָאל אִים אוֹיךְ זֶעהְן דֶען אַז עֶר וֶועט זִיא נֶעמֶן אוּנ וֶועט זִיא פְרִיר נִיט זֶעהְן טָאמוּר וֶועט זִיא דֶער נָאךְ אִים נִיט גִיפֶעלֶן וֶועט עֶר זִיא פַיינְט הָאבֶּן אוּנ וֶועט אַלְץ הָאפִּין אוֹף אוּנ טוֹט אוּנ אִיר דֶער תּוֹרָה שְׁטֵייט לֹא תַחֲרוֹשׁ עַל רֵעֲךָ רָעָה דָּס אִיז טַייטְשׁ דוּא זָאלְסְט נִיט טְרַאכְטֶן אוֹף דַיין חַבֶר קֵיין שְׁלֶעכְטְץ· אוֹיךְ לֶערְנֶן מִיר אָפּ פוּן דִיא פְּסוּקִים וָואס וַוייטֶר שְׁטֵייט וֶוען דִי צַייט קוּמְט פוּן זַיין טָאכְטֶר זִיא זָאל נֶעמֶן אֵיין מַאן זָאל עֶר אִיר רֶעכְנְט מָאל גֶעבְּן אֵיין מַאן אָבֶר אַז זִיא אִיז נָאךְ קְלֵיין אוּנ אִיז נִיט רָאוּי לְהֵרָיוֹן דָאס הֵייסְט עֶס אִיז נָאךְ נִיט דִיא צַייט אַז זִיא זָאל קֶענֶן טְרָאגֶנְדִיג וֶוערֶן אַז עֶר גִיט אִיר אֵיין מַאן הֵייסְט עֶס גְלַייךְ וִויא זְנוּת דְרוּם הָאט דִיא תּוֹרָה פַאר זָאגְט אַז אֵיין כֹּהֵן גָדוֹל מָאר נִיט נֶעמִין קֵיין אַיילוֹנִית דָאס אִיז אַזוֹ אֵיין אִשָּׁה וָואס זִיא קֶען נִיט גְוִוינִין אוֹךְ לֶערְנֶן מִיר אָפּ אַז דִיא אִשָּׁה בַּדַארְף זִיךְ טוֹבְלֶן פַר דֶר חוּפָּה חָאטְשִׁי זִיא הָאט נִיט גֶזֶעהִין קֵיין דַם נִדָּה אַמֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָט גִינוּמֶן אֵיין וַוייבּ אוּנ זַייא הָאבֶּן זִיךְ גִיטָאן רְפוּאוֹת בִּיז צֶעהְן יָאר אוּנ עֶס הָאט נִיט גְהָאלְפֶן אִיז אֵיין עֲבֵירָה וָואס זַייא וואגֶן בַּאנַנְד :

בִּי עַל כָּל כָּבוֹד חוּפָּה אָשִׁירָה נָא לִידִידִי · דָאס אִיז טַייטְשׁ גָאט וֶועט צוּ אִיטְלִיכֶן צַדִיק נָאךְ זַיין צִדְקוּת נָאךְ מַאכְן אֵיין חוּפָּה דֶער נָאךְ זָאגְט דֶער נָבִיא יְשַׁעְיָה אִיךְ וֶועל זִינְגֶן וֶועגְן דֶער פוּרְעָנִיוֹת פוּן דֶעם חוּרְבַּן בֵּית הַמִקְדָשׁ אִיז קָשֶׁה וִויא קוּמְט דִיא צְוֵויא זַאכֶן אֵיינֶם לֶעבֶּן אַנְדְרֶן נָאר פוּן דַאנֶין לֶערְנִין מִיר אָפּ אַז בַּיי אֵיין חוּפָּה בַּדַארְף מֶען צוּ זִינְגֶן אֵיין גְזַאנְג פוּן חוּרְבַּן בֵּית הַמִקְדָשׁ כְּדֵי דִי שִׂמְחָה זָאל נִיט גְרוֹס זַיין רַב הַמְנוּנָא זוּטָא הָט גִיזוּנְגִין אוֹף אֵיין חֲתוּנָה וַוייא צוּ אוּנְז מִיר מוּזֶן שְׁטַארְבֶּן כְּדֵי דִיא שִׂמְחָה זָאל נִיט גְרוֹיס זַיין · עֶס שְׁטֵייט הוֹד וְהָדָר לְפָנָיו עוֹז וְחֶדְוָה בִּמְקוֹמוֹ דָאס אִיז טַייטְשׁ דִיא לוּסְטְרֵקַייט אוּנ דִיא שׁוֹנְקַייט אִיז פַאר גָאט אוֹךְ גְרוֹסִי פְרֵייד דְרוּם זָאגֶן מִיר בַּיי אֵיין חֲתוּנָה (הַשִּׂמְחָה בִּמְעוֹנוֹ) דָאס אִיז טַייטְשׁ דִי שִׂמְחָה אִיז אִין זַיין וואוֹנוּנְג דְרוּם וֶוען אֵיינֶר נֶעמְט אֵיין וַוייבּ וָואס זִיא אִיז נִיט גוּט אוֹדֶר עֶר אִיז נִיט גוּט אוֹדֶר זַייא זֶענֶן בֵּיידִי נִיט גוּט אוֹדֶר מֶען רֶעט דָארְט נִיבּוּל פֶּה אִיז נִיט רֶעכְט צוּ זָאגִין דָארְט (שֶׁהַשִּׂמְחָה בִּמְעוֹנוֹ) דְרוּם אִיז אֵיין מִצְוָה וָואס עֶס קוּמְט אַרוֹס דֶר פוּן אֵיין עֲבֵירָה דְהַיְינוּ עֶר וַוייסְט אוֹף דֶר חֲתוּנָה זֶענֶן רְשָׁעִים אוֹדֶר עֶר וַוייסְט עֶר וֶועט דָארְט מוּזִין מְהַרְהֵר זַיין אִין נָשִׁים זָאל עֶר אוֹף דֶער חֲתוּנָה נִיט גֵיין וְנָשִׁים אוּנ דִיא וַוייבֶּר זֶענֶן זִיךְ נוֹהֵג אוּנְטֶער טִיקֶן אִין דֶר מִקְוֶה דְרַייא מָאל אוֹךְ אוּם עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר בַּדַארְף מֶען זִיךְ טוֹבְלֶן דְרַייא מָאל :

מַעֲשֶׂה אֵיינֶר פְלֶעגְט אַגַאנְצִי וָואךְ עוֹסֵק זַיין אִין מַשָּׂא וּמַתָּן אוּנ אוּם שַׁבָּת פְּלֶעגְט עֶר לֶערְנֶן הָאט עֶר גְפְרֶעגְט צוּ אֵיין חָכָם וִויא אַזוֹ עֶר זָאל זִיךְ נוֹהֵג זַיין אִין מַשָּׂא וּמַתָּן אַז עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין לְעוֹה"ב הָאט דֶר חָכָם צוּ

אִים

אים גיזאגט וויל דוא קענסט אום דר וואכין ניט לערנין זאלסטו מיט לייט ניט לעבן אונ ווען דוא וועגסט סחורה אוף דער וואג זאלסטו איבר וועגן פון דיינם צו אונ דיין משא ומתן זאל זיין בסבר פנים יפות דו זאלסט זיך ניט בייזערין אונ דיין משא ומתן זאל זיין באמונה אונ דוא זאלסט ניט מקפיד זיין נייארט דוא זאלסט מוותר זיין קעגן יעדן מענטש אוך זאלסטו ניט נעמן קיין סחורה אוף בארג אונ זאלסט אוך ניט געבן אוף בארג דען פון דר זאך קען ארוס קומן איין שבועה אוך זאלסטו ניט האלטן ביי דיר קיין פרעמד געלט אז דוא זאלסט דער מיט מרויח זיין דען ער קען אליין דער מיט מרויח זיין איז דאס גלייך וויא דוא האסט אים גנזלת אז דוא וועכסט אין דיא זאכין נזהר זיין זאל מיין חלק זיין אין גן עדן מיט דיר אוך זאל דיין משא ומתן זיין באמונה מיט אלי מענטשן אונ ווען דוא האנדלסט מיט פרעמד געלט זאלסטו דער פון קיין צדקה ניט געבן טאמר וועסטו ניט האבן צו צאלין עס שטייט (ואשקולה את הכסף) אז עזרא הסופר האט גגעבן דאס זילבר צו בית המקדש צו דיא נאמנים האט ער עס אפ גוואגין אונ דאס ווארט ואשקולה שטייט מיט איין וא"ו דם ווייזט אז עזרא האט גוואגין דאס זילבר הט ער זיינם דרינין אוך גגעבן. רבי שמעון זאגט ווען איינר איז איין בעל חוב אונ ער איז עפים מקדיש איז זיין הקדש ניט דען וויא אזו קען ער מקדיש זיין אזו אזאך וואס איז ניט זיינם אונ דרום אוך ווען ער איז שולדיג לייטן געלט אונ ער האט זיינם ניט זאל ער קיין ספרים ניט קופין אוך זאל ער קיין צדקה ניט געבן אונ זאל קיין ליכט ניט געבן אין שול ארייין דען דאס הייסט גזל:

אחד ווען איינר פאר דינט איין פרוטה מיט אום רעכט זאל ער די פרוטה צוריק געבן דען די פרוטה קען אים פאר לענגרן זיין גאנץ געלט איינר האט גשפילט מיט זיין חבר אין שאך אונ האט ביי זיין חבר פר שפילט געלט דער נאך האט ער אוועק גגנבית בייא זיין חבר איין שטיין פון דער שפיל האט ער ווידר צו ריק אפ גווינין האט ער גפרעגט איין חכם אוב עס איז איין עבירה וואס ער האט גיגנבית דעם שטיין הט דר חכם געענפרט יוא עס איז איין עבירה חאטשי דם געלט וום ער האט פאר שפילט האט ער אים מיאש גוועזן הייסט עס פארט ויא איין גניבה:

לעולם אייביג זאל זיך דער מענטש נוהג זיין אז ער נעמט בייא זיין חבר געלט זאל ער ציילן דעסט גלייכן אז ער גיט צו זיין חבר געלט זאל ער אוך ציילן דען ווען ער גיט אודר ער נעמט אן צאל קען דער פון ארוס קומן איין חשד ווען עס וועט עפים פעלן אונ טאמר הט עס גאר איין אנדרר גינומן. איין מענטש האט איין נדר גטאן אז ער זאל פארין אין יעניר שטאט לערנין אונ דער מענטש האט קיין הארץ ניט גיהאט צום לערנן דען וואס ער הט גלערנט האט ער פר געסן האט ער גיזאגט צו איין

חבר

חבר איך קען מיר קיין עצה ניט געבן דען איך האב שון איין נדר געטאן אונ וָוס איך לערין איז גאר נישט ווערט דען איך פר געס עם תיכף זאגט דר חכם האסטו דען חרטה זאגט ער יוא איך האב חרטה דען וואלט איך גהאט איין רבי איין חריף אונ איין ירא שמים אין מיין שטאט וואלט איך אים געגעבן צווייא מאל אזו פיל שכר לימוד וואס איך וועל בדארפין הוצאות אין יענר שטאט אבר דאס וויל איך טון איך וועל שיקן אנגדרן אוף מיין אורט המ דר חכם גזאגט דו זאלסט האבן איין הארץ צום לערנן וואלט איך דיר ניט מתיר גוועזן נאר אצונד בין איך דיר מתיר נאר דוא זאלסט מיר אין דיא הענט געבן דאס געלט פר דעם אנדרן וואס דו ווילסט שיקן אוף דיין אורט אונ איך וועל יענים חכם אפ שיקן דם געלט:

דע דו זאלסט וויסן אז דר עונש וואס עס שטייט ניט אין דר תורה איז הארבר פון דעם עונש וס שטייט יוא אין דר תורה אזו וויא מיר געפינן ביי פילגש בגבעה זענן אלי גיהארגית גווארן וויל זיי האבן גהאלפן דער צוא דען דער עונש פון דר תורה איז נאר אז די וואס טואן דיא מעשה זענן חייב מיתה אונ וויל זייא האבן גהאלפין זענין זייא אוך אום גקומן:

אמענטש זאל ניט וואונן אין אזו איין שטאט וואס דיא לייט זענן חשוד אז זיי זאלן עובר זיין אוף שבועות דען אלי עבירות האבן איין תקומה דהיינו תשובה אבר אויף שבועות ווערט מען ניט ריין מיט תשובה אוף דר וועלט אונ חאטשי אמענטש האט קיין הנאה ניט פון די מענטשן וואס זענין עובר שבועות קען עס אים פארט שאדן:

מי ווען איין חכם ווייסט אז ער וועט שטראפין וועט מען ניט מקבל זיין זיין שטראף זאל ער זייא ניט שטראפין אויב דוא וועסט פרעגן אמער דר דין איז דאך אז מען בדארף זיין חבר שטראפן אזו לאנג ביז יענר שרייאט אן אים דער תירוץ איז דאס איז נאר ווען איין זון שטראפט זיין פאטר אודר זיין מוטר אונ אז זיין פאטר אונ מוטר שרייאן אן אוף אים אודר זיי שלאגן אים איז דיא שאנד ניט אזו גרוס אוך ווייסט דער זון אז דיא פאטר אונ מוטר וועלן זיך אין אים ניט נוקם זיין אבר איין פרעמדיר ווען ער ווייסט אז מען וועט אים ניט צו הערן אונ שטראפט אים פארט קען יענר אים פיינט האבן אונ וועט זיך אין אים נוקם זיין דרום זאל ער אים שון ניט שטראפן ווען דו זעסט איין פרנס וואס ער האלט זיך בגאוה איבר די לייט אונ זיי וואלטן גערין אז זיי זאלין זיך רעכט פירן נאר איבר אים קענן זיי זיך ניט רעכט פירן זאלסטו וויסן אז דער פרנס וועט ניט לאנג לעבין אונ דיא וואס האבין זיך אין אים פאר זיכרט וועלן זייער קאפ ניט קענן אויף הייבן ווען גאט גיט צו איינם עשירות אונ ער איז ניט מפרנס קיין עניים דר פון אונ ווען אנאנדרר זאל האבן דם עשירות וואלט ער מפרנס גוועזן הונדרט עניים אזו קומן דיא עניים אונ שרייאן צו גאט אוף דעם עושר קומט אוף אים אפורעניות וויל ער המ די עניים גינזלת

דען גאט האט אים דרוף געגעבין עשירות אז ער זאל ווייטר געבן :

כתיב שומר פיו ולשונו שומר מצרות נפשו . דאס איז טייטש ווען איינר היט זיין מול צו ריידן שלעכטי רייד דער היט זיין לעבן פון צרות אזו וויא מיר גיפינן אז ר' טרפון פלעגט צו שווערן ביי זייני קינדר זעגן אים אלי קינדר אוס געשטארבן נאר איין טאכטיר איז אים גבליבן לעבן דרום זאל דער מענטש ניט שווערן בייא זייני קינדר אוך ניט בייא זיין פאטר אונ מוטר אוך ניט ביי עולם הבא . ווען איינר איז געוויינטליך צו שווערן אונ קיינר נייט אים דר צו ניט טאר מען מיט אים ניט ריידן . איין יהודי הט בדארפט שווערן האט דער יהודי גזאגט צו איין חכם איך ווער שווערן אונ וועל אוס ציהן מיין געלט אונ איך וועל געבן האלב דער פון איין צדקה האט דר חכם צו אים גזאגט אפילו דוא זאלסט אפ געבן דאס גאנצי געלט אין דר צדקה זאלסטו אוך ניט שווערן אפילו אוף אמת דען פיל שטעט זענין חרוב גווארן איבר שבועות אמת דרום זאל מען נזהר זיין אפילו באמת ניט צו שווערן אונ אז ער טוט איין משא ומתן זאל ער עס מאן פאר עדות אז ער זאל ניט בדארפן קומן צו איין שבועה מען האט אמאל גמאכט אוף איין יהודי איין בלבול אז ער הט דיא זאך גנומען הט ער גמוזט שווערן אז ער הט דיא זאך ניט גנומען אונ זיין שבועה איז גוועזן באמת האט ער גזאגט צו איין חכם איך בין מיך מצער וואס איך האב געשווארן אונ איך האב גמוזט שווערן כדי איך זאל ניט אום קומען אונ מיין פאטר אונ מוטר האבן קיין מאל ניט גישווארין הט דער חכם גזאגט אויב דוא ווילסט האבן איין כפרה זאלסטו ניט מזכיר זיין קיין שם אונ אוך זאלסט ניט מזכיר זיין גאטס נאמן אוף קיין שום לשון . עס שטייט נשבעתי ואקיימה לשמור משפטי צדקך דאס איז טייטש דוד המלך זאגט איך האב געשווארן צו היטן דיין געבאט אבר היינטיגע צייטן טאר מען ניט שווערין מקיים צו זיין איין מצוה דען יעני צייטן אפילו עס איז דרינען אן גיהנגין זיין לעבן האט ער פארט ניט עובר גוועזן אז דוא ווערסט פרעגן אז שקר איז יוא אזו הארב אז זיין גאנצי משפחה ווערט געשטראפט פון איינם וועגן ווארום האט די תורה דרוף ניט געהייסן הרגנין דער תירוץ איז אמאל איז ער ניט שולדיג ער מיינט ער שווערט אמת . איין שררה איז זייער שלעכט גוועזן אוף די יהודים פון שטאט האבן זיי געוואלט אנטלופין הט ער זייא בקומן אונ האט זיי גיגייט אז זייא זאלן שווערן אז זייא וועלן ניט אנטלופין האבן דיא יהודים דער נאך זיך געוואלט מתיר זיין די שבועה הט איין חכם צו זייא גזאגט ער ווערט זאגן אז די יהודים האבן עובר שבועה גוועזן אוך ווען ער וועט בקומן פון איך איינם וועט ער אים שוין ניט גלייבן אוף קיין שבועה איך וועל אייך געבן איין עצה איר זאלט זיך אונטר געבן צום גרוסין שר אז ער זאל אייך מיט געוואלד ארוס נעמן . איין יהודי וואס ער איז גיזעצט אוף מכס אפ צו נעמן אונ דר שר האט גמאכט

איין

איין קצבה וויפל ער זאל נעמן טאר ער מער ניט נעמן ביא קיין שום מענטשן רעין אז ער נעמט מער אזו פלוכין אים אלי אונ דער סוף איז אז ער בקומט דעם דלות:

**דע דו** זאלסט וויסן חאטשי די חכמים האבן גזאגט מען מעג משנה דבור זיין פון דרכי שלום וועגין דאס איז נאר אז די זאך איז שון געווען אבער אז די זאך בדארף ערשט זיין טאר מען ניט משנה דבור זיין דרום ווען איינער קומט צו זיין חבר אונ זאגט צו אים אנטלאיי מיר געלט טאר ער ניט זאגן איך האב ניט אונ אין אמת האט ער יוא נאר פון דרכי שלום וועגן כדי יענער זאל ניט ברוגז זיין זאגט ער ליגן טאר מען דאס ניט טוהן:

חלום אזו איין חלום וואס דער מענטש זעהט צום אונטערשטין ווערט עס פריער מקוים אונ וואס מען זעהט תחילת הלילה ווערט שפעטער מקוים אונ אונזערי חכמים האבן גזאגט איין חלום איז איין זעכציגט חלק פון נבואה אונ ניט אלי חלומות זענין גלייך דען עס איז פאר האנדין איין חלום וואס קומט פון דעם וואס ער טראכט ביא טאג זעהט ער דעסט גלייכן ביי נאכט אין חלום אבער דער חלום ער איז ניט דורך איין מלאך אונ אזו איין חלום וואס ער הט דער פון נאר ניט גיטראכט פריר אונ עס קומט גלייך וויא איין אשה שפילט זיך מיט אים דאס איז פון איין בייזין גייסט אוף די חלומות איז גיזאגט גווארן (והחלומות שוא ידברו) דס איז טייטש די חלומות ריידן פאלש אין פאר צייטיגי דורות האט מען גגלייבט אין חלום דען מיר גפינן ביא גדעון אז גאט האט גוויזן איין צייכן אז ער וועט גיווינען די מלחמות מדין הט ער דרוף פארט ניט זייער סומך געווען ביז גאט האט אים גזאגט אז ער מיט זיין יונג זאלן גיין צוא דער מחנה מדין ביא נאכט שטילער הייד וועט ער דארט הערין פון זייא איין חלום וואס ער בטייט בייז אוף מדין אונ אוף דעם חלום האט ער זיך שון יוא סומך געווען פון דאנין לערנין מיר אפ אז דיא חלומות זענען מענכע מאל פון גאט אונ ער לאזט וויסן דורך דעם חלום די זאכן וואס ועלן קומן כדי דער מענטש זאל תשובה טאן:

**כתיב** מי כה' אלהינו בכל קראנו אליו דאס איז טייטש ווער איז וויא אונזער גאט ענטפערט אונז ווען מיר ריפן אים דען ווען מען וויל איינם שלעכטס טאן אונ ער שיקט צו איין האר אז ער זאל אים העלפן אונ איידער עס קומט אן איין ידיעה פון דעם האר דער וייל ווערט אים דס בייז גטאן אבער ווען ער שרייאט צו גאט איז גאט נאהונט צו העלפן אים. עס איז געווען איין מעשה איינר האט גהאט איין חלום אז ער וועט שטארבן הט ער אוף דעם חלום גפאסט די אנדרי נאכט איז דער חלום ווידר גקומן אונ הט צו אים גזאגט זייא מתודה דען דוא וועסט באלד שטארבן האט ער אין חלום גזאגט דאס קפיטל (אליך ה' נפשי אשא) אונ האט אום גזאגט דיא ווידוי מיט גוויין נאך דעם איז ער קראנק גווארן האט ער געזעהן אין

דער

דער קרענק איין וואלקן אין איין גשטאלט פון איין מענטשן אונ ער הט ניטראגן אגרוסי משא אונ אין דער אנדרר האנט האט ער גטראפן אגילדן אונ האט צו אים גזאגט וייל דוא האסט גהאלפן איין ארימאן טרעגר צוא טרגן איין לאסט אונ דר גילדן וואס דוא האסט גגעבן צו איין תלמיד חכם דר זכות פון דיא צוויא זאכן האבן דיך אום גלייזט פון דעם טוט אונ דיא משא איז גוועז דיא מצות מיט דיא עבירות איבר דעם הט ער גישוויצט אונ איז גיזונד גוואורן פון דר מעשה לערנט מען אפ חאטשי דער גזר איז שון נגזר גוואורן ער זאל תיכף שטארבן הט אים גאט אום גלייזט פון דעם טוט פון וועגן די זכיות וואס ער הט גהאט וועט עס ווערט גיזאגט צו איינם אין חלום אבשורה טובה זאל ער עס ניט זאגן אפילו פאר זיין וייב דען איין נס קען ניט גימאן ווערן סיידן אז קיין מענטש ווייסט דער פון ניט אמענטש זאל ניט זאגן זיין חלום צו זיין שונא נאר צו איין חכם אונ ירא שמים אונ דער חכם טאר עס ניט אום זאגן צוא יעניםס שונא :

יש עס איז פאר האנדין איין נאכט וואס דיא נשמות פון דיא מתים זענין מתפלל אז מען זאל ניט גוזר זיין אוף דיא לעבדיגי אז זיי זאלן שטארבן אוך דיא דאזיגי וואס וועלין יוא שטארבין זאלין תשובה טאן פר דעם טוט אונ זאלין שטארבן איין גרינגי מיתה אונ דס איז דיא נאכט פון הושענא רבה אוך זענין זייא מתפלל או גאט זאל אפ טאן דעם דין פון זייא אליין אוך פון אנדרי מתים :

שני צווייא ברידר זאלין ניט נעמין קיין צווייא שוועסטר דען איינר קען זיין אין איין סכנה אודר ער האט קיין הצלחה ניט אונ ווען זיי האבן שון חתונה גהאט וועט איינר זיין וייב גט געבן . אוך דרייא אודר פיר מענטשין וואס האבן איין נאמין זאלין ניט וואנין אין איין שטוב אוך צוויי חתנים זאלין ניט חתונה האבן אין איין שבת אוך איין פאטיר מיט איין זון זאלין ניט נעמן קיין צווייא שוועסטיר דעסט גלייכן איין טאכטיר מיט איר מוטר זאלן ניט נעמן קיין צווייא ברידר אוך זיין טאכטר זאל ער ניט געבין זיין וייבס ברודר . צוויי שטיף קינדר זאלין זיך ניט נעמן אוך איין פאטיר מיט זיין זון אונ דעם זונס זון זאלין ניט נעמן קיין וייבר וואס האבין גלייכי נעמן אוך איין מוטר מיט איין טאכטר מיט דר טאכטירס טאכטיר זאלין ניט נעמין דרייא מאנין וואס האבן גלייכי נעמן . אוך זאל מען ניט נעמן נאך זיין וייבס טוט איר שוועסטיר אז ער האט מיט דער ערשטיר גהאט קינדר אוך אזו איין אשה וואס עס איז בייא איר צוויי מאנן גישטארבן זאל מען זיא ניט נעמן אונ דר וואס נעמט זיא וועט לידין דר פאר עונש וייל ער האט זיך איין סכנה איין גישטעלט אוך איז פר האנדן אזעלכי זאכין וואס דר תלמיד חכם ווייסט אז מען טאר ניט טאן אונ ער טוט פארט וועט ער מוזין לידן עונש ער ווייסט וואל אז איבר דער זינד ווס מען טוט איין נדר אונ מען האלט אים ניט שטארבן דוא קינדר אודר

איבר

איבר ביטול תורה שטארבין אויך קינדר דאס הייסט ער ברענגט זייא אים פון דער וועלט. אויך איז פאר האנדרין פיל זאכן וואס מען מוז ליידין עונש אז מען טוט זייא דהיינו ווען איינר איז מאל זיינו דרייא קינדר אונ זייא זענין אלי דרייא גישטארבן מחמת דר מילה אזו טאר ער שון דעם פערדן ניט מאל זיין אודר ווען איינר וויל וואנין אין אזו איין הוז וואס דרייא זענין דארט גשטארבין איינר נאך דעם אנדרן שטעלט ער איין זיין לעבן אונ זייני קינדרס לעבן אודר ווען איינר וואנט אין איין שטאט וואס זייני קינדר שטארבין איז ער גורם אז זייא זאלן שטארבן דען ער קען וואנין אין איין אנדר שטאט אויף דיא אלי זאכן ווען מען טוט עס וועט ער לעתיד מוזין ליידין גרוס עונש:

כתיב (שומר פיו ולשונו שומר מצרת נפשו) דאס איז טייטש דער וואס היט זיין מול צוא ריידין דער היט זיין לעבן. דיא ערשטי אותיות מאכט שמשון דאס איז מרמז אויף שמשון הגבור איבר זיין מול איז ער אים גקומן ווען ער זאל ניט גוועזן זאגן פאר דלילה פון וואנן זיין כח קומט וואלט ער ניט גוועזן אום גקומן דרום זאל אמענטש היטין זייני רייד:

אחד איינר האט גזעהן אז זייני שונאים פאלין האט ער זיך זייער גפרייט אונ זאגט אצונד וועלין מייני שונאים פאר ווארפין ווערן פון דער שטאט ארוס איז דער סוף גוועזן אז ער האט זיך אוועק גשלעפט פון דער שטאט ארוס אונ איז גשטארבין אין איין אנדר לאנד אונ דיא זעלביגי זענין גיבליבן זיצן אין דר שטאט דרום זאל זיך אמענטש ניט פרייאן ווען אויף קומט בייז חאטשי ער איז איין שונא:

תנו רבנן דיא רבנן האבן גלערינט דרייא שלאפקייטן איז אלישע הנביא שלאף גוועזן איין שלאפקייט האט גאט אויף אים גשיקט וויל ער האט אוועק גשיקט גחזי פון זיך ער איז גוועזן זיין תלמיד האט ער אים אום גבראכט פון עולם הבא אונ דיא אנדרי קרענק האט גאט אויף אים גשיקט וויל ער האט אן גרייצט בערן אויף דיא קינדר אונ זייא האבן גיהרגית פון זייא צוויי אונ פערציג קינדר. אונ פון דר דריטר קרענק איז ער גשטארבן. דר פון לערנין מיר אפ אז מען טאר קיין מענטשין ניט שעלטין דען דר אלישע הנביא האט דיא קינדר פאר פלוכט אז זייא זאלין פאר לארין ווערין דורך דיא בערין חאטשי ער האט גזעהן בנבואה אז פון דיא קינדר וועט ניט ארוס קומן קיין צדיקים איז ער פארט גשטראפט גווארן מכל שכן אז איינר טאר זיין חבר ניט שעלטין דען עס קען זיין אז פון זיין חבר זאל ארוס קומן צדיקים. איין מענטש טאר ניט זאגן צוא זיין חבר גאט זאל דיר געבן וואס דוא בגערסט אליין דען טאמיר בגערט ער שלעכטץ צוא טאן אונ מיר ישראל קערן צוא בעטן אז עס זאל אלי גוטי מענטשין גליקליך גיין. ווען איין אשה גייט צוא קינד זאל מען אין דער זעלביגר צייט ניט דר מאנין אירי עונות אויך אז איינר איז שלאף זאל מען

זייני

זיינע ווערד ניט דער מאנן ווען מען דער מאנט זייא איז מען זייא אין הימל
אוך מזכיר דרום זאל מען זיך היטן פון אזעלכי זאכין :

כתיב (מי יתנך כאח לי יונק שדי אמי) דם איז טייטש ווער וואלט געגעבן אז דיין
הארץ זאל צוא מיר גאנץ זיין אזו וויא דאס הארץ פון איין ברודר
צום אנדרן וואס זייא האבן גיזוגן איין מוטרס ברוסט אונ אמאל שטייט
(כי יסותך אחיך בן אמך) דאס איז טייטש ווען דיין ברודר פון איין מוטר ווערט
דיך אן ריידין צוא בייז דאס איז מרומז אז עס רוב גראטין נאך זייערי
מוטרס ברודר דרום ווען איינר איז איין צדיק אונ ער נעמט זיין שוועסטרס
טאכטיר גראטן דיא קינדר נאך אים זעלבסט אבר ווען זיין מוטר איז איין
אלמנה אודר איין גרושה אונ נעמט איין מאן וואס ער איז איין רשע אונ
דיא קינדר וואס זיא האט מיט איר זענן אוך רשעים זאל ער ניט נעמין
זיין שוועסטרס טאכטיר דען דיא קינדר קענין גראטן נאך יעני ברידר אונ
ניט נאך אים . ווען איינר טוט איין מעשה אונ זיין כוונה איז לטובה אונ
צום סוף קומט ארוס איין רעה ווערט אים בצאלט אוף איטליכן בזונדר
דהיינו פאר זיין כוונה לטובה איז ער מקבל שכר אונ פאר דעם וואס עס
איז ארוס גקומן איין רעה איז ער מקבל פורעניות דען האט ער גקערט
צוא פרעגין אונ איין עצה האלטן מיט איין חכם אזו וויא מיר גפונן ביא
יעקב ער האט פר בארגן זיין טאכטר דינה פאר זיין ברודר דעם רשע אז
ער זאל זיא ניט נעמן איז זיין כוונה גוועזן צוא גוטן אבר ווען ער זאל זיא
גוועזן נעמן וואלט זיא אים גקענט גוט מאכן דרום איז ער גשטראפט
גווארין אז שכם האט זיא מאנס גוועזן :

אשה ווען איין אשה בעט איינם אז ער זאל איר אום שדכנן איין בחור
וואס ער זאל זיין שיין אונ זאל קענן וואל לערנן אונ ער זאל זיין איין
מיוחס אונ עס טרעפט זיך אזו איין בחור וואס ער לערנט וואל אונ איז
איין מיוחס נאר ער איז ניט זייער שיין אונ אירי פאטיר אונ מוטר בעטין
דעם שדכן אז ער זאל דעם שידוך צום הוף פירן זאל דער שדכן זייא ניט
צוא הערין וייל איר דעה איז אוף איין שיינם פרשון קען דער פון ארוס
קומן איין קלקול דען ער וועט בייא איר קיין חן ניט האבן וועט זיא מזנה
זיין מיט אנדרי דרום זאל דר שדכן פון אזעלכי זאכין אפ זיצן . איין בחור
וואס ער וויל נעמין איין ווייב אונ זיא איז שון אלט פערציג יאר דער וואס
איז איין ירא שמים זאל דער ביא קיין שדכן ניט זיין דען פון פערציג יאר
אן אונ ווייטר קען זיא שון קיין קינדר ניט גווינן איז ער זיי מבטל פון פריה
ורביה . דען איבר דעם הט דיא תורה אן גזאגט אז מען זאל זיין פאטירס
שוועסטר אודר זיין מוטרס שוועסטר ניט נעמן וייל דאס רוב זענין זייא
עלטיר פון אים קען זיין אז ער איז אלט צוואנציג יאר אונ זיא איז שון אלט
פערציג יאר קען ער ניט מקיים זיין קיין פריה ורביה . אונ נאך איין
ראיה דער צוא דען דיא תורה האט גזאגט איינר וואס ווערט גבארין נאך

זיין

זיין ברודערס טוט מאר ער ניט מייבם זיין זיין ברודערס ווייב איז דר טעם ווייל זיא וועט מוזין הארן אז ער זאל אלט ווערן חאמשי ניין יאר מיט איין טאג הייסט עס שון צעהין יאר אונ מיר האבן גלערינט אז איין אשה וואס זיא זיצט צעהין יאר נאך איר מאנס טוט אונ נעמט ניט קיין מאן קען זיא שון קיין קינדר האבין אונ ווייל דיא יבמה וועט שון מיט אים קיין קינדר ניט האבין דרום האט עס דיא תורה גיאסרת דרום ווען איין בחור וויל נעמן איין אלמנה פון פערציג יאר זאל קיינר ניט זיין אין דער עצה:

מעשה איינר איז אוועק גפארין אין ווייטי לענדיר אונ איז דארט גשטארבן אונ האט גלאזט זיין געלט ביי איין נאמן. איז זיין זון גוואר גווארן אז זיין פאטר איז דארט גישטארבן אונ האט גלאזט געלט האט דער זון גזאגט איך וועל גיין אפ נעמין מיין ירושה איך וויל אוך מיין קליינם זון מיט נעמין אז ער זאל דארט לערנן אונ דער זעלביגר האט גיהאט איין קליינם ברידר האט דער חכם צוא אים גזאגט דוא זאלסט הארין ביז דיין ווייב וועט האבן נאך איין קינד דען דו האסט נאך ניט מקיים גוועזן פריה ורביה אבר ווען דוא וועסט תיכף גיין מיט דעם איינם קינד טאמר וועט איר דארט ביידי שטארבין וועט דיין ווייב מוזין הארין אויף יבום אודר חליצה אונ דיין ברידר איז גאנץ קליין דרום זאלסטו הארין ביז דיין ווייב וועט נאך איין קינד האבין דער נאך וועסטו מעגין פארן גליקליך:

אחד איינר האט ליב גיהאט איין אשה האט ער גפרעגט אוב ער מעג זיא זעהן דען מען האט גזאגט אז זיא איז ניט זייער שיין האבן די חכמים זיא גאסרת אויף אים ער זאל זיא אן קוקן דען דוא וועסט מהרהר זיין אין איר אוך וועסטו מקבל זיין שכר ווען דוא וועסט זיא ניט זעהן איז דר שכר זייער גרוס. ווען איינר האט זיין הארץ צוא איין אשה אונ ער פר מאכט זייני אויגן ניט צוא קוקין אויף איר בצאלט אים גאט גוטיץ אונ אוך צוא זייני קינדר אופט מאל איז איין גזר דין מן השמים אז ער זאל ליב האבן איין אשה כדי עס זאל אים מיאוס זיין אנדרי ווייבר דעסט גלייכן פר קערט זיא זאל אים ליב האבן כדי זיא זאל ניט נאך פרעגן אויף אנדרי אונ דאס איז אלץ צוא גוטן:

התלמידים דיא תלמידים זענן גזעסין פאר זייער רבי זאגט איינר יהי רצון אז מיין ווייב זאל טראגין ווערין אונ דאס קינד זאל לעבן אונ אז ניט זאל זיא גאר ניט טראגנדיג ווערין זאגט דער אנדרר תלמיד יהי רצון אז מיין ווייב זאל טראגדיג ווערן זאגט דער ערשטר וואס וועט דיר ארויס קומן אז זיא וועט טראגדיג ווערין עס קען זיך זיין אז דאס קינד זאל שטארבין האט דער רבי זיך אן גרופן דער אנדרר תלמיד איז גרעכט ווארום ממה נפשך וועט דאס קינד לעבין איז זיך בוודאי גוט אלא עס וועט שטארבן איז אוך גוט דען דיא פאטר אונ מוטר וועלין מיט דעם צער אום גלייזט ווערין פון צרות. איין בחור וואס וויל נעמן איין ווייב

זָאל ער זיך בטראַכטען וויפיל הרהורים אונ צַער ער לייד אונ מַחֲמַת דעם וועט ער שון צו זיינֵי קינדער ווייבער געבין צו דר צייט. אופט מאָל פר מאַג אַמענטש ניט גנוגן טאָן צוא זיינֵי קינדער זאל ער בעטן צוא גאָט אַז גאָט זאָל אים בשערין זיין בדערפֿעניש אַז ער זאָל קענין חַתוּנָה מאַכין זיינֵי קינדער צוא דער צייט דען מיר זעהן אַז משה רַבֵּנוּ האָט געזעהן אַז ער קען זיך ניט אום קערן קיין מִצְרַיִם האָט ער דיא טאָכטער פון יִתְרוֹ מְגַיֵּיר געוועזן כְּדֵי ער זאָל ניט זיצן אָן איין ווייב. אונ אויך ווייל יְהוּדָה האָט גוֹרֵם געוועזן אַז יוֹסֵף זאָל פאַר קויפט ווערין קיין מִצְרַיִם אונ יוֹסֵף האָט איבר דעם ניט געקענט נעמין קיין ווייב ביז ער איז אַלט געוואָרין דרייסיג יאָר דרום דָּוִד הַמֶּלֶךְ וואָס ער קומט אַרוס פון יְהוּדָה איז ערשט געוואָרין איין מֶלֶךְ צוא דרייסיג יאָר ניט פריער:

מַעֲשֶׂה איינר האָט כָּל יָמָיו עוֹסֵק געוועזן אַז ער זאָל מְזַוֵּיג זִוּוּגִים זיין הט ער מיט זיין זון זיין שידוך גיטאָן אונ איז שלאַף געוואָרין הט ער צַוָּאָה געלאָזט אַז דער זון זאָל נאָך שְׁלֹשִׁים חַתוּנָה האָבֶן האָבן דיא לייט גזאָגט לאָז דיא חַתוּנָה זיין נאָך דעם יאָר האָט ער געענפֿערט כָּל יָמַי האָב איך עוֹסֵק געוועזן אַז איך זאָל מְזַוֵּיג זִוּוּגִים זיין דרום בגער איך ניט אַז מיין זון זאָל דורך מיר איין עִכּוּב האָבֶן אונ ער וועט ניט מְהַרְהֵר זיין אויף אַזוֹ אַזאַך זאָל מען זיין פּאַטירם צַוָּואָה יוֹא האַלטין ביא איינם איז זיין פאָטער געשטאָרבין אין אֲדַר רִאשׁוֹן פלעגט ער יאָר צייט צוא האָבין דעם זעלביגן טאָג אונ אַז דאָס יאָר איז ניט געוועזן קיין עִיבּוּר פלעגט ער פאַסטן אום שַׁבָּת אויך דען ער איז מְסוּפָּק געוועזן איב דר אֲדַר רִאשׁוֹן הייסט שַׁבָּט אַקעגין אַנדערי יאָרין. ווער עס האָט יאָר צייט אין פּוּרִים זאָל ער דאָך מְקַיֵּים זיין מִשְׁלוֹחַ מָנוֹת אָבֶר אַז דער פאָטער שטאַרבט אום פּוּרִים בדאַרף ער דעם זעלביגן פּוּרִים ניט צוא שיקן אויך ווען זיין פאָטער שטאַרבט פאַר פּוּרִים אונ ער וויל שיקן צוא עֲנִיִּים מַתָּנוֹת זאָל ער זייא שיקן געלט אודר פלייש אָבֶר ניט קיין פריילִיכי זאַכין אויך זאָל מען אים ניט שיקן. עס שטייט (ולא נחלו על שבר יוסף) דאָס איז טייטש דיא יִשְׂרָאֵל האָבין ניט געקרענקט אויף דעם בראָך פון יוֹסֵף דרום ווען דאָס צִבּוּר זענין בצַער קער דר יָחִיד זיך אויך מְצַעֵר זיין דעסט גלייכן ווען איין תַּלְמִיד חָכָם שטַרבט קער מען זיך מְצַעֵר זיין אונ צוא ווייגן אויף אים. ווען ניט וועלן זיינֵי קינדער שטאַרבֶן וועט ער אויף זייא וויינֶן:

(ביום טוב היה בטוב). דאָס איז טייטש אין אַגוטין טאָג וואָס מען פרייד זיך דְּהַיְינוּ יום טוב אודר ראש חודש זאָלסטו דיך אויך פרייאַן אונ אַזוֹ איין טאָג וואָס ניט גוט איז דְּהַיְינוּ אַז איין תַּלְמִיד חָכָם שטאַרבט זאָלסטו דיך ניט פרייאַן אויך זאָלסטו ניט גיין שפּאַצירין. ויוסף דעת יוסף מכאוב). דאָס איז טייטש ווער עס איז מער חָכָם דער האָט מער וויטאָג דען מיר זעהן אין דער תּוֹרָה דָּר וואָס רירט אָן איין נְבֵילָה דער איז טָמֵא

איין

איין טאג אונ אז ער רירט אן אין איין טוטין מענטשין איז ער טמא זיבן טאג אוך ווען איינר רירט אן אין איין נבילה איז ער נאר טמא אבר ער איז ווייטר ניט מטמא אבר אז ער רירט אן אין איין טוטין איז ער ווייטר מטמא אוך איין בהמה בדארף ניט געבן קיין דין וחשבון אבר אמענטש מוז אפ געבן נאך זיין טוט דין וחשבון אוך פרעגט מען אים נאך זיין טוט וואס האסטו גורם גוועזן אז דייני קינדר זענן גשטארבין:

(שמע עצה וקבל מוסר) דאס איז טייטש שלמה המלך זאגט הער צוא ראט אונ זייא מקבל שטראף דאס מיינט מען אז איינר לאזט צוואה פאר זיין טוט זאל דער לעבדיגר צוא הערין אונ זאל דיא צוואה האלטין. נאר מיר זעהן אז פיל מענטשן שטארבין אונ מען איז ניט מקיים זייער צוואה דרום וועל איך דיר איין עצה געבן דיא צוואה זאל יוא איין קיום האבין אז דיין צייט קומט צוא שטארבן זאלסטו רופין צווייא עדות אונ זאלסט פאר זייא זאגן דיא צוואה וויא אזו דייני קינדר זאלן זיך נוהג זיין מיט דעם געלט אבר אויף דיין פאטר אודר אויף דייני קינדר ווען דוא ווייסט זיי האבן קיין נאמנות ניט זאלסטו זיך אויף זייא ניט סומך זיין דען נאך דיין טוט וועלן זייא פאר ענדרין דייני רייד אונ זייא וועלין ניט אפ געבין דס געלט וועמין דוא האסט גהייסין אזו וועסטו קיין כפרה ניט האבין. אז איינר האט איין שונא וואס ער מאכט לייטין ניט זינדיגין נאר אקעגן אים איז ער שלעכט ווען ער וועט בעטין אז דר שונא זאל שטארבן וועט ער דער נאך חרטה האבין דרום זאל ער ניט בעטין אויף זיין שונא דעם טוט נייארט ער זאל מיט אים מאכין שלום אונ ווען זיין חבר האט אים גיטאן אזו איין בייז אז ער קען אים ניט מוחל זיין זאל ער זיך בטראכטן ווען ער זאל דאס בייז גוועזן טאן צוא זיין חבר וואלט ער זיך ניט גוואלט אז ער זאל דרויף גישטראפט ווערין דרום זאל ער אויף זיין חבר אוך ניט בעטין קיין בייז:

מי ווער עס איז שלאף זאל ער ניט אן הענגין זיין שלאפקייט ווייל ער הט איבריג גטרונקין נייארט ער זאל וויסן אז גאט ב"ה האט עס אים אן גשיקט פאר זייני זינד דרום דארף דער מענטש צוא בעטן גאט אז ער זאל אים היטן פאר חלאים רעים ופגעים רעים דר מענטש זאל ניט בעטן צום ערשטין אויף זיין בדערפניש נייארט צום ערשטין אויף צרכי שמים למשל צום ערשטין בעטין מיר אין דער שמונה עשרה (אתה חונן) אז גאט זאל אונז געבן פאר שטאנד אין דער תורה אונ מצות היטין אונ דער נאך בעטין מיר אז גאט זאל אונז מוחל זיין דיא עונות אונ דר נאך בעטן מיר ערשט אונזר בדערפניש (ברך עלינו) דאס איז טייטש גאט זאלסט בענטשין דאס יאר מיט פיל פרוכט. עס טרעפט זיך אז איינר בעט פאר זיין חבר ווערט ער געענפרט אונ אז ער בעט פאר זיך ווערט ער ניט געענפרט דהיינו רבי חייא אז ער איז גקומן קיין א"י הט ער תפלה גיטאן אז דאס פלאקס

פון א"י זאל ניט אום גישלאגן ווערין אזו איז פון גאנץ א"י ניט אום גשלאגן גיווארין אונ דאס כלאקס פון ר' חייא איז יוא אום גישלאגין גיווארין אונ וואס מיר גיפונן ביא אברהם אבינו וויל ער האט גיבעטן פאר אבימלך איז ער אוך גיענפרט גיווארין אונ האט גיווינן. יצחק איז דר תירוץ אברהם אבינו האט גיטאן חסידות דען אבימלך איז געוועזן זיין שונא ער האט זיין ווייב שרה ביא אים גינומן דרום איז ער גיענפרט גיווארין אוף זיך אוך דרום קערן מיר איינר אוף דעם אנדרן בעטן האטשי יענר איז אים אשונא:

כל אלי נביאים האבן ניט מתפלל גוועזן אוף ישראל ביז זיי האבן זיי גבעטן דרום אז דיא נביאים האבן צוא זייא גזאגט טוט תשובה ווען מיר פר אייך מתפלל זיין האבין זייא גזאגט צום נביא זייא דוא איין דיין אבר אונז האט ער זייא גישטראפט אוף דיא זאכין וואס ער האט גוויסט וואס זייא טואן אים רעכט אונ זייא האבן אים גפאלגט האט ער פאר זייא מתפלל גוועזן אונ גאט האט זיין תפלה אן גנומן אונ דער וואס טוט ניט אזו טאר ער ניט בעטין פאר ישראל. אין דער צייט אז דער עולם פאסט אוף איין צרה דהיינו פאר איין מגפה ח"ו אונ זייא בעטין איין צדיק אז ער זאל פאר זייא גאט בעטין זאל ער פריר פארשטין וואס פאר עבירה זייא האבן אונ זאל צוא זייא זאגין זייט איר פריר מתקן דיא עבירה אונ דר נאך וועל איך בעטן פאר אייך אונ אוב ניט זאל ער ניט בעטן דען זיין תפלה וועט ניט אן גנומן ווערין ווילן זייא זאגן ווס העלפט דיא תפלה פון איין צדיק. עס איז גוועזן איין מעשה איין זקן וואס ער פלעגט תמיד מתפלל זיין פר דעם עמוד אום יום כפור אמאל איז דער זקן אוועק גיפארין מיט סחורה האט איין אנדרר מתפלל גוועזן איז דער עלצטר זון פון דעם זקן גישטארבן דען דער וואס איז גיוויינטליך אמצוה צוא טאן אונ ער פאר לאזט זיא ווערט ער גישטראפט אונ דיא צדיקים וואס זענין ניט גיוויינטליך צוא מתפלל זיין אונ דאס קהל בעט זייא אז זייא זאלין מתפלל זיין אום יום כפור זאלין זייא פריר זעהן דיא עבירה וואס ער ווייסט זאלין זייא מתקן זיין אזו וויא אובין שטייט אונ אוב ניט ווערט ער גישטראפט. איין זקן איז גיוויינטליך געוועזן מתפלל צוא זיין פאר דעם עמוד אמאל איז ער שלאף געוועזן האבן איין טייל פון דעם קהל גזאגט וויל מיר האבין קיין בעסרין ניט מתפלל צוא זיין דרום איז בעסיר אז דער זקן זאל זיצין אונ זאל מתפלל זיין אונ דיא זקנים האבן גזאגט מען בדארף עס ניט טאן:

צדיק איין צדיק פלעגט מתפלל זיין ראש השנה אונ יום כפור פאר דעם עמוד אוף דער עלטיר האט ער ניט גוואלט מתפלל זיין פאר דעם עמוד האבן דאס קהל אים גפרעגט פר וום וויל ער ניט מתפלל זיין הט ער צוא זייא גזאגט דען אז איך וועל מתפלל זיין ביז מיין טוט וועט מיין זון וועלין נאך מיין טוט אוך מתפלל זיין אונ איך ווייס אז: ער איז ניט ראוי דער צוא דרום זעהט אייך היינט פאר מיין לעבין איין צדיק

וַיָשָׁר אַז עֶר זָאל מִתְפַּלֵל זַיין וֶועט מַיין זוּן שׁוֹן נִיט מִתְפַּלֵל זַיין דֶען אֵיין מִצְוָה אִיז נִיט בִּירוּשָׁה אוּנ וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין פָּסוּק מורשה קהלת יעקב דָאס אִיז טַייטְשׁ תּוֹרָה אוּנ מִצְוֹת אִיז אֵיין יְרוּשָׁה אִיז דֶער תֵּירוּץ וֶוען דֶער זוּן אִיז גוּט וְויא זַיין פָּאטִיר אִיז אֵיין מִצְוָה אַז דֶער זוּן זָאל יַרְשְׁנֶען דִיא מִצְוָה פוּן זַיין פָאטֶער אוּנ אַז דֶער צַדִיק זֶעהְט אַז עֶס וֶוערְט מַחֲלוֹקֶת דוּרְךְ אִים דֶען אֵיין טֵייל וִוילֶען נִיט לַיידֶען אַז עֶר זָאל מִתְפַּלֵל זַיין זָאל עֶר נִיט מִתְפַּלֵל זַיין • בַּייא דֶער מַעֲשֶׂה פוּן פִּילֶגֶשׁ בְּגִבְעָה הָאבֶּען זַייא גְפְרֶעגְט דוּרְךְ דִיא אוּרִים וְתוּמִים צְוֵוייא מָאל דוּרְךְ דִיא כֹּהֲנִים וָואס זֶענִין נִיט רָאוּי גֶעוֶוען דֶר צוּא דְרוּם זֶענִין זַייא נִיט רֶעכְט גֶעעֶנְפֶרְט גִיוָוארֶען אָבֶּער דָאס דְרִיטִי מָאל הָאבִּין זֵיי גְפְרֶעגְט דוּרְךְ פִּינְחָס הַכֹּהֵן דְרוּם זֶענֶען זַייא גֶעעֶנְפֶרְט גְוָוארֶען אוּנ הָאבֶּען גְוואוּנֶען דִיא מִלְחָמָה דְרוּם דִיא וָואס הֶעלְפֶּען דֶער צוּ אַז מֶען זָאל מַאכֶען אֵיין מִתְפַּלֵל אַזוֹי אַמֶענְטְשִׁין וָואס עֶר אִיז נִיט רָאוּי דֶער צוּא פַאר מַיידִין זַייא דָאס גוּטְס פוּן דֶעם קָהָל אוּנ לֶעָתִיד לָבֹא וֶועלִין זַייא מוּזִין אָפּ גֶעבִּין דִין וְחֶשְׁבּוֹן אוּף דֶעם אוּנ דִיא תּוֹרָה שְׁרַייאֶט אוּף דִיא מֶענְטְשִׁין וָואס קֶענֶען וֶוערִין אוּנ זֵיי וֶוערִין דִיא זַאךְ נִיט • דְרוּם אֵיינֶער וָואס הָט בֵּייזִי מַעֲשִׂים אִין זִיךְ אוּנ עֶר וִויל מִתְפַּלֵל זַיין אוֹדֶער שׁוֹפָר בְּלָאזֶען אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה דֶער וָואס אִיז אֵיין צַדִיק אוּנ הָט מַאכְט צוּא וֶוערִין בַּדַארְף עֶר עֶס וֶוערֶען :

מעשׂה אֵיינֶער הָאט גְזָאגְט אִיךְ וִויל בֶּעסֶר זִיצֶען לֶעבִּין אָרוֹן קוֹדֶשׁ כְּדֵי מַיין תְּפִלָּה זָאל בֶּעסֶר אָן גְנוּמֶען וֶוערִין הָאט דֶער חָכָם צוּא אִים גְזָאגְט עֶס שְׁטֵייט (ובמקום גדולים אל תעמוד ואל תתהדר לפני מלך) דָאס אִיז טַייטְשׁ דוּא זָאלְסְט דִיךְ נִיט שְׁיין מַאכֶען פַאר דֶעם מֶלֶךְ אוּנ צְווִישֶׁען הַארִין זָאלְסְטוּ נִיט שְׁטֵיין דֶען טָאמִיר וֶועט מֶען דִיךְ אַרוֹס שְׁטוֹסֶען דְרוּם דוּא אוֹךְ אַז דוּא וֶועסְט שְׁטֵיין לֶעבִּין אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ וֶועט קוּמֶען צוּא מַחֲלוֹקֶת דְרוּם אִיז בֶּעסִיר אַז דוּא זָאלְסְט דָארְט נִיט שְׁטֵיין וֶועט דַיין תְּפִלָּה בֶּעסֶר אָן גְנוּמֶען וֶוערֶען אוּנ דֶער מֶענְטְשׁ הָאט דֶעם חָכָם נִיט גְפָאלְגְט אִיז עֶר אִין אֵיין קוּרְצֶער צַייט אַיין אָבֶּער גְוָוארִין הָאט עֶר גְמוּזְט זִיצֶען אוּנְטֶען • דְרוּם זָאל מֶען בֶּעסֶר שְׁטֵיין וַוייט פוּן דֶעם אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ אוּנ מֶען זָאל נִיט קוּמֶען צוּא מַחֲלוֹקֶת :

(מימינו אש דת למו) דָאס אִיז טַייטְשׁ פוּן דֶר רֶעכְטֶער הַאנְט פוּן גָאט אִיז גֶעגֶעבִּין גְוָוארִין דִיא תּוֹרָה • פוּן דַאנֶען לֶערְנֶען מִיר אַז דִי צַדִיקִים זָאלֶען זִיצֶען פוּן דֶער רֶעכְטֶער זַייט פוּן דֶעם אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ אָבֶּער אַז דֶער צַדִיק זֶעהְט אַז דֶער פוּן וֶועט וֶוערִין אֵיין מַחֲלוֹקֶת קֶער עֶר זִיךְ נִיט צוּ קְרִיגֶען אַז עֶר זָאל זִיצֶען אוּף דֶער רֶעכְטֶער זַייט נָאר עֶר זָאל זִיךְ שְׁטֶעלִין אוּף אַנְדֶער אוֹרְט אוּנ זַיין תְּפִלָּה וֶועט דָארְט אוֹךְ אָן גְנוּמֶען וֶוערִין • וֶוען עֶס אִיז דָא אִין אֵיין אוֹרְט צְוֵוייא תּוֹקְעִים דֶר וָואס אִיז מֶער צַדִיק דֶעם דָארְפֶען זָאל מֶען מְכַבֵּד זַיין מִיט בְּלָאזִין דֶען אַז דָאס ביהמ"ק אִיז גְשְׁטַאנִין אַז דִיא פְרוּמִי לַייט פְלֶעגִין בְּרֶענְגִין אֵיין קָרְבָּן פְלֶעגִין זַייא צוּא גֶעבִּין צוּא דִיא פְרוּמִי כֹּהֲנִים אַז זַייא זָאלִין זַייא מַקְרִיב זַיין • אֵיין חָכָם הָאט גִיזֶעהֶען אִין מוֹצָאֵי יוֹם כִּפּוּר וְויא

אֵיינֶר

איינר האט גהייסן זיין בדינר ער זאל אים ברענגן דיא שיך פון דר היים האט דער חכם צוא אים גזאגט דוא זאלסט זייא אין בית המדרש ניט אן טאן נאר אין דרויסין :

כיון אז דו ווערסט וועלין פרעגין אז גאט איז דן דעם מענטש אלי טאג ווס איז ווידר דער ראש השנה מיט יום כפורעס איז דאך גלייך צו אלי טאג איז דר תירוץ דען אין ראש השנה איז הקב"ה דן עליונים ותחתונים אונ וואס אין גאנצין יאר ווערט זיין אוך וואס אין עטליכי יאר ווערט זיין · אין איין שטאט איז גוועזן איין מחלוקת איבר גלילה דהיינו די עמי הארצים האבן גוואלט אז דיא מצוה זאל קערין צוא זייא אונ זייא וועלין געבין אלי חודש איין טאליר אין דר צדקה פאר דער מצוה אונ דיא חכמים פון דר שטאט האבין ניט גוואלט ליידן ווייל זייא זענין ניט ראוי דער צוא האבין זיי גשיקט צו גרוסי חכמים פרעגין דעם דין · האבין דיא חכמים גשריבן אז דער דין איז מיט דיא עמי הארצים ווייל זייא ווילין געבין פ"ל געלט אין צדקה איז ליבר אז דיא עניים זאלן פרנסה האבן :

מעשה איינר פלעגט גווינטליך צוא זיין אז מען זאל אים אוף רופן צוא דר תוכחה אמאל איז דר חזן צארינדיג גוועזן אונ האט אים גזאגט וואס איך בין ברוגז גוועזן איז מיין כוונה גוועזן פון דיינט וועגן האט ער געענפרט דוא ווילסט מיר כבוד אן טאן מיט דער תוכחה רוף אוף איין אנדרין צוא דר תוכחה אונ נאך דעם האבין זייא זיך איבר גיבעטין אונ ער האט אים ווידר אוף גרופן צוא דער תוכחה · אין דעם שבת איז זיין טאכטער שלאף גווארן אונ איז מוצאי שבת גשטארבן אונ זיין עונש איז גוועזן דריבר ווייל ער האט בדארפט מקבל זיין דיא בושה פון דעם חזן · פר צייטן פלעגט מען איין עם הארץ אוף רופן צוא דר תוכחה דען איין אדם חשוב טאמר וועלין זייני רייד מקוים ווערן אבר ווען דער חזן רופט אוף איין אדם חשוב צו דר תוכחה בדארף ער גיין דען שלמה המלך הט גזאגט ואל תקוץ בתוכחתו דאס איז טייטש דוא זאלסט ניט פאר שעמין זיין שטראף · אז דו ווערסט וועלין פרעגין פאר ווס שטייט אין דער תוכחה מיין ווערטר וויא אין דיא ברכות · איז דער תירוץ דער מענטש טוט דיא מצות מער פר פארכט פון דר תוכחה איידר פאר דעם גוטין פון דיא ברכות דען אז איין שררה זאגט צוא איינם טוא דיא זאך אונ איך וועל דיר דר פאר איין טובה טאן קען זיין אז ער ווערט ניט וועלן אים פאלגן אבר אז ער זאגט אז דוא ווערסט ניט טאן וועל איך דיך שלאגן טוט ער דיא זאך פאר פארכט :

יזהר דר חזן זאל גווארינט זיין אז ער זאל ניט אוף רופין איין בלינדן צוא דער פרשה פון עורת או שבור אודר דר וואס ער האט איין שחין צוא דר פרשה פון צרעת דען עס איז דעם מענטשין איין בושה · אוך ווען איינר רעט מיט איין בעל מום זאל ער בשעת מעשה ניט קוקין אוף זיין מום אוך זאל ער פאר אים ניט דער מאנן דעם מום אוך זאל מען ניט

אוף

אוף רופין צוא דר פרשה פון עריות אזעלכין וואס ער האט אויף זיך איין חשד דר פון אונ דער וואס ער האט איין שיין קול זאל ניט זינגן נגונים של תאוות נייארט ער זאל דר מיט גאט לובן אויך איין שיינר מענטש זאל זיך היטן פון צוא גאך גיין נאך תאוות דען ער אי׳ ניט פון דעסט וועגין אזו בשאפין גווארין. דער מענטש וואס איז איין ירא שמים זאל ניט מתפלל זיין לעבין איין רשע דען דר רשע איז מהרהר שלעכטי הרהורים ;

אחד איינר פלעגט זיצן אין שול אויף איין שטיל אונ ער איז גוועזן איין סופר אונ ער האט זיך אום גוויזן וויא איין צדיק אונ ער איז גוועזן איין רשע גמור אמאל איז גקומן איין חכם אין דער שטאט האט דער חכם גזאגט וואס זאל איך מיך זעצין אין שול האט איינר צוא אים גזאגט דער סופר איז אוועק גגאנגן אין אנדר שטאט זעץ דיך אויף זיין אורט אונ זיין טינט מיט זיין פען האט ער אויך דא גלאזט האט דער חכם גזאגט איך וויל דא ניט זיצן אונ איך וויל ניט שרייבן מיט זיין טינט אונ מיט זיין פען אונ איך וויל ניט מתפלל זיין אין זיין סידור דען איין קטגור קען גיט ווערין קיין סנגור דאס הייסט איין מקטרג קען ניט זיין קיין מליץ. איינר האט אום גחאפט איין סידור אום ראש השנה אונ האט פון אים גדאבנט האט צוא אים איין זקן גזאגט עס שטייט (ובוצע ברך נאץ ה׳) דאס איז טייטש דער וואס גזלת אונ מאכט דריבר איין ברכה דער צערנט ער גאט הט ער גזאגט וואס דען זאל איך טאן אז איך האב ניט קיין סידור פון אים צוא מתפלל זיין האט דר זקן צוא אים גזאגט איך וועל דיר לייאן איין סידור אונ זאלסט נאך אמאל דאבנין דען דיא תפלה וואס דוא האסט פריר גדאבנט איז אום ווערדיג :

איין חכם האט חתונה גמאכט איין זון האט ער דעם זון אן גזאגט דוא זאלסט וויסן אז דיין שווער הט נאך איידים דרום מיין קינד זאלסטו מיך פאלגין ווען דיין שווער וועט זייא מער בכבוד האלטין זאלסטו זייא ניט מקנא זיין אונ זאלסט פון דעסט וועגן דיין שווער ניט פיינט האבין אונ ווען ער וועט דיר וועלין כבוד אן טאן זאלסטו זאגן טוט בעסר זיי אן כבוד. אונ צוא דעם שווער האט דער חכם גזאגט דוא זאלסט דייני איידעם מער בכבוד האלטין וויא מיין זון דען טאמר וועלין זיי דיך פיינט האבין אויך האט דר חכם אן גזאגט צוא זיין זון דוא זאלסט ווערין צו דיין ווייב אז זיא וועט זיך וועלין קריגן אודר איין אנדרי עבירה טאן דען דער וואס העלפט ניט זיין ווייב צוא קריג דער הט איין מעלה אונ ווען דוא פארכסט זיך פאר איר זיא זאל דיר ניט טאן עפיס בייז זאלסטו שווייגין אונ זאלסט איר קיין זכות ניט גפונן פאר לייטן נאר דוא זאלסט זאגין פאר לייט אונ ניט פאר איר איך האב גרוס צער וואס מיין ווייב טוט כדי לייט זאלין דיך ניט חושד זיין אז דוא רעדסט זיא אן צוא בייזין. איין מענטש זאל ניט פאר הולין דעם מום פון זייני קינדר אודר פון זייני קרובים דהיינו

ווען

**ווען** איינעם קינדר האט איין מום אין זיך אונ עס טרעפט זיך איס איין שידוך צוא טון מיט זיין קינד זאל ער זאגן דעם אונ דעם מום האט מיין קינד דען ווען ער ווערט ניט זאגן ווערן דיא קידושין קיין קידושין ניט זיין אוך ווערט אייביג נאך דער חתונה זיין גרוסי קריג אוך ווען דער זון האט מעשים רעים אין זיך זאל דער פאטר זאגן דיא מעשים האט מיין זון אין זיך. אין סוף עדיות זאגין אונזרי חכמים לעתיד לבא אז אליהו ווערט קומן ווערט ער ניט אנפלעקין דיא משפחות וואס זייא קומן ארוס פון פסולים ניארט ער ווערט מאכין שלום מכל שכן מיר טארין בוודאי ניט מגלה זיין דיא משפחות וואס זענין פסול דען עס קומט ארוס איין ביוש צו דער משפחה אונ עס קומט צוא גרום מחלוקת. אוב דוא ווערסט פרעגין פר וואס אז ביי איינעם שטארבט זיין ווייב מעג ער נעמין איר שוועסטר האטשי ער האט מיט איר קינדר אונ אז דער מאן שטארבט אונ זיא האט מיט אים קינדר טאר זיא ניט נעמין זיין ברודר. איז דער טעם דען דיא תורה האט חס גהאט אוף דיא קינדר דען ווען ער ווערט מעגין נעמין זיין ברודרס ווייב ווס זיא האט גהאט מיט אים קינדר ווערט ער דיא קינדר פר לערדן אונ ווערט זייער ירושה צוא נעמן אונ קיינר ווערט זיך פר זייאניט אן נעמן דען זייער פאטרס פאטר האט ליבר זיין זון פון זייא אבר אז זיא נעמט איין פרעמדין ווערט זיך זייער פאטרס פאטר אן נעמין פאר זייא אוך זייער פאטרס ברודר זייא ווערין ניט לאזן זייא טאן שלעכץ דרום זאל דר מענש יתומים קיין שלעכץ טאן:

**אחד** עס איז גווען איין עושר אונ דר עושר האט גצווינגן מיט גוואלד איין בת טובים זיא צוא נעמין פר איין ווייב דען ער איז גווען איין תקיף אין דער שטאט אונ איר פאטר אונ מוטר איז אוך ניחא גווען אז ער האט מיט איר חתונה האט דער חכם ניט גוואלט גיין דען ער האט גזאגט וויא אזו קען מען זאגין (שהשמחה במעונו) דאס איז טייטש אז ביא גאט איז איין שמחה דען דאס איז גיווים גאט ניט ניחא. ווען איינר איז איין ממפל מיט קלייני קינדר זאל ער ליבר צדקה נעמן אונ זאל זיך ניט מתחתן זיין מיט רשעים דען הט גאט גזאגט צו יחזקאל הנביא (בן אדם היו לי בית ישראל לסיגים) דאס איז טייטש דיא ישראל זענין גליך אזו וויא איין מישונג קופר אונ איזין אונ ציןאונ בלייא דאס מיינט ער ווייל דיא גוטי האבן זיך מתחתן גווען מיט דיא שלעכטי אונ דיא קינדר האבן זיך ווייטר מתחתן גווען דרום אז דאס פורעניות איז גקומן אוף דיא שלעכטי זענין דיא גוטי אוך גשלאגין גיווארן דען צום ערשטין שטייט (כסף היו) דאס איז טייטש זייא זענין ריין זילבר דס מיינט מען גוטי זיי האבן זיך ניט מתחתן גווען מיט רשעים נאר זייא האבן זיך משדך גווען ביא אנאנדר דרום זענן זייא גיגליכנט גווארין צוא זילבר דרום זאל מען זיך היטן פון צו מתחתן זין מיט רשעים. ראובן האט גיהאט איין בחור פלעגט דר ראובן שיקן

מתנות צוא שמעון האט שמעון גמיינט דרום שיקט אים ראובן מתנות כדי אז ער זאל געבין זיין טאכטיר צוא דעם זון פון ראובן פר איין ווייב · האט שמעון גפרעגט איין חכם אונ זאגט איך וייס מיר קיין עצה ניט געבן דען ראובן שוקט מיר מתנות אפשר שוקט ער מיר מתנות ער מיינט אז איך וועל מיך מיט אים מתחתן זיין אונ וען ער וועט מיך דרינגן פרעגן וועל איך אים אפ זאגן וועט ער גוויס חרטה האבן וואס ער האט מיר גשיקט מתנות דרום פרעג איך אוב דיא מתנות הייסן ניט וויא גזלה אונ אז איך זאל אים זאגן אז איך בגער ניט דיא מתנות וועט ער מיר שלעכץ טאן

האט דר חכם אים געענפרט ער וייסט וואל אז דו ביסט איין ארומר אפשר שיקט ער דיר איבר דעם עניות נאר דאס זאג איך דיר אן אז דוא זאלסט אים ניט מרמה זיין אז ער וועט מיט דיר ריידין וועגין דעם שידוך זאלסטו אים זאגן איך קען עס ניט מאן אבר דוא זאלסט ניט זאגן איך וועל טאן אונ דר סוף וועט זיין אז דוא וועסט ניט טאן הייסן דיא מתנות גזל פון היינט אן אונ אז ער וועט דיך פיינט האבין וועט ער גרעכט זיין דען עס שטייט אליעזר דר קנעכט פון אברהם האט גזאגט צוא בתואל אונ צו לבן זאגט מיר אוב איר וועט געבין אייערי טאכטר רבקה צו יצחק פאר איין ווייב אונ וען ניט וועל איך אוועק גיין אונ וועל זעהן אנדרין שידוך צוא טאן מיט אים · פון דאנין לערנין מיר אפ אז איינר וויל נעמן איין אשה אונ זיא וויל ניט זאל ער זיא ניט נייטן אונ זאל תיכף אנדרן שידוך טאן:

דער צדיק ווס ער איז קיין עושר זאל ער ניט טראכטין אז איך וועל נעמן איין ווייב מיט וואס וועל איך זיא מפרנס זיין אונ אוך דיא קינדר דער ווס טראכט אזו האט ער ניט קיין בטחון אין גאט דען מיר האבן גלערינט דער וואס הט היינט צוא עסין אונ זאגט וואס וועל איך מארגין עסין דער האט קיין בטחון ניט דען מיר זעהן וויא באלד דס קינד גייט ארוס פון דר מוטרס לייב ברייט גאט ב"ה אן מילך אין אירי בריסט דרום טאר מען דס גאר ניט טראכטין · איינר פלעגט צוא זאגן איך האב איין זון אונ איין טאכטר אונ מיין ווייב איז מעוברת האב איך צער דען מיט וואס וועל איך זייא מפרנס זיין דען איך בין ניט קיין עושר האט דר חכם גזאגט וואס זארגסטו דען אז דיין קינד וועט גבארין ווערין וועט גאט אן גרייטן אין דר מוטרס בריסט מילך האט ער פארט גיזארגט איז אים גבארין גווארין איין זון דער נאך איז דאס קינד קראנק גווארין האט ער דעם חכם גבעטין אז ער זאל מתפלל זיין אוף זיין קינד האט דער חכם גיענפרט אוף דיר איז דער פסוק גזאגט גווארין (אל תתן את פיך להטוא את בשרך למה יקצוף על קולך) · דאס איז טייטש דוא זאלסט ניט געבין דיין מויל צוא פר זינדיגן דיין לייב דען גאט וועט צערינן אוף דיין קול נאך דעם איז דאס קינד גשטארבן דרום זאל זיך דער מענטש ניט מצער זיין אוף פרנסה נאר איין בטחון צוא האבן אוף גאט ב"ה אונ עוסק זיין במלאכה אדר אין

עסק

עֵסֶק מַשָּׂא וּמַתָּן פְלַייסִיג אוּנ עֶרְלִיךְ • וֶוען רְאוּבֵן הָאט אֵיין טָאכְטֶר אוּנ הָט גְמַאכְט אֵיין וָוארְט מִיט שִׁמְעוֹן דְהַיְינוּ שִׁמְעוֹן הָאט צוּא רְאוּבֵן צוּא גְזָאגְט אַז עֶר וֶועט נֶעמִין זַיין טָאכְטֶר׃ אוּנ דֶר נָאךְ הָאט שִׁמְעוֹן חֲרָטָה גְהַאט חָאטְשֵׁי שִׁמְעוֹן הָאט מְבַיֵּישׁ גְוֶוען צוּא רְאוּבֵן אוּנ צוּא דֶער טָאכְטִיר פוּן דֶעסְט וֶועגִין זָאל עֶר מִיט שִׁמְעוֹן נִיט קְרִיגִין אוּנ רְאוּבֵן זָאל עֶס בַּטְרַאכְטֶן אֶפְשַׁר וֶוען שִׁמְעוֹן זָאל גְוֶוען נֶעמִין זַיין טָאכְטֶר וָואלְט עֶר גְשְׁטָארְבֶן דְרוּם זָאל עֶר מִיט אִים נִיט קְרִיגֶן דֶען אַלֵי זִיווּגִים אִיז מִן הַשָּׁמַיִם׃

מעשה עֶס אִיז גִיוֶוען אֵיין חָסִיד הָאט עֶר גְהַאט אֵיין בְּרוּדֶר אִין אַנְדֶר שְׁטָאט אִיז זַיין בְּרוּדֶר גְקוּמֶן צוּא אִים אוּנ זָאגְט אִים אִין מַיין שְׁטָאט הָאט מֶען דִיךְ זֵייעֶר גְאַכְט מִיט מַעֲשִׂים טוֹבִים וָואס דוּא הָאסְט אִין דִיר אָבֶּר אוּף אֵיין זַאךְ הָאבּ אִיךְ זֵייעֶר פַר וְוינְדֶרְט פַר וָואס דוּא טוּסְט דִיא זַאךְ נִיט הָאט דֶער חָסִיד גִיעֶנְפֶרְט וֶוען אִיךְ וֶועל עֶפִּים אֵיין זַאךְ קָאן בִּין אִיךְ מִיךְ פְּרִיר מְיַישֵׁב אוֹבּ אִיךְ וֶועל קֶענִין דִיא זַאךְ אוּם פִירֶן אוּנ אַז אִיךְ הָאבּ מִיךְ מְשַׁעֵר גִיוֶוען אַז אִיךְ וֶועל דִיא זַאךְ נִיט קֶענִין אוּם פִירֶן וֶועט זִיךְ זַיין אֵיין חִילוּל הַשֵּׁם אוּךְ וֶוען אִיךְ וֶועל שְׁטַארְבִּין אוּנ מֶען וֶועט מִיךְ לוֹבֶּן מִיט דֶר זַאךְ וָואס אִיךְ הָאבּ זִיא אַמָאל גִיטָאן אוּנ אַמָאל נִיט וֶועל אִיךְ דְרוּף גִישְׁטְרָאפְט וֶוערִין דְרוּם הָאבּ אִיךְ זִיא גָאר נִיט אָן גְהוֹבֶּן צוּא טָאן • אִיךְ אַמֶענְטְשׁ מֶעג זָאגִין צוּא זַיינֵי תַּלְמִידִים דִיא גוּטֵי זַאךְ טוּא אִיךְ אָדֶר מַיין פָאטִיר הָאט אַזוֹ גִיטָאן אוֹדֶר מַיין רַבִּי הָאט אַזוֹ גְטָאן כְּדֵי אַז זֵייא זָאלִין אוּךְ אַזוֹ טָאן • וָואס דֶר חָכָם אִיז מֶער צַדִיק אַזוֹ זָאל עֶר מֶער מְסוּפָּק זַיין צוּא עֶר וֶועט הָאבִּין עוֹלָם הַבָּא אַזוֹ וְוִיא מִיר גְפוּנֶן אַז ר׳ יוֹחָנָן בֶּן זַכַּאי הָט גְווֵיינְט פַאר זַיין טוֹט אוּנ הָאט גִיזָאגְט אִיךְ ווַייס נִיט וְוִיא אַהִין מֶען וֶועט מִיךְ פִירֶן צוּא אִין גַן עֵדֶן צוּא אִין גֵיהִנָּם אוּנ אִין אֱמֶת אִיז עֶר וָוערְט גִיוֶוען לַחֲזוֹת בְּנוֹעַם הַשְּׁכִינָה דֶען דֶר צַדִיק טוּט נָאו זָארְגִין אוּף דֶר וֶועלְט כָּל זְמַן עֶר לֶעבְּט אַז עֶר זָאל ח״ו קֵיין עוֹלָם הַבָּא נִיט אָן וֶוערִין׃

יוֹתֵר עֶס אִיז בֶּעסִיר דֶר זוּן פוּן אֵיין רָשָׁע וָואס עֶר גֵייט נִיט אִין פָאבֶּרְס וֶועגְ׳ אוּנ אִיז אֵיין צַדִיק מֶער וְוִיא דֶר זוּן פוּן אַצַדִיק וָואס עֶר זַייז אֵיין צַדִיק דֶען דֶר זוּן פוּן דֶעם רָשָׁע בַּדַארְף צְווִינְגִין דֶעם יֵצֶר הָרַע אַז עֶר זָאל גוּט זַיין דֶען עֶר אִיז גִיוואוֹנְט צוּא טָאן דֶעם פָאטִירְס מַעֲשִׂים אָבֶּר דֶער זוּן פוּן דֶעם צַדִיק בַּדַארְף נִיט זֵייעֶר צְווִינְגִין דֶעם יֵצֶר הָרַע דֶען עֶר אִיז גְוואוֹנְט גְוָוארִין פוּן זַיין יוּגֶנְט אָן גוּט צוּא זַיין דְרוּם אַזוֹ אֵיין מִצְוָה וָוס אֵיין מֶענְטְשׁ אִיז נִיט גְוֵוינְטְלִיךְ זִיא צוּא טָאן קוּמְט זִיא אִים אָן שְׁוֶוערִיר וְוִיא אַנְדֶרֵי מִצְוָה דְרוּם זָאל עֶר אִין אִיר גְוָוארִינְט זַיין צוּא טָאן זִיא וֶועט עֶר הָאבֶּן פַר אִיר טָאפִּיל שָׂכָר • עֶס שְׁטֵייט (ומצא חן ושכל טוב בעיני אלהים ואדם) דָאס אִיז טַייטְשׁ דוּא זָאלְסְט טָאן אַזֶעלְכֵי מַעֲשִׂים וָוס דוּא זָאלְסְט הָאבֶּן חֵן בַּיי גָאט אוּנ בַּייא לַייטֶן אוּךְ שְׁטֵייט (והיה ברכה) דָאס אִיז טַייטְשׁ דוּא זָאלְסְט טָאן זַאכִין אַז מֶען זָאל דִיךְ בֶּענְטְשִׁין אַזוֹ וְוִיא אֵיינֶר הָט גְזָאגְט אִיךְ טוּא זַאכֶן

וואס

וואס איך האב דער פון קיין שאדן ניט אונ לייט בענטשן מיך דהיינו איך טראג בייא מיר האלבי פרוטות אונ אז איינר בדארף צוא בייטן איין פרוטה אויף צווייא האלבי פר בייט איך טוא איך אים דר מיט איין טובה בענטשט ער מיך אויך האב איך שכר בייא הקב"ה אזו וויא עס שטייט (והנער שמואל הולך וגדול וטוב גם עם ה' ועם אנשים) • דאס איז טייטש שמואל הנביא אז ער איז נאך יונג גיוועזן איז ער זיך גוט בגאנגן מיט לייטן אויך מיט ווייבר אונ קליינע קינדר פון דאנין לערנין מיר אפ אז דר מענטש קער מיט איטליכן גוט זיין :

אמר איין זקן האט גזאגט אצונד אויף מיין עלטיר וואלט איך גקערט שון צוא טראכטין פאר עולם הבא נאר מייני דאגות לאזין מיך ניט דען איך מוז טראכטין פרנסה מייני קינדר צוא געבן איך האב אויך אנדרי טרדות האט דער חכם צו אים גזאגט ווען דוא זאגסט יוא דוא זארגסט טאג אונ נאכט העלפט דיר דען עפיס קיין עצה איז אז ווען דו האסט צייט דהיינו ווען דוא טוסט אפ דייני זאכן זאלסטו לערנין תורה אונ זאלסט גאט בעטין וועט דיר גאט צו שיקן דיין בדערפניש • דעסט גלייכין איין חכם וואס לייט בדארפן צוא אים דהיינו מען קומט צוא אים לערנין אודר איינר וואס ער איז איין שתדלן ער מוז זיין איין מליץ בייא דיא שררות דער זאל ניט זארגן אויך זאל ער זיך קיין סיגופים ניט אן טאן דהיינו ער וועט וועלן פאסטין דען דער חכם אז ער וועט פאסטן אודר זארגין וועט ער ניט קענן לערנין מיט די תלמידים אויך דר שתדלן וועט ניט קענין ריידין מיט ישוב הדעת וועט עס זיין איין שאדין צוא אנדרי דרום זאל מען זיך היטין פון דאגות אונ נאר אבטחון האבן אויף גאט :

מעשה איין חסיד פלעגט זיך אן טאן סיגופים דהיינו אום זומר הט ער זיך גלייגט אויף דער ערד אונ אום ווינטיר הט ער אריין גטאן זייני פיס אין איין כלי פול וואסיר אונ עס איז פאר פרורין גיווארין אונ דיא פיס זענין בהעפט אין אים האט איין חכם צוא אים גזאגט עס שטייט אין דער תורה (ואך את דמכם לנפשותיכם אדרוש) דאס איז טייטש גאט זאגט דאס בלוט וואס איר זענט זיך אליין גורם עס זאל גמינרט ווערין וועל איך דאס פארשטין פון אייך אונ פר וואס ביסטו זיך מקצר דיין לעבין אונ טוסט דיר אן אזעלכי זינוים האט דער חסיד גיענפרט אין אמת האב איך אין מיר ניט אזעלכי עבירות אז איך זאל מיר אזעלכי יסורים אן טאן נאר וייל גרוסי צדיקים ליידין יסורים ווענין דיא זינד פון ישראל דרום וויל איך ניט אז זייא זאלין ליידין מייני זינד בייארט איך וועל זיי אליין ליידין אזו טוא איך מיט מייני יסורים איין חסר צוא לייטן דען אז איין צדיק ליידט יסורים איז דר וועלט גוט אזו וויא מיר גפונן אז רבי אליעזר ברבי שמעון אודר רבינו הקדוש האבן גליטן יסורים איז דר וועלט גוט גיוועזן אז קיין שום מענטש איז ניט גשטארבן פאר זיין צייט :

אונזערי חכמים האבן גזאגט דיא יסורים וואס דר צדיק האט איז מער טובה פר דער וועלט פון זייני מעשים טובים אזו וויא מיר געפונן ביא רבי אליעזר ברבי שמעון אונ ביא רבינו הקדוש ווייל זיי האבן אויף זיך מקבל געוועזן יסורים איז אין דיא צייטן קיין מענטש ניט געשטארבן פר דר צייט אונ מען האט ניט בדארפט בעטין אויף קיין רעגין אונ ווען איינר איז אויף זיך מקבל יסורים זאל ער בעטין אז דיא יסורים זאלין אים ניט מבטל זיין פון לערנין אונ פון תפלה אזו וויא מיר געפונן ביא רבי אליעזר ברבי שמעון ביא נאכט האט ער אויף זיך דיא יסורים גנומען אונ ביא טאג האט ער געהייסן דיא יסורים אוועק גיין כדי זיי זאלין אים ניט מבטל זיין פון תורה אונ תפלה עס איז בעסיר איין מענטש זאל טאן איין מצוה רעכט איידר פיל מצות אונ ניט רעכט · אונ ווען איינר האלט איין מצוה פיל צייטן אונ דער נאך פאר לאזט ער זיא איז אים הקב"ה דן . (כי את כל מעשי האלהים יביא במשפט על כל נעלם אם טוב ואם רע) דס איז טייטש אלין וואס גאט האט בשאפין דהיינו אפילו דיא מלאכים ברענגט זייא גאט צום משפט אזו וויא מיר געפונן ביא דיא מלאכים וואס האבין איבר געקערט סדום ווייל זייא האבין זיך ברימט אז זייא האבין יכולת איבר צו קערין סדום דרום האט זייא גאט ארום געשטוסין פון זייער מחיצה ביז יעקב האט זייא געזעהן ארוף גיין אויף זייער אורט דען אלי בשעפניש זענין בשאפין געווארין מיט צווייא מדות גוט אונ שלעכט אונ אלי האבין אויף זיך מקבל געוועזן . אזו וויא מיר זעהן גאט האט בשאפין חיות אונ בהמות וואס זייער עסין איז גראז דס איז זייער איין גוטי מדה ווייל גראז קריגין זייא אלי צייט אונ דיא מדה רעה איז ווייל אנדרי חיות פר ציקן זייא אונ עסין זייער פלייש דער קעגין ווייל דיא חיות עסין ניט קיין גראז נאר פלייש איז זייער פרנסה ניט שכיח דען עס טרעפט זיך ניט אלי צייט צוא פאר צוקין אונ זייא מוזין הונגער ליידין אויך דיא פליגן האבין כח צוא פליהן אונ זייער פרנסה איז שכיח דער קעגין עסין זייא דיא שפינן אויף אונ דיא שפינין קענין ניט קריגין דיא פליגן אלי צייט דעסט גלייכין דר מענטש האט אין זיך גוטי מעלות ער גיוועלטיקט איבר אלי בשעפניש דר קייגן איז דיא שלעכטי מעלות זייא קריגן דאס אלין מיט גרוסי טירחות אונ דס וואס שטייט אין פסוק (על כל נעלם) דאס איז טייטש אז גאט ברענגט צום משפט אויף פאר הוליני זאכן דס מיינט מען אז אונזער הער גאט איז גוזר אויף איינם אז ער זאל זיין איין חכם אונ זאל אזו פיל ספרים מאכן אודר ער זאל מפורש זיין איין פסוק אונ אז דער מענטש שרייבט ניט אויף וואס ער איז מחדש אונ פאר האלט דיא זאך וואס גאט האט אים מזכה גיוועזן דער מענטש האט איין עונש דען דוד המלך האט גזאגט (סוד ה' ליראיו ובריתו להודיעם) דאס איז טייטש הקב"ה איז מגלה דעם סוף פון דר תורה צוא דיא דאזיגי וואס זייא פארכטן זיך פאר אים אונ דער טוט עס פון דעסט וועגין אז זייא זאלין דיא סודות

ווייטר

ווייטר מגלה זיין צוא אנדרי . אונ וואס צוא דיא צדיקים גייט שלעכט אוף דר וועלט איז אוך מיט משפט כדי זיי זאלן נעמן אוף יענר וועלט מער שכר אונ דעם רשע גייט עס וואל אוף דעם עולם כדי ער זאל האבן אפגנומן זיין שכר אוף דער וועלט אוך זאל דער צדיק ניט זאגין ווען גאט שטראפט מיך מיט ארומקייט וואס פאר איין זכות קען איך האבין ווען איך זאל זיין איין עושר וואלט איך פיל גוטץ גטאן אוך גרוסי צדקות דס זאל ער ניט זאגין דען דאס ריינע הארץ פון דעם צדיק איז בעסר פון אלי צדקות אזו ווי מיר גפונן ביי ר' חנינא בן דוסא ער איז זייער ארום גוועזן אונ דיא גאנצי וועלט איז גשפייזט גווארין אין זיין זכות חאטשי ער האט ניט גהאט קיין צדקה צוא געבין אוך רבי שמעון בן יוחאי איז גזעסין פר בארגין אין איין הייל דרייצין יאר אונ האט ניט גיקענט קיין צדקה געבין איז אין זייני צייטן ניט גשטאנין קיין רעגין בונן דאס האט גוויזן אז דיא גאנצי וועלט שטייט אין זיין זכות דען דם ענוות איז גוט צו דיא צדיקים דען ווען דר צדיק זאל האבן עשירות וואלט ער אפשר ניט געגעבין רעכט צדקה אוך וואלט ער זיך אפשר בגאוה גהאלטין אוך דאס ענוות וואס מענטשין האבן איז דא פיל טעמים דרוף . איין טעם איז הקב"ה וויל אז ער זאל זיך מיט יענים משדך זיין ניט גאט אים ענוות אונ יענים גוט ער עשירות . אודר ווייל ער האט זיך גפרייט ווען עס איז גקומן אוף זיין חבר פורעניות . אודר ער בעט צוא גאט אוף אזו אזאך וואס דיא זאך איז אוף אים ניט נגזר גיווארין דרום שיקט אים גאט צוא ענוות ער זאל אן דער זאך פר געסין . אודר איינר הט ענוות ווייל זייני עלטרן האבן גטאן אום רעכט אונ האבין לייט גיגזלת מוז זיך דאס געלט אום לאזין אונ זייני קינדר מוזין ליידין ענוות אודר ווייל זייא נעמין רבית פון זייער געלט אודר ווען איינר רעט בגאוה אקעגין עניים אונ זאגט ווער קען דם אום שטיין איך זאל ארבייטן אונ אייער האלז גינוגן טאן . אודר ער גיט צוא אנדרי יוא צדקה אונ צוא זייני קרובים גוט ער ניט אוף דיא אלי קומט ענוות דרום זאל דר מענטש אין דיא אלי זאכן נזהר זיין . ווען ער איז דארשטיג צוא טרונקין אונ זיין בהמה איז אוך דארשטיג זאל ער פריאר טרונקין אונ דר נאך זאל ער געבין דר בהמה אבר ווען ער איז הונגריג אונ זיין בהמה איז הונגריג זאל ער פריר געבן עסין צוא זיין בהמה :

רבית רווחים צוא נעמן האט דיא תורה גיאסרת דער טעם איז ווען מען זאל מעגן נעמין רווחים וואלט גמילות חסד בטל גווארין אונ נאך איין טעם איז דר עושר וואלט גאר ניט גהאנדילט נאר ער וואלט אוועק געגעבין זיין געלט אוף רווחים אזו וואלט ער נאך גיגאנגין נאך דברים בטלים . איין צדיק איז שלאף גוועזן הט ער זייער גיוויינט אונ זאגט ניט פון מיינט וועגין ויין איך נאר אז איך לעב שטראף איך לייטן אז זייא זאלין גוט זיין דען משה רבינו האט גיבעטין אז ער זאל קומן קיין ארץ ישראל

ישראל האט ער ניט גמיינט פון זיין הנאה וועגן נייארט ער האט גוואלט דיא ישראל מזכה זיין אונ גאט האט צוא משה גיענפרט חאטשי דוא וועסט שטארבן האב איך שון דיין תלמיד יהושע אן גיברייט אז ער וועט דיא ישראל שטראפן דען איין צדיק שטארבט ניט ביז דר אנדרער צדיק ווערט גיבארין אוף זיין אורט אבר ווען איין חכם קען פיל זאכין פון דער תורה אונ ער לערינט זיי ניט מיט זיין תלמיד איז אוף אים גזאגט גיווארין דער פסוק (ועמודיה יתפלצון) דאס איז טייטש דיא זיילין פון דר וועלט ציטרן דען ווען דר חכם שטארבט אונ דער תלמיד קען ניט וואס דער רבי האט גיקענט איז שון ניט פאר האנדין זיין גלייכן דרום זאל דר חכם לערנין מיט זיין תלמיד אלי זייני זאכן :

בבית אין איין הוז איז גשטארבן איין תלמיד חכם הט מען דער נאך אין אקלייני צייט גוואלט אין דער שטוב חתונה מאכן האט איין זקן ניט גוואלט לײדן דען אז שאול המלך איז אום גיקומן אוף דעם בארג גלבוע הט דוד המלך גיקלאגט אונ האט גיזאגט אוף דעם בארג זאל ניט זיין קיין טוא אונ קיין רעגין . איינר הט צוואה גלאזט אז זיין זון זאל חתונה האבן נאך שלשים הט דר חכם גזאגט צו דעם זון דיין פאטירס צוואה בדארפסטו האלטין נאר קיין כלי זמר זאלן ניט זיין אוף דער חתונה איינר האט זיין חבר פיינט גהאט איז דער חבר גשטארבן האט ער גיזאגט איך וויל אים ניט מלוה זיין דען עס קען זיין אז עס איז אים ניט ניחא האט איין זקן צו אים גיזאגט דו מעגסט אים מלוה זיין סיידין אז ער הט צוואה גלאזט אז דיא זאלסט זיך מיט אים ניט מתעסק זיין . איינר האט צו זיין זון צוואה גלאזט אז ער זאל זיין קנעכט מיט דער דינסט ניט ארוס טרייבין פון זיין הוז . האט דר זון נאך דעם פאטערס טויט גיפרעגט צו איין חכם מיין פאטר הט מיר צוואה גלאזט אז איך זאל זייא ניט מדחה זיין עס קומט אבר דורך זייא עבירות אין מיין הויז האט דר חכם גענפרט דוא ביסט גירעכט דען עס איז איין מצוה צו מקיים זיין וואס זיין פאטיר לאזט אים צוואה ווען קיין עבירה קומט דר פון ניט ארוס אבר ווען עס קומט דער פון ארוס איין עבירה ביסטו ניט מחויב צו האלטין דיין פאטירס צוואה :

האוכל ווען דוא וועסט פרעגין פאר וואס אז איינר עסט תרומה אום גערן בדארף ער בצאלן צום כהן וואס דיא תרומה איז ווערט גווען אונ נאך אפיפטל מער אונ אז ער עסט תרומה במזיד בדארף ער מער ניט בצאלן נאר וויפיל עס איז ווערט גווען ניט מער איז דער תירוץ ווען דיא תורה זאל גווען הייסן צו דעם וואס ער הט גגעסן במזיד תרומה ער זאל געבן צום כהן אפיפטל מער וואלט ער גאר ניט גוואלט קיין תשובה טאן ער זאל געבן מער וויפל עס טרעפט אן . עס שטייט (לא ידון רוחי לעולם בשגם הוא בשר) דס איז טייטש דער דור המבול האבן גשריגן איינר אוף דעם אנדרין צו גאט וואס מען גזילת אים אודר נום יעניר איז מזגה מיט

זיין

זיין ווייב זאגט גאט אויף די זאכין וואס זיי שרייאן טואן זיי אליין אונ דר
זעלביגער איז זיך ניט מיישב איך בעט גאט פון וועגן איין נקמה אונ איך
טוה זעלברט די זאך זאגט גאט איך וועל איין נקמה טאן אין זייא ווייל
זיי טון אליין די זאכן וואס זיי שרייאן אויף זייא אונ איך וועל זייא ווארטן
הונדערט אונ צוואנציג יאר אונ דער נאך וועל איך זיי אלי פאר לענדין עס
שטייט (אל תהי חכם בעיניך את ה׳ ירא וסור מרע) דאס איז טייטש איין מענטש
וועט וועלן קלוג זיין אונ וועט זאגן איך וועל דיא מצוה ניט טאן ווייל
דר סוף דר פון וועט זיין שלעכט אודר ער וועט זאגין איך וועל די שלעכטי
זאך יוא טאן ווייל דר סוף דר פון וועט זיין גוט דרום זאגט דר פסוק זייא
ניט קלוג אקעגן גאט אונ קער אפ פון בייז דען מיר געפונין אז יואב שר
הצבא אונ אביתר הכהן האבן גטראכט ווען זיי וועלן העלפן צו אדוניה
וועט זיי גוט זיין צום סוף איז זייער סוף שלעכט גוועון דער מענטש זאל
ניט ריידן קיין זאך סיידן ער פאר שטייט אז גאטס ווילן איז דער בייא:
המגדל ווען איינר איז מגדל איין יתום אודר איין יתומה אונ ער זעהט
אז זיי פירן זיך שלעכט מעג ער זייא שלאגין אונ ער זאל זיי מדריך
זיין אז זיי זאלן גוט זיין אויך ווען איינר זעהט אז זיין קינד אודר פרעמדי
קינדר זינדיגן זאל ער ניט שווייגן אונ גאט וועט אים בצאלן זיין שכר ווס
ער חנפית קיינם ניט · (בכל דרכיך דעהו) דאס איז טייטש אין אלי דייני
וועגן זאלסטו גידענקן גאט:

באותה שעה אין דר זעלביגר שעה אז עס ווערט נגזר אויף דעם מענטשן
אז ער זאל שטארבין ווערט זיין מזל פאר פינצטירט אונ זייני
אויגין מיט זיין מול ווערט פאר שטאפט אונ מען רופט אום איין כרוז אז
דער אונ דער מענטש בדארף שטארבן דרום זאל דער מענטש אלי מאל
תשובה טאן · עס שטייט (הביטו אליו ונהרו ופניהם אל יחפרו) אין דאס טייטש
קוקט צו גאט וועט איר ווערן דער לייכט אונ אייער פנים וועט ניט זיין
פאר שעמט אונזרי חכמים זאגין אין דיא צעהן טאג פון ראש השנה ביז
יום כפור ווען איינר צינט אן איין ליכט וויא קיין ווינט איז ניט דא אונ דם
ליכט ווערט ניט פאר לאשין דעם איז איין סימן אז וועט דאס יאר אוס
לעבן אונ איין כרוז גייט ארוס דער וועט לעבן אונ קיין מזיק זאל אים
ניט מזיק זיין אונ וואס פאר איין פרנסה ער וועט דאס יאר האבן אויך
ווען עס איז איין גזר דין אז ער זאל קראנק זיין גייט ארוס איין כרוז דורך
וואס זאל קומן דיא קרענק אונ דורך וועמין ער וועט גיהיילט ווערן ·
דיא יו״ד איז דאס קלענצטי אות פון אלי אותיות דאס ווייזט ווען איינר
קומט אין אזו איין שטאט וואס מען קען אים ניט אונ דיא לייט מיינין
אז ער קען לערנין אונ זיי ווילן אים מכבד זיין זאל ער זאגן זייט מיך ניט
מכבד דען איך קען ניט לערנין דרום הייסט דעם אות יו״ד ווען איך גיב
איין ה״א דער צו מאכט עס יודה ער זאל זיך מודה זיין דען ווען איינר איז

זיך מכניע איז אים גאט מגדל דרום טרעפט זיך אז פראסטע לייט ווענן זיך מתחתן מיט גרוסי פייני בריות דאס איז וויל זייערי פאטירם האבן זיך מכניע גוועזן דרום גיט זיי גאט עשירות כדי די גרוסי לייט זאלן זיך מיט אים מתחתן זיין אוך גיט גאט עשירות צו אזעלכי וואס מען האט זייערי עלטרין פאר ניכט גהאלטין אונ זייא זענן גוועזן מבוזה ביי דיא לייט אונ הקב"ה האט פיינט אז מען זאל מבזה זיין זייני בשעפניש דען ווען מען האט איינם פאר שטיינט האט מען דעם שטיין בגראבין אונ דם האלץ וואס מען האט דעם פאר שטיינט דרוף גיהאנגין האט מען אוך בהאלטין כדי אז עס זאל דיא קרובים קיין בושה ניט זיין אונ דיא אנדרי משפחות זאלן זיך ניט בגאוה האלטן אקעגין דער משפחה פון דעם פאר שטיינטין דרום מאכט זיך עס רוב אז דיא קינדער פון דיא פייני בריות האבן דעם דלות וויל זייערי פאטירם האבן זיך בגאוה גהאלטין אונ אופט מאכט זיך אז דיא רשעים האבן גדולה אונ טואן בייז צו לייטן וויל דיא לייטן האבן מתחילה רחמנות גיהאט אוף דעם רשע אונ האבן ממאס גוועזן אין דיא גוטי דרום צאלט זייא גאט מדה כנגד מדה :

דא איין מענטש זאל גוויינטליך זיין צו זאגן תמיד יהי רצון עס זאל זיין דער ווילן פון גאט אז מיר זאלן ניט זינדיגן אקעגין גאט אוך ניט אקעגין לייטן אוך אנדרי זאלן ניט זינדיגן אונ דו זאלסט אום מעקן אונזרי זינד פון דיין נאמן וועגן ווען איין מענטש גייט אין וועג אונ איינר קומט אים אנטקיגן אונ פרעגט אוף זיך איין משא זאל ער אים אפ טרעטין דעם וועג האטשי אין דער זייט פון דעם וועג איז לייטיג אונ בלטי אזו וועט ער האבן חן אין לייטנס אוגן אונ אין גאטס אוגין עס שטייט (והיו לאותות ולמועדים ולימים ושנים) דאס איז טייטש גאט האט בשאפין דיא זון אונ דיא לבנה אז זייא זאלן זיין איין צייכן אז מען זאל וויסן צו רעכנן די טעג אונ דיא יארן זעה וואס פאר איין טובה דיא זון טוט צו דער לבנה דען די לבנה האט פון זיך נאר קיין ליכט ניט נייארט וואס דיא זון לייכט אין איר אריין אזו לייכט זיא אוף דער וועלט אונ דיא זון איז זיא מלביש מיט איהר ליכט אזו אוך דיא צדיקים ווען גאט גיט צו איינם עשירות קסר ער דיא אנדרי צדיקים אוך כבוד צו טאן אונ די גדולה זיי צו טיילן :

יש עס ניט זיך אום אז איינר איז מתפלל אונ ווערט גיענפרט דהיינו זיין תפלה ווערט אן גינומן אונ דער אנדרר איז מתפלל אונ זיין תפלה ווערט ניט אן גנומן דאס איז וויל דער וואס זיין תפלה איז אן גנומין גוואורין האט זיך מצער גיוועז ווען איין צדיק האט צער גהאט אונ ער הט אוף אים מתפלל גוועזן דרום ווערט זיין תפלה אן גינומן דען ער איז מקיים (ואהבת לרעך כמוך) דאס איז טייטש דוא זאלסט ליב האבן דיין חבר אזו וויא זיך אליין דרום זאגין מיר אין דר שמונה עשרה רפאנו מיט איין לשון רבים מיר בעטין אוף אלי ישראל דען דער וואס האט רחמנות

אוף

אוּף יֶענִים אוּנ בֶּעט פַאר אִים וֶוערְט עֶר אוֹךְ דֶער בַּארִימְט פוּן גָאט אָבֶּר. וֶוען עֶר בֶּעט נִיט פַאר יֶענִים אִיז עֶר גִינְגְלִיכֶן צוּ אַיין בְּהֵמָה דֶען זִיא פְרֶעגְט נִיט וֶוען דִיא אַנְדֶרִי בְּהֵמָה לַייט יְסוּרִים דְרוּם זָאל מֶען פַר יֶענִים בֶּעטְן׃ עֶס שְׁטֵייט (אשרי תתי חכם בעיניך ירא את ה׳ וסור מרע) דָאס אִיז טַייטְשׁ זַייא זָאלֶן נִיט קְלוּג אַקֶעגֶן דִי חֲכָמִים אוּנ קֶער אָפּ פוּן שְׁלֶעכְטְץ דְהַיְינוּ אַזוֹ וִוי מִיר גִיפִינְן אֵיינֶר הָאט גְמַאכְט אַיין מְזוּזָה פוּן דֶר לִינְקֶר זַייט פוּן דֶר טִיר דֶען עֶר הָאט גְזָאגְט אַז אִיךְ וֶועל אַרַיין גֵיין אוּנ עֶפְנִין דִיא טִיר קוּמְט אוֹס דִיא מְזוּזָה גְלַיךְ אַקֶעגִין מַיין פָּנִים אַז אִיךְ וֶועל זִיא מַאכֶן אִין דֶער רֶעכְטִיר זַייט קֶער אִיךְ מִיךְ אַוֶועק פוּן אִיר אָבֶּר עֶר הָאט זִיךְ טוֹעֶה גְוֶוען דֶען עֶר וויל קְלִיגֶר זַיין פוּן אוּנְזֶרִי חֲכָמִים וָואס הָאבֶּן גְזָאגְט אַז אַיין מְזוּזָה מוּז דַוְקָא זַיין אוּף דֶער רֶעכְטִי זַייט פוּן דֶער טִיר׃

לְעוֹלָם אֵייבִּיג זָאל דֶער מֶענְטְשׁ קְלוּג זַיין אִין יִרְאַת שָׁמַיִם זַיין מַחֲשָׁבָה זָאל נָאר זַיין צוּ גָאט אוּנ עֶר זָאל זִיךְ בַּהֶעפְטִין אִין זַיין גְבָאט אוּנ עֶר זָאל שֵׁיין צוּ נֶעמֶן לַייטֶן אוּנ אֵיין עָנִי וָואס עֶר קֶען קֵיין צְדָקָה נִיט גֶעבִּין זָאל עֶר טָאן מִצְוֹת מִיט זַיין גוּף וֶועט דָאס צוּ אַנְדֶרִי גוּט זַיין אוּנ דָאס וָואס אַנְדֶרִי וֶועלֶן גֶעבֶּן צְדָקָה וֶועט זַיין גְלַייךְ וִויא עֶר הֶט גִיגֶעבִּין׃ עֶס שְׁטֵייט (אשרי איש ירא את ה׳ במצותיו חפץ מאוד) דָאס אִיז טַייטְשׁ וואל צוּ דֶעם מֶענְטְשֶׁן וָואס עֶר פַארְכְט זִיךְ פַר גָאט אוּנ עֶר בַּגֶערְט זַייעֶר צוּ טָאן זַיינֶע מִצְוֹת דֶען עֶס אִיז פַאר הַאנְדִין אֵיינֶר וָואס עֶר גְלוּסְט זַייעֶר צוּ טָאן מִצְוֹת אוּנ צוּ לֶערְנִין נָאר עֶר אִיז טָרוּד אִין זַיין פַּרְנָסָה בֶּעט עֶר תָּמִיד אַז גָאט זָאל אִים הֶעלְפִין אַז עֶר זָאל זַיין אָפּ גרוּט כְּדֵי עֶר זָאל קֶענֶן לֶערְנִין אוּנ מִצְוֹת טָאן אוֹךְ אִיז אֵיינֶר וָואס עֶר אִיז זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּ טוּאֶן דִיא מִצְוֹת אוּנ עֶר וויל נִיט קֵיין כָּבוֹד אוֹךְ טוּט עֶר מִצְוֹת מִיט זַיין גֶעלְט דִיא זֶעלְבִּיגִי מֶענְטְשֶׁן אִיז זַייעֶר וואל אוּנ עֶס שְׁטֵייט (חָפֵץ מְאוֹד) אִיז טַייטְשׁ עֶר בַּגֶערְט זַייעֶר צוּ טָאן דִיא מִצְוֹת דָאס וַוייזְט אוּף אֵיינֶם וָואס עֶר אִיז בַּצַעַר אוּנ עֶר מוּט דָאךְ דִיא מִצְוֹת דֶעם אִיז זַייעֶר וואל אַל דֶער מֶענְטְשׁ זָאל נִיט נָאךְ יָאגֶן נָאךְ כָּבוֹד דְהַיְינוּ עֶר זָאל זִיךְ גֵיינִין אַז עֶר זָאל זַיין אֵיין רָב אוֹדֶר אֵיין פַּרְנֵס דֶען רַבָּנוּת בְּרֶענְגְט דֶעם מֶענְטְשִׁין צוּם טוֹט דֶען פִיל צַדִיקִים זֶענִן רָאשִׁים אוּנ אַז עֶס קוּמְט דִי צַייט פוּן אַנְדֶרִי צַדִיקִים אַז זַייא זָאלֶן וֶוערֶן רָאשִׁים אַזוֹ מוּזֶן דִיא דָאזִיגִי שְׁטַארְבֶּן דְרוּם זָאל מֶען זִיךְ נִיט גֵייטִין צוּ הָאבֶּן כָּבוֹד׃

כָּל אַזוֹ אֵיין צַדִיק וָואס עֶר אִיז מְחוּדָשׁ דִיא רֵייד פוּן דֶעם אַנְדֶרִין צַדִיק דְהַיְינוּ אַצַדִיק מַאכְט אֵיין סֵפֶר אוּנ מֶען פַאר שְׁטֵייט אִיהְם אָבֶּר נִיט קוּמְט דֶער אַנַנְדֶרֶר צַדִיק אוּנ מַאכְט אוּף אִיהְם אֵיין פֵּרוּשׁ אַז מֶען זָאל דֶעם סֵפֶר פַאר שְׁטֵיין אַזוֹ וֶוען דֶער זֶעלְבִּיגֶר שְׁטַארְבְּט קוּמְט דִיא נְשָׁמָה פוּן דֶעם צַדִיק וָואס הָאט גְמַאכְט דֶעם סֵפֶר אִים אַקֵייגִין אוּנ גִיט אִיהְם אָפּ כָּבוֹד אוּנ בֶּעט אוֹךְ פַר הקב״ה אוּנ אִיז מֵלִיץ פַאר אִיהְם אַלֲדָם נוּטְץ אָבֶּר

נוּצְ

ווען איינר מאכט איין ספר אונ דער אנדרר קומט נאך איהם אונ קריגט אויף דעם ספר אונ ניט מיט אמת דען ער וויל ווייזן אז ער איז איין חריף ווען ער שטארבט קלאגט יענר צדיק אויף אים · יש עס איז פאר האנדין צדיקים אז עס קומט זייער צייט אז זיא זאלן שטארבין וואשין זיא דיא הענט אונ זאגן דאס קפיטל (מזמור לדוד הבו לה' בני אלים) אונ דאס קפיטל לאזט זיך אום מיט דעם ווארט שלום דען ווען איין צדיק שטארבט גייאן איהם אקייגין דרייא כתות מלאכים אונ זאגן מיט שלום זאר זיין דיין קומן אונ דרום וואשין זיא דיא הענט זיא ווייזן מיט וואס דער מענטש קומט אויף דר וועלט מיט דעם גייט ער אוועק דען אז דער מענטש ווערט געבארן וואשט מען איהם אוך אונ אז ער שטארבט וואשט מען איהם ווייטר · האב ווען דר פאטר לאזט צוואה צו זיין זון אז ער זאל זיין ווייב נעמט געבן אונ זיא איז גוט ער האט אויף איהר ניט געפונן קיין שענדליכי זאך בדארף ער זיין פאטירס צוואה ניט פאלגין ווען דר פאטר שיקט איהם צוואה אז ער זאל נעמן זיין ברודרס טאכטר אונ דער זון האט זיא קיין חשק ניט צו נעמן דען ער פארכט זיך אז ער וועט זיא נעמן וועט ער זיא פיינט האבן אודר ער וועט מזין זינדיגן מיט אנדרי ווייבר בדארף ער ניט צוא פרעגין אויף זיין פאטירס צוואה אונ ווען דער פאטר ווייסט אז ער האט זיא גיט ליב נאר אז ער וועט איהם הייסין וועט ער אים הייסין וועט ער אים פאלגין טוט ער איין עבירה · ווען דער זון ווייסט אז דר פאטר וועט הנאה האבן אז ער וועט אים הייסין עפיס טאן דהיינו ער וויל גיין ביי נאכט אין דער פינצטיר אונ ער ווייסט אז דער פאטר האט דר פון צער קער ער זאגן צו זיין פאטר אז דוא ווילסט גייא מיט מיר ווען זיין פאטר אונ מוטר קריגין זיך מיט זיין ווייב אונ ער ווייסט אז ער וועט אויף איר אן שרייאן וועט זיא זיך מיט אים קריגן זאלסטו שווייגין אז צווייא קריגן זיך זאלסטו דיך צווישן זייא ניט מישן :

אם ווען פאטר אונ מוטר הייסין זייער זון קיין ווייב ניט נעמן כדי ער זאל זייא בדינן טאן זייא ניט רעכט נייארט ער זאל איין ווייב נעמן אונ ער זאל זיין ביא זייא אונ ווען זיין פאטער אונ מוטער זענען אלט אונ דר שכאט קאן ער קיין ווייב ניט קריגין זאל ער גיט אוועק גיין ווען ער קאן נאר פאר דינן וועגן צו געבן פאטר אונ מוטר אונ אז ער וועט נעמן איין ווייב וועט ער ניט קענין גינוגן טון זיין פאטיר אונ מוטר זאל ער זיין פאטיר אונ מוטר פאלגין. ווען פאטיר אונ מוטר זעהן אז דר זון וויל נעמין איין ווייב וואס זיא איז ניט גוט זאגן זייא איהם ווערין אונ ווען זיין פאטיר אונ מוטר הייסין אים נעמן איין ווייב פון קיין גוטער משפחה ועגן פיל געלט אונ דר זון וויל נעמן פון אגוטי משפחה חאטשי זיין פאטר אונ מוטר זענן ברוגז אויף אים זאל ער זיי ניט פאלגן ווייל זיי הייסן טאן אום רעכט ! איש אמו ואביו תיראו · דאס איז טייטש מען זאל זיך פארכטין פר פאטר

אוּנ מוּטֶער אוּנ עֶס שְׁטֵייט (תִּירָאוּ) דָאס אִיז טַייטְשׁ אִיר זָאלְט זִיךְ פָאֶרְכְטִין מֵיינְט מֶען אוֹךְ אַז פָאטֶר אוּנ מוּטֶר זָאלֶן זִיךְ פָאֶרְכְטֶן צוּ דֶר צֶערְנֶן זַייֶער זוּן עֶר זָאל נִיט מוֹרֵד זַיין אִין זֵיי אוּנ כְּרִיר שְׁטֵייט (ואת שבתותי תשמרו) דָס אִיז טַייטְשׁ מַיין שַׁבָּת זָאלְט אִיר הוּטֶן דָס אִיז דִי תּוֹרָה מַזְהִיר אַז פָאטֶר אוּנ מוּטֶר זָאלֶן נִיט לָאזִין זַייֶערִי קוּנְדֶער מְחַלֵּל שַׁבָּת זַיין • (שגיא כח לא מצאנוהו) דָאס אִיז טַייטְשׁ מִיר גְפִינֶן נִיט אַז הקב"ה הָט צוּ דִי יִשְׂרָאֵל אֵיין כֹּחַ אָן גִיטָאן מִיט דִי מִצְוֹת אוּב דוּא וֶועסְט פְּרֶעגִין גֶזֶל אוּנ זְנוּת אִיז זִיךְ אוּף דֶעם מֶענְטְשִׁין יוּא אֵיין כֹּחַ אִיז דֶר תִּירוּץ וֶוען גָאט זָאל נִיט גֶוועֶן בָּאטִין אוּף גֶזֶל אוּנ זְנוּת וָואלְט דִיא וֶועלְט קֵיין קִיוּם נִיט גְהַאט אֵייגֶר וָואלְט דֶעם אַנְדֶרֶן גֶהַרְגִיט פוּן גֶעלְט וֶועגֶן אוֹדֶר פוּן זְנוּת וֶועגֶן דְרוּם אַז גָאט הָאט נִיט שְׁוֶוער גְמַאכְט מִיט זַיינִי מִצְוֹת קֶער אֵיין פָאטִיר אוֹךְ נִיט שְׁוֶוער מַאכֶן אוּף קִינְדֶר וֶוען אֵיין פָאטֶר וִויל גִיבִּיטֶן צוּ אֵיין קִינְד אַז עֶר זָאל אִים טָאן עֶפִּים זַאכִין אַזוֹ דִי זַאךְ וָואס עֶר וִויל עֶר זָאל אִים תֵּיכֶף טָאן זָאל עֶר אִים דָס אָן זָאגֶן צוּם הוּנְטֶערְשְׁטִין דֶען מִיר גִיפִינֶן אַז הקב"ה הָט גִיבָּאטִין צוּ מֹשֶׁה פְרִיר אוּף מְלֶאכֶת הַמִּשְׁכָּן אוּנ דֶער נָאךְ אוּף שַׁבָּת אוּנ מֹשֶׁה הָט דִי יִשְׂרָאֵל פְרִיר אָן גְזָאגְט אוּף שַׁבָּת אוּנ דֶר נָאךְ אוּף דֶעם מִשְׁכָּן:

אָדָם אֵיין מֶענְטְשׁ וָואס עֶר וֵוייסְט אַז זַיינִי קִינְדֶר הָאבֶּן זִיךְ לִיבּ צוּ קְרִיגֶן זָאל עֶר זֶעהְן אַז עֶר זָאל זֵיי נִיט בְּרֶענְגֶן צוּ קֵיין קְרִיג דֶעסְט גְלַייכִין מִיט דֶר יְרוּשָּׁה זָאל עֶר זֵיי צוּ טֵיילֶן אַז עֶר לֶעבְּט נָאךְ אוּנ עֶר זָאל מַאכֶן אַפִּטְרוֹפִּים פַר עֵדוּת אַז עֶס זָאל נִיט אַרוֹס קוּמֶן קֵיין מַחֲלוֹקֶת צְוִוישֶׁן זַייא אוּנ אַז עֶר טוּט אַזוֹ אִיז אוּף אִים גְזָאגְט גְוָוארִין דֶר פָּסוּק (וחוסה במותו צדיק) דָס אִיז טַייטְשׁ אֵיין צַדִיק בַּשִׁיצְט אֲפִילוּ נָאךְ זַיין טוּט • אַמֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט קְלֵיינִי קִינְדֶר אוּנ זַייא קְרִיגִין זִיךְ זָאל עֶר זֶעהְן וֶועלְכִיר עֶס אִיז אוּם גֶרֶעכְט זָאל עֶר אוּף אִים אָן שְׁרַייאֶן אוֹדֶר עֶר זָאל אִים שְׁלָאגִין חָאטְשִׁי עֶר הָט אִים לִיבֶּר פוּן אַלִי אוּנ וֶוען זַיין עֶלְצְטֶר זוּן שְׁלָאגְט דִיא אַנְדֶרִי אוּנ אִים פַר דְרִיסְט דִיא זַאךְ זָאל עֶר נִיט זָאגֶן שְׁלָאג מִיךְ לִיבֶּר אוֹדֶר בֶּעסִיר שְׁלָאג דַיין מוּטֶר וּמִכָּל שֶׁכֵּן אַז דֶער זוּן טָאר דִיא זַאךְ נִיט טָאן:

אֶחָד אֵייגֶר הָאט זַיין פָאטֶר אוּנ מוּטֶר כָּבוֹד אָן גְטָאן אוּנ זַיינִי בְּרִידֶר אוּנ שְׁוֶועסְטֶר פְלֶעגֶן זִיךְ מִיט אִיהְם קְרִיגֶן הָאט דֶר זוּן וָואס עֶר הָט זַיין פָאטֶר אוּנ מוּטֶר כָּבוֹד אָן גִיטָאן גִיפְלוּכְט זַיינִי בְּרִידֶר דוּרְךְ דֶעם הָט דֶר פָאטֶער צַעַר גְהַאט הָאט דֶער חָכָם גִיזָאגְט צוּא דֶעם זוּן דִיא טוּסְט דַיין פָאטֶר אוּנ מוּטֶר כָּבוֹד אוּנ בִּיסְט זֵיי מְצַעֵר מִיט דִי קְלָלוֹת וָוס דוּ שֶׁעלְסְט דַיינִי בְּרִידֶר אוּנ שְׁוֶועסְטִיר וֶוען דַיין קְלָלָה זָאל מְקוּיָם וֶוערִין וָואלְטֶען זִיךְ דַיין פָאטִיר אוּנ מוּטֶר גְרוֹס צַעַר גִיהַאט זֶעה עֵשָׂו הָט זַיין בְּרוּדֶר יַעֲקֹב נִיט גְוָואלְט דֶר שְׁלָאגִין וַוייל זַיין פָאטִיר יִצְחָק הָט גְלֶעבְּט כְּדֵי עֶר זָאל אִים נִיט אָן טָאן קֵיין צַעַר דְרוּם זָאלְסְטוּ דַיין פָאטֶר אוּנ מוּטֶר אוֹךְ נִיט מְצַעֵר זַיין וֶוען אֵייגֶר הָט אֵיין פָאטִיר וָוס עֶר אִיז נִיט גוּט אוּנ אַז מֶען דֶר מַאנְט

זיין

זיין פאטערס נאמן האט דער זון בושה זאל מען ניט דר מאנן דעם נאמן פון דעם פאטיר פר אים איינר איז גקומן אין איין שטאט אריין הט מען אים כבוד אן גטאן ווייל זיין פאטער איז גוועזן איין צדיק האט איינר גזאגט צו די שטאט לייט איהר טוט ניט רעכט דען חאטשי זיין פאטער איז איין צדיק גוועזן ער איז אבר איין רשע קער מען איהם קיין כבוד ניט אן טאן . אויך ווען דר פאטיר פון איינם טוט איין מלאכה בזויה וואס זיא איז מבוזה בייא לייטן זאל מען ניט דער מאנן דר פאטירס נאמן פר אים אונ ווען דער זון איז איין עושר זאל ער ניט לאזן זיין פאטער טאן איין מלאכה בזויה נייארט ער זאל אים געבן געלט אז ער זאל טאן איין מלאכה וואס ערליך איז אונ ווען דער זון וויל אים געבן זיין פרנסה כדי ער זאל דיא מלאכה בזויה ניט טאן אונ דר פאטיר וויל זיין מלאכה ניט אפ לאזן טוט ער איין עבירה אין ניין זון איין מענטש וואס ער הט איין צו נאמן זאל מען ניט דר מאנן זיין צו נאמן פר זיין זון איינר וואס ער גייט אין אזו איין אורט וואס דארט איז סכנת נפשות אז ער ווייסט אז זיין פאטיר אונ מוטער האבן צער איז איין מצוה ווען ער קומט איבר דס אורט זאל ער שיקן איין שליח צו זיין פאטיר אונ מוטער אונ זאל זייא לאזן וויסן אז ער איז איבר גקומן בשלום כדי זייא זאלן קיין צער ניט האבן :

כתיב יראת ה' ראשית דעת דס טייטש די יראה פון גאט איז דאס בעסטי וויסן שאפס דר פסוק לערינט אונז אז דר מענטש קער צו פירן זייני קינדר אין גוטן וועג אונ ער זאל זיי ליב האבן אז זיי זאלן פרום זיין אבר וואס ער הט ליב זייני קינדר ווען זיי האבן ניט קיין מעלות אונ מדות איז דאס ניט קיין אהבה דען מיר זעהן אלי בשעפניש אלי בהמות אונ חיות אונ עופות האבן ליב זייערי קינדר אונ וואס קומט ארויס ווען ער האט ליב זייער גוף וואס דר סוף דר פון איז נישט נייארט ער מוז מדריך זיין זייני קינדר צו תורה אונ מצות דס איז איין קיום אויף אייביג אונ ער קער זיך צו זארגין אז זייני קינדר זאל ניט זינדיגן אקעגן גאט אזו וויא מיר גיפינן ביי איוב ער האט זיך תמיד גיזארגט אז זייני קינדר זאלן ניט זינדיגן דרום הט ער קרבנות גבראכט פון זייערט וועגן אונ אז ער טוט אזו איז אים וואל בעוה"ז ובעוה"ב :

מפני שיבה תקום והדרת פני זקן דאס איז טייטש פאר איין גרייז גראין מענטשן זאלסטו אויף שטיין אונ זאלסט בשיינן דעם פנים פון איין אלטין אפילו פאר איין אלטי אשה זאל ער אויף שטיין דעסט גלייכן דיא ווייבר זאלין אויך מכבד זיין זקנים נאר זייער כבוד זאל זיין פאר בארגן ׃ הקב"ה האט אן גזאגט אז מען זאל זקנים כבוד אן טאן דרום ווען איין זקן מיט איין בחור שטייאן באננד אונ דוא ווילסט עפיס פרעגן זאלסטו ניט פרעגן דעם יונגין נאר דעם אלטין דעסט גלייכין אז איין פאטער מיט איין זון שטייאן באננד זאלסטו ניט פרעגן דעם זון נאר דעם פאטער דען מיר גיפונן

אז

אַז כָּל זְמַן אַבְרָהָם אָבִינוּ הָט גְלֶעבְּט הָט גָאט נִיט גִירֶעט מִיט יִצְחָק זַיין
זוּן אוֹיךְ כָּל זְמַן יִצְחָק הָאט גְלֶעבְּט הָאט גָאט נִיט גִירֶעט מִיט יַעֲקֹב אוֹךְ
אוֹף אֵיין סְעוּדָה וֶוען עֶס זִיצְט אֵיין רַב מִיט דִיא תַּלְמִידִים זָאל מֶען גֶעבִּין
דָאס בֶּעסְטִי מַאֲכָל צוּם רַב אוּנ וֶוען זַיין פָּאטִיר מִיט זַיין רִבִּי זִיצֶן בַּייא
אִים אוֹיף אֵיין סְעוּדָה זָאל עֶר פְּרִיֶער גֶעבֶּן צוּא זַיין רִבִּי אָבֶּר וֶוען זַיין פָּאטֶר
הָט גִיצָאלְט זַיין רִבִּי אַז עֶר זָאל מִיט אִיהְם לֶערְנֶן זָאל עֶר גֶעבֶּן פְּרִיֶער פַאר
זַיין פָּאטֶר אָבֶּר אַז עֶר וַוייסְט אַז זַיין רִבִּי וֶועט דֶער פַר אוֹיף אִים בְּרוֹגֶז זַיין
זָאל עֶר פְּרִיֶער גֶעבֶּן פַאר זַיין רִבִּי כְּדֵי עֶר זָאל אִים נִיט שֶׁעלְטִין אוּנ דֶעם
פָּאטֶר וֶועט גֶוִוים נִיחָא זַיין אַז זַיין זוּן זָאל נִיט פַר פְלוּכְט וֶוערִין פוּן זַיין
רִבִּי אֵיין אָדָם חָשׁוּב וָואס עֶר וַוייסְט אַז לַייט שְׁטֵייאֶן פַר אִים אוֹיף זָאל עֶר
גֵיין אוֹיף אֵיין אַנְדֶירִין וֶועג כְּדֵי עֶר זָאל נִיט מַטְרִיחַ זַיין קֵיין לַייטֶן דְרוּם שְׁטֵייט
נָאךְ דֶעם פָּסוּק (והדרת פני זקן ויראת מאלהיך) דָאס אִיז טַייטְשׁ אַז דֶער זָקֵן
זָאל זִיךְ פָארְכְטִין פַר גָאט אוּנ זָאל דֶעם צִבּוּר נִיט מַטְרִיחַ זַיין אוֹךְ קֶער
מֶען אוֹיף שְׁטֵיין פַר אֵיינֶם וָואס עֶר טוּט אֵיין מִצְוָה חָאטְשִׁי עֶר אִיז אֵיין עַם
הָאָרֶץ דֶען מִיר גִיפוּנִין אַז דִי לַייט וָואס הָאבֶּן גְטְרָאגִין בִּכּוּרִים קֵיין יְרוּשָׁלַיִם
אִיז מֶען פַר זֵיי אוֹיף גְשְׁטַאנִין אוּנ מֶען הָאט זֵייא כָּבוֹד אָן גִיטָאן דְרוּם אִין
דֶער צַייט וָואס אֵיינֶר אִיז עוֹסֵק אִין אֵיין מִצְוָה בַּדַארְף מֶען פַאר אִים אוֹיף
שְׁטֵיין וֶוען צְווַייא מֶענְטְשֶׁן וואנֶן אִין אֵיין שְׁטָאט אוּנ אֵיינֶר וִויל דֶעם
אַנְדֶירִין כָּבוֹד אָן טָאן דְהַיְינוּ עֶר וִויל אֵיין טְרוּנְק וַואסֶר וִויל יֶענִיר אִים גֵיין
בְּרֶענְגֶן וַואסֶר עֶס אִיז אָבֶּר קֵיין כָּבוֹד נִיט פַר אִים אַז עֶר זָאל אִים בַּרִינְגֶן
זָאל עֶר אִים נִיט לָאזִין גֵיין פוּן זַיינֶט וֶועגֶן אֵיינֶר אִיז גִוֶוען אֵיין עוֹשֶׁר אוּנ
זַיין זוּן אִיז אוֹךְ גִוֶוען אֵיין עוֹשֶׁר נָאר דֶר פָּאטִיר אִיז גִוֶוען אֵיין קַמְצָן הָט עֶר
וֵוייניג גְגֶעסֶן הָט דֶר חָכָם גִיזָאגְט צוּם זוּן חָאטְשִׁי דַיין פָּאטֶר אִיז אֵיין עוֹשֶׁר
זָאלְסְטוּ אִים פָּארְט גֶעבֶּן צוּ עֶסִין פוּן דַיינִים וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין לְעוֹלָם הַבָּא:
מַעֲשֶׂה עֶס אִיז גִוֶוען אֵיינֶר וָואס עֶר הָאט מְפַרְנֵס גְוֶוען אֵיין אָרוּמַן בְּרוּדֶר
מִיט זַיין אָרוּמִי שְׁוֶועסְטֶער מִיט אִירִי קִינְדֶר אוּנ אַז עֶר פְלֶעגְט זֵיי
גֶעבֶּן עֶסִין פְלֶעגְט דֶר אָרוּמַר בְּרוּדֶר זוּפֶּן דָאס גֶקֶעכְץ אוּנ דָם פְלֵייש הָט
עֶר גְלָאזְט צוּ זַיין שְׁוֶועסְטֶער מִיט אִירִי קִינְדֶר זֵיי זָאלֶן דָם עֶסִין אִין אֵיין צַייט
אַרוּם הָט דֶר אָרוּמַר בְּרוּדֶר גנוּמֶן אַיין וַוייבּ אוּנ הָט מִיט אִיר גְהַאט טֶעכְטַר
אוּנ אַז דִי טֶעכְטַר זָענֶן גְרוּס גְוָוארֶן פְלֶעגֶן זֵייא צוּ טָאן מִיט זֵייֶער פָּאטֶר
אַזוֹ וִויא עֶר פְלֶעגְט צוּ טָאן מִיט זַיין שְׁוֶועסְטַר דְהַיְינוּ זֵיי הָאבֶּן אִים גְגֶעבֶּן
דָאס פְלֵייש צוּ עֶסִין אוּנ זֵיי הָאבֶּן גְגֶעסֶן דִיא יְרָקוֹת אוֹךְ הָאבֶּן זֵיי אִים
גְמַאכְט גוּטִי עֶסִין שְׁפֵּייז אוּנ וָואס עֶר הָט אִיבֶּר גְלָאזְט הָאבֶּן זֵייא עֶרְשְׁט
גְגֶעסֶן דָם הָט גָאט אִים גִיצָאלְט מִדָה כְּנֶגֶד מִדָה דְרוּם קֶער זִיךְ דֶר מֶענְטְשׁ
אֵיין רְאָיָה נֶעמֶן רַחֲמָנוּת צוּ הָאבֶּן אוֹיף זַיינִי קְרוֹבִים וֶועט אִים גָאט בַּצָאלֶן
זַיין שְׂכַר:
מַעֲשֶׂה אֵיין עוֹשֶׁר הָט גְזָאגְט צוּ זַיין זוּן אַז דוּא וֶועסְט נֶעמֶן דִי אִשָּׁה וֶועל
אִיךְ

איך דיר געבן אזו פיל געלט האט ער זיא גנומען דער נאך האט ער
אים ניט גוואלט אפ געבן דאס געלט וואס ער האט אים צו גזאגט האבן
ליט צו אים גזאגט דוא קענסט דיין פאטר לאדין צום בית דין אז ער
זאל דיר אפ געבן דיין געלט דען דו קענסט ניט לערנין דריבר ווייל דו
מוסט זוכין דיין פרנסה הט ער געענפרט איך וויל מיין פאטר קיין צער ניט
אן טאן . אוך טאמר וועט מען אים פסקינן איין שבועה אונ טאמר וועט
ער שווערן וועל איך אים גורם זיין איין קללה דרום קער דר מענטש
גווארינט זיין אז ער זאל זיך מיט זיין פאטר ניט לאדין מכל שכן אים ניט
צו לאזין שווערין :

מעשה עס איז גוועזן איין עושר אונ דם הויז גזינד פלעגין ביי אים גנבינן
געלט אונ זיין זון הט די זאך דר שפירט הט ער עס צו זיין פאטר
גזאגט הט ער אין אים אן גשריגן אונ זאגט עס איז ניט וואר האט דר זון
נפרעגט צום חכם אוב ער מעג ביי זיין פאטר גנבינן געלט אונ דם געלט
זאל ער לאזן ליגן ביי זיך אז דר פאטר וועט בדערפטיג זיין וועט ער עס
אפ געבן דען דער זון הט זיך גפארכטין אז דם הויז גזינד וועלן אים גאר
ניט איבר לאזין אונ דר נאך וועט ער זיך ניט האבין מיט עפיס צו מפרנס
זיין הט דר חכם גזאגט צו אים דו זאלסט זאגן צו דיין פאטר אז דו נעמסט
ביי אים הט ער גזאגט וויא קען איך זאגן צו מיין פאטר אז איך נעם ביי
אים דען אז איך וועל ביי אים נעמן הונדרט גולדן וועט ער אוף מיר זאגן
אז אלין וואס עס פעלט אים איז אלין ביא מיר הט דר חכם געענפירט
דו מוזט טאן די זאך וואס איך האב דיר גזאגט האט דער זון גיזאגט גאט
ווייסט אז איך גנבי ניט ביי מיין פאטר ווייל איך בדארף עס נייארט עס
זאל אים גוט זיין צום סוף דען איך וויים גווים אז ער וועט בדלות ווערן אונ
ווס וועט געביך מיין פאטר טאן אוף דר עלטר ער וועט מוזן גיין בעטלין
הט דער חכם געענפירט אז עס איז יוא אזו אז דו טוסט דיא זאך אז דיין
פאטר זאל גוט זיין טוסטו רעכט :

ולא אונ דר מענטש זאל ניט מאכן זינדיגן זיין פאטר נאך זיין טוט דהיינו
זיין פאטר הט גישריבן איין פירוש אוף איין ספר אונ דר זון ווייסט
אז דם פירוש הט ניט דר פאטר גימאכט נייארט איין אנדרר הט דם פירוש
גמאכט דר פאטר הט אים צוואה גלאזט אז ער זאל איין צייכנן אז דם פירוש
האט ער גמאכט כדי ער זאל איין שם האבן זאל דר זון דעם פאטערס
צוואה ניט פאלגן נייארט ער זאל אן צייכנין דעם פירוש אוף דעם נאמן
פון דעם חכם וואס ער הט עס טאקי גמאכט אזו וויא אונזרי חכמים האבן
גזאגט אוף דעם פסוק (לא תסיג גבול רעך אשר גבלו ראשונים) איז אזו דר פשט
אז אין דברי תורה וואס יענר האט גדרשת זאל איינר ניט זאגן פון זיינם
וועגן נייארט ער זאל עס זאגן פון זיין חברס וועגן עס שטייט (ואת יראי יי
יכבד) דאס איז טייטש דר ווס הט ירא שמים זאלסטו כבוד אן טאן כדי דיא

רייד

רייד פון די יראי שמים זאל זיין אן גנומן אזו וויא מיר געפינן אז שמואל הט כבוד אן גטאן צו מר עוקבא דאס האט גטאן פון וועגן מען זאל זאגן אז שמואל טוט אן כבוד צו מר עוקבא טוז זיין אז מר עוקבא איז אגרוסר תלמיד חכם דרומ׳ טוין מיר צו הערין דיא רייד אונ דיא משפטים פון מר עוקבא ווען דורך דעם כבוד האט דר חכם צער דהיינו דר תלמיד איז איין מופלג בתורה אונ ער וויל זיין רבי משמש זיין אונ דער רבי וויל דם ניט זאל דרתלמיד דאס ניט טאן דען זיין רבי הט דר פון צער:

ואם ווען איינר פר שטייט ניט קיין לשון הקודש אונ ער איז איין ירא שמים ער וואלט גגערין פר שטיין וואס ער איז מתפלל איז בעסיר אז ער זאל זיין תפלה טאן אוף דעם לשון וום ער פר שטייט דען די תפלה בדארף זיין אז דאס הארץ זאל פאר שטיין וום ער זאגט:

יש עס איז פר האנדין פיל זאכן וום דר מענטש טוט זיי אונ ער מיינט אז עס איז קיין עבירה ניט דרום זאל ער וויסן אז די זאכן וום איך וועל דא ווייטר שרייבן איז יוא איין עבירה דער כלל איז גאט ברוך הוא האט בשאפן איטליכן בשעפניש זיין בדערפניש דען מיר זעהן אז די עופות וואס האלטן זיך אין די וועלדיר אין די קלייני וואס ווערן גיבארן קענן זיך ניט רורין אונ ניט פליהן ווייל זייער מוטר פליהט אונ ברענגט צו זיי זייער בדערפניש אבר דיא עופות וואס האלטן זיך אין די הייזר ביי די מענטשן ווייל זייא קענן ניט פליהן צו זוכן זייער בדערפניש דרום וויא זייא ווערין גבארן גייאן זיי תיכף אוף זעהן מיר אז גאט האט בשאפין הערניר צו דיא בהמות וואס זענן טהור כדי זיי זאלן קעניין זיך ווערן אקעגן די חיות וואס זייא ווילן זיי פר ציקן אוף איז צו זיי דר ווידיל צו אראב טרייבן מיט אים דיא פליגן פון זיך דרום ביי איין אוקס חאטשי די הערניר גרייכן ניט איבר זיין גאנצין גוף ער זאל קענן מיט זיי די פליגן אראפ טרייבן דר קעגין איז דר ווידיל לאנג אבר איין ציג מיט אירי הערניר גרייכט זיא איבר איר גאנץ לייב דרום האט זיא איין קורצן ווידיל דרום ווען איינר שניט אפ דעם ווידיל פון איין פערד אודר פון אנדרי בהמות האט ער איין עבירה ווייל ער איז גורם איין צער צו דיא בהמות ווייל זיי קענן ניט טרייבן די פליגן פון זיך:

אחד איינר איז גקומן צו איין חכם אונ זאגט איך האב וויפל מאל מנדר גוועזן געלט צו צדקה אונ האב בצאלט ווינציגר געלט אונ אצונד האב איך חרטה דרוף נאר איך האב הייגט ניט צו בצאלן גייארט עס איז מיר גבליבן מיין הויז אונ איך האב קינדר דרום פרעג איך צוא איך בין מחויב מיין הויז אוועק צו געבן אונ מייני קינדר זאלין דר צו גאר ניט האבן הט דר חכם אים געענפרט צו דער זאך זאלסטו אום קלובן צווייא גטי לייט אז זיי זאלן דיר פר קופן דיין הויז מיט האלב געלט זאלן זיי מפרנס זיין דייני קינדר אונ מיט דעם איבריגן מפרנס זיין דיא עניים וואס אין דער שטאט זענין

אודר

אודר זיא זאלין מאכין דער פון צרכי צבור . דרום קער דער מענטש גוואורינט זיין אז ער זאל אפ געבין דיא צדקה וואס ער זאגט צו . איינר הט גמאכט צו זיין חבר איין טעות אין חשבון אונ הט ביי אים איבר גנומן געלד מער וויא עס איז אים גקומן אונ דער ווס הט איין טעות גהאט איז ער אוועק גגאנגן אין ווייטי לענדר אונ דער האט חרטה גהאט אונ האט גוואלט דס געלט אום קערין האט ער גפרעגט דעם חכם הט אים דר חכם געענפרט אוב ער הט דא גלאזט קינדר אודר קרובים זאלסטו זיי דעם טעות אום קערין אונ אוב ניט זאלסטו מאכין פר דעם געלט צרכי רבים . דרום זאל מען נזהר זיין יענים איין טעות ניט צוא מאכין . עס שטייט (והשיב את הגזילה אשר גזל) דס איז טייטש דוא זאלסט אום קערין די גזלה וואס דוא האסט גגזלת . אונ דס ווארט (אשר גזל) בדארף ניט שטיין נאר די תורה לערינט אונז אז דוא קערסט תיכף אום דיא גזילה בדארפסטו נאר אום קערין קרן . אבר אז דוא קערסט אום אין אלאנגי צייט ארום זאלסטו זיך ברעכנין וויא פיל דיין חבר וואלט גקענט מרויח זיין מיט דעם געלד זינט דוא האסט ביי אים גגזלת מוסטו אים אום קערין דס קרן מיט די רווחים אוך זאלסטו דרוף פאסטן אונ תשובה טאן אונ אז דוא וועסט אזוי טאן וועלין ווערין פון דייני עבירות זכיות . די תשובה וואס מיר שרייבין איז נאר צו דיא דאזיגי ווס ער גזילת ביי איינם אונ קערט אים אום אונ ער איז אים מוחל אבר ווען איינר גזילת ביי פיל לייט חאטשי ער טוט תשובה קומט דאך אוף אים איין עונש בעוה"ז ווייל פיל בעטן אוף אים איין נקמה אבר ער איז מקבל שכר פר דיא עונשים ווס ער הט בעוה"ז . אוך אי גוועזן איין מעשה איינר האט גגזילת געלט אונ הט דר מיט פיל פר דינט דר נאך הט ער חוזר בתשובה גוועזן אונ הט אפ גגעבין אפילו די רווחים . ווען איינר הט פר צייטן איין עבירה גטאן אום גערין האט ער גבראכט איין קרבן חטאת אונ דר ביא שטייט (וכפר עליו הכהן) דר כהן האט דיא עבירה מכפר גוועזן אבר ווען דר כהן גדול האט גטאן עפיס איין עבירה בשוגג שטייט ביי אים ניט (כפרה וסליחה) ווייל ער הט גמאכט איין חילול השם די וועלט וועט זאגין דר כהן גדול זאל דס טאן . דרום זאל מען גזהר זיין אין גזל עס זאל קיין חילול השם ניט ארום קומן :

כתיב חטאנו רשענו . דניאל האט מתודה גוועזן אונ הט גזאגט מיר ישראל האבין גזינדינט אונ האבן בייז גטאן חאטשי דניאל איז איין צדיק גוועזן אונ האט ניט גזינדיגט הט ער דאך זיך כולל גוועזן צווישן כל ישראל דען אלי ישראל זענין ערבות איינר פר דעם אנדרן דרום ווען איינר זינדיגט איז דער עונש אוף אנדרי אוך אונ דרום זאגן מיר (סלח לנו אבינו כי חטאנו) בעטן מיר איינר פר דעם אנדרין אוך אין דר וידוי פון יום כפור זאגן מיר (ועל חטאים שאנו חייבים עליהם סקילה שריפה הרג וחנק) חאטשי דר מענטש ווייסט אז ער איז ניט חייב איינם פון די פיר מיתות ווייל מיר זענן ערבות איינר

פר

פר דעם אנדרין אפשר הט יעניר עבירות גטאן ווס ער איז חייב דיא פיר מיתות דרום בעטן מיר פר כל ישראל

מה וואס רבי שמעון בן יוחאי הט גזאגט אז דיא צדיקים ווס גייאן אריין אין היכל השכינה זענין גאר ווינציג דאס איז נאר אין היכל השכינה אבר אין גן עדן איז דא פיל צדיקים. עס שטייט (ראשית חכמה יראת יי) דס איז טייטש דאס ערשטי פון חכמה איז דיא יראה פון גאט דס מיינט דר פסוק ווען דר מענטש לייגט זיך שלאפין גייט זיין חכמה פון אים אוועק אונ וויא באלד ער כאפט זיך אויף קערט זיך דיא חכמה אום ווידר צו אים דרום זאגט דר פסוק (ראשית חכמה) דר אן הייב פון זיין חכמה ווען זיא קומט צו אים אין דער פריא זאל עס זיין יראת יי ער זאל דעם נאמין פון גאט תיכף היילגן אונ זאל זאגין (שמע ישראל יי אלהינו יי אחד) אויך ווען ער גייט צום בעט שלאפין זאל ער זיך אין זייני גדאנקין נעמין וויא אזו דיא וועלט פירט זיך אז עס איז גלייך הבל וויא פיל עשירים זענין גוועזן וואס פאר זייער לעבין האבין זייא אגרויסין שם גיהאט אונ עס איז שוין פאר געסין גווארין זייער גאוה נאך זייער טויט אונ מען גדענקט שוין גאר ניט אין זייא אונ וויא פיל גבורים זענין גוועזן אונ זייער גדעכעניש איז שוין פר געסן גווארין פון דיא מענטשין אויך וויא פיל חכמים וואס זייער שם איז גגאנגן אין אלי לענדער אונ זייא ווערין אצונד ניט גדאכט אונ דרום ווען איין צדיק אונ איין רשע אונ איין חכם אונ איין עושר אונ איין גבור ווערין אלץ פאר געסין זאל זיך דער מענטש בדענקין ווען ער האט אויך איינס פון דיא מעלות וועט זיך עס צום סוף פאר געסין ווערין דרום זאל ער זיין גאוה פאר לאזן אונ זאל זיך בהעפטן אין תורה ומעשים טובים וועט אים זיין וואל לעולם הבא:

כן אדם דיא לייט ווס זענין אויף איין שיף אונ עס שטייט אויף איין שטורם ווינט אויף זייא טארין זייא קיין גורל ניט ווארפין אויף וועמין דער גורל וועט גיפאלין זאלין זייא אים ארין ווארפין אין ים אריין חאטשי זיי האבן אויף יונה הנביא יוא גורל גווארפן איז דער טעם גוועזן ווייל אלי שיפן זענן גגאנגין בשלום אונ דיא שיף וואס יונה הנביא איז אין איר גוועזן איז דער שטורם גיוועזן דרום האבין זייא גמוזט גורל ווארפין אבר ווען דער שטורם איז אין אלי שיפין טאר מען ניט קיין גורל מאכין אויך איז ניט רעכט קיין גורל ווארפן אויף צווייא חלקים וואס זענין ניט גלייך אונ דרום דיא צווייא ציקלך וואס מען הט אום יום כפור אויף זייא גורל גווארפן זענן ביידי גלייך גוועזן איין הייך מיט איין גשטאלט אונ איין געלט האבן זיי גקאסט. ווען איינר איז מתפלל אונ ער איז מהרהר בדברים בטלים אונ קען זיך פון זיין זינן ניט ארוס שלאגן דיא דברים בטלים זאל ער טראכטין אין דברי תורה ווען אין דר שמונה עשרה פאלט אים אריין איין טעם פון דברי תורה אונ אז ער וועט זיין דעה געבן אויף דר תפלה וועט ער פאר געסין דעם

טעם

טעם זאל ער ליבר זיין הארץ טאן אוף דר תפלה:

המתפלל ווען איינר איז מתפלל אונ איין ספר פאלט פאר אים אראפ אוף דר ערד אונ עס הארט אים זאל ער דאס ספר אוף הייבן אונ זאל ווייטר דאבינן וויא ער האלט. ווען איינר שרייט אין שול אז דאס קהל זאלן אים טאן איין משפט אונ ער האלט אוף דיא תפלה זאל דר מענטש ליבר גיין אין הוז אונ זיך זעצן לערנן אונ ווען מען בדארף גיין צוא איין שררה זאל ער בעסר ביחידות מתפלל זיין דען טאמר וועט דר נאך קיין צייט ניט האבן מתפלל צוא זיין ביז דיא צייט פון תפלה וועט איבר גיין אבר איינר וואס ער איז אין קהל קען ניט זאגן ווייל מען איז מעכב דיא תפלה וועל איך מיך דר וויל זעצן לערנין דען ווייל ער איז פון קהל קען ער ווערן אז מען זאל ניט פאר האלטן דאס דאבינן אבר אז מען האט אפ גליינט אין דר ספר תורה לאזט ער ניט ארין זעצן דיא ספר תורה אין דעם ארון הקודש ביז מען וואלט אים געבן איין משפט טאר קיין מענטש ניט ארוס גיין אין הוז לערנין נאך דעם דאבינן דען עס איז ניט רעכט ארוס צו גיין פון דר שול כל זמן דיא ספר תורה איז ניט ארין געזעצט אין ארון הקודש אבר ווען ער בדארף גיין זיין צורך צו טאן מעג ער יוא גיין. אדם ווען איין מענטש וויל עפיס טאן אונ ער וויל אז קיינר זאל ניט זעהן טאר ער ניט פר שטעלן מיט קיין ספר. מען זאל ניט בהאלטן קיין פאפיר אין איין ספר אונ אוך איין קונטרס וום דרוף שטייט גמרא טאר ער ניט בהאלטין אין קיין חומש אודר אין איין עשרים וארבע דעסט גלייכן פאר קערט טאר מען אוך ניט.

אוך טאר מען קיין חשבונות אודר איין פען פרובין אוף אין ספר:

מעשה איין חסיד פלעגט צו האבן צוויי קאסטין אין איינם הט ער גהאלטן תורה שבכתב אונ אין דעם אנדרן תורה שבעל פה דען די תורה שבכתב הט אין זיך מער קדושה דרום הט ער זייא ניט גליינט אין איינם. איינר האט גלייגט איין גמרא אוף אייז חומש האט מען אים גפרעגט וויא טאר מען לייגן תורה שבעל פה אוף תורה שבכתב. האט ער געענפרט איך טוא דאס כדי דער שטוב זאל ניט פאלין אוף דעם חומש דען דער חומש האט אין זיך מער קדושה אוך טאר מען ניט לייגן קיין עסין ווארג לעבן ספרים דען דיא עכברים וועלן דיא ספרים צוא עסין:

איין ספר וום מען פאר מאכט אים מיט העקליך אז ער קען זיך ניט צוא שפילן טאר ער ניט צוא שטיפן מיט זייני קניא. עס זאל זיך ניבער צוא שפילן. ווען איינר שטארבט אונ לאזט צו זייני קינדר ירושה איין ספר אונ איין דבר מאוס טאר איינר ניט זאגן צום אנדרן נעם דיא דאס ספר אונ איך וועל נעמין דאס דבר מאוס דען עס איז ניט רעכט אז איין דבר מאוס זאל זיין איין חלק אקעגין איין ספר. ווען איינר וויל זיך לייגן שלאפן אונ ספרים ליגין ניט ווייט פון אים זאל ער דיא ספרים צוא דעקן. איינר פלעגט תמיד צוא זעצין זיין קינד אוף דעם טיש וויא ספרים זענין אוף

אים

אים גלעגן אמאל האט זיך דם קינד צוו שניטן זיין האנט מיט איין מעסיר וואס ער איז גלעגן אוף דעם טיש האט דער פאטר גזאגט נאט איז גרעכט וויל איך האב גלאזט טרעטין אוף דעם טיש דיא ספרים זענין אוף אים דרום איז אים דאס גקומן. ווען עס פאלט אראפ צווייא ספרים אוף דער ערד אונ ער הייבט אוף דם ערשטי ספר זאל ער עס ניט קושין ביז ער הייבט אוף דאס אנדרי. אז עס פאלט אראפ ספרים מיט גאלד זאל ער פריר אוף הייבן דעם ספר אונ דער נאך דאס גאלד דעסט גלייכין אז ער בדארף מציל זיין פון פייאר אודר פון וואסר זאל ער פריר מציל זיין דיא ספרים אונ דער נאך זיין געלט ווען ער זעהט איין ספר וום דרינן איז דא גרייזין זאל ער ניט זאגן דאס ספר איז מער ניט ווערט נאר מען זאל עס פאר ברענן נאר ער זאל זאגן מען בדארף עס בהאלטן:

מעשה איינר פלעגט זאגן אלי ספרים וום אין זיי איז דא גרייזין קער מען זייא צוא פר ברענן אמאל איז גקומן איין שריפה אין זיין הויז אונ דארט איז גוועזן פיל ספרים וואס מענטשן האבן בייא אים איין גלייגט הט מען אלי ספרים מציל גוועזן אונ זייני ספרים האט מען ניט גקענט מציל זיין אונ זייא זענין פר ברענט גווארין האט איין חכם צוא אים גזאגט איך האב דיר שון פיל מאל גווערט אז דוא זאלסט ניט זאגין מער קער די ספרים וום אין זייא איז דא גרייזן צו פר ברענין. דר וואס וויל קופין ספרים אונ מען וויל בייא אים זייער טייאר זאל ער ניט זאגן זייא זענין דם ניט ווערט נייארט ער זאל זאגן אזו פיל גיב איך:

ראובן ווען ראובן וויל פר קופין ספרים אונ שמעון זיין ברודר וויל זיין קופן אונ ראובן ווייסט אז שמעון וויל ניט אנטלייאן קיין ספרים צוא קיינם אוף לערנין זאל ער זייא בעסיר פר קופן צו אפרעמדין וואס ער וועט זייא יוא אנטלייאן. וועד עם לערנט אוף דר וועלט מפרשי תורה וועט ער לעתיד לבא זוכה זיין צו זיצין מיט דיא חכמים ווס האבן גלערינט אוף דר וועלט דיא מפרשים. אוך דער ווס לערנט דא פסוק אודר משניות אודר אגדה וועט איטליכר זיין מיט זיין גלייכין דרום גהער דער מענטש אלץ צוא לערנין:

תלמיד אחד איין תלמיד האט צוא זיין רבי איין קשיא גפרעגט האט דער אנדרר תלמיד גזאגט צו דעם תלמיד ווען וועסטו שווייגן דען איך וואלט אוך גיגערן עפים צוא פרעגין הט דר רבי גענפערט צו דעם תלמיד זייא קלוג אונ שווייג דען ווען דוא וועסט שווייגין אזו וועסטו הערן וואס דער תלמיד פרעגט אונ וועסט אוך הערין וואס איך וועל אים ענפרן. אונ דר נאך וועל איך דיר דיין קשיא אוך פר ענפרן: ווען דר רב דרשית אונ דר תלמיד האט אים עפים צוא פרעגן אוף דער דרשה ווען דער תלמיד ווייסט אז דער רב וועט זיך משמח זיין מיט זיין קשיא זאל ער אים פרעגן

און אויב ניט טאר ער אים ניט פרעגן דען טאמר ווערט ער ניט וויסן אים וואס צוא ענטפרין ווערט ער מבויש ווערין:

מעשה איין תלמיד הט גהאט איין שווער לשון ווען ער הט גרעט האט ער גשטאמלט פלעגן דיא תלמידים פון אים לאכין האט דר רב גזאגט צוא אים ווען דוא ווערסט מיך וועלין עפיס פרעגין זאלסטו מיך פרעגין אז קיינר ווערט ניט זיין אודר זאלסט דיר די קשיא אויף שרייבין אונ זאלסט מיר ווייזן וועל איך זיא דיר פאר ענטפרין. איינר וואס ער איז איין חריף אונ קען זיך וואל מפלפל זיין זאל ער ניט גיין צום רב בשעת ער לערינט דעם שיעור הלכה מיט זייני תלמידים ווען ער ווייסט אז דער רב איז ניט אזו אגרוסיר חריף וויא ער אונ דר רב האט בושה דען ער זעהט אז ער שטייט בייא דעם שיעור וואס ער זאגט צוא זייני תלמידים:

אל דר מענטש זאל בייא זיך ניט מגדל זיין אזו איין יתום וואס ער הט ליב רכילות זאגן אויך זאל דער רב ניט נעמין צוא זיך איין תלמיד ווס ער רעט לשון הרע דען וויא זיי זענין איז דארט קיין שלום ניט דעסט גלייכין איין עבד אודר איין שפחה ווס זייא זאגין רכילות זאל מען ניט האלטין אין הוז. איין מענטש וואס לייט זענן בייא אים גוויינטליך אין הוז טאר ער קיין מלמד ניט זיין דען זייא וועלן אים מבטל זיין פון דעם לערנין אונ ער ווערט זיין שכירות נעמין אום זוסט דרום זאל דר מלמד ניט אויף שטיין פר זיך צו לערנין דען טאמר ווערט ער שלעפריג זיין בשעת לערנין מיט דיא תלמידים ווערט ער מבטל זיין מלאכת שמים דעסט גלייכין ווען עס איז בייא איינם דא איין שכר יום דהיינו ער דינגט איין פועל אונ צאלט אים אויף דעם טאג טאר איינר ניט קומן אין זיין הוז אונ זאל מיט אים ריידן דען ער איז אים מבטל פון דר מלאכה:

אשרי משכיל אל דל. דוד המלך ע"ה האט גזאגט וואל צו דיא לייט וואס טוען קליגין אונ געבין אכטונג אויף דעם חולה ווס ער בדארף אונ לאזין אים ניט אפ אונ חאטשי דר חולה איז איין עושר ווס ער בדארף ניט מען זאל אים העלפין מיט געלט מוז מען אים פארט מבקר חולה זיין חאטשי זייא זענין זיך דר מיט מבטל פון זייער לערנין דען אז ער איז עוסק אין איין מצוה איז ער פטור פון דר אנדרר מצוה אזו וויא עס איז גוועזן איין מעשה איין תלמיד חכם איז גזעסן אונ הט גלערינט איז גקומן צו אים איין אלמנה אונ האט אים גבעטן אז ער זאל איר גיין קופין איין זאך וואס ער איז דרוף אגרוסר מבין גוועזן. האט ער צו איר גזאגט וויא אזו זאל איך מבטל זיין מיין לערנין אונ גיין קופין דיר דיא זאך. האט איין זקן צו אים גזאגט ביסטו בעסר דען פון רבן גמליאל מיט רבי יהושע ווס זייא האבין מבטל גוועזן זייער לערנין אונ זענין גגאנגין קויפין איין בהמה צו דר חתונה פון דעם זון פון רבן גמליאל אזו אויך מעגסטו גיין קופין דוא זאך צו דר אלמנה ווס זיא בעט דיך ווייל דו ביסט דרוף איין

מבין

מֵבִין אוּנ דוּא וֵועסְט וֶועלְווִילֶר קוּפִין אִיז דָם גֶרֶעכִינְט אֵיין צְדָקָה אוּנ פַר דֵיין טִירְחָא וֶועט דִיר גָאט בַּצָאלִין דְרוּם מֶעגְסְטוּ מְבַטֵל זַיין דֵיין לֶערְנֶען צוּ גֵיין אֵיין מִצְוָה טָאן אַזוּ אוֹיךְ זָאל דֶר לַמְדָן נִיט זָאגֶן וִויא אַזוּ זָאל אִיךְ מִיךְ מְבַטֵל זַיין פוּן מַיין לֶערְנִין אוּנ זָאל גֵיין מְבַקֵר חוֹלֶה זַיין בַּיְיאֶרְט עֶר מֶעג מְבַטֵל זַיין צוּ אֵיין מִצְוָה צוּא גֵיין בִּפְרַט דִיא מִצְוָה גֵייט אַרוּם אוּף אַלִי מֶענְטְשִׁין אַז עֶר וֶועט גֵיין צוּא יֶענִים אוּנ אַז חָלִילָה עֶר וֶועט שְׁלַאף וֶוערִין וֶועט מֶען צוּ אִים אוֹיךְ גֵיין . אוּנ אִין דֶעם זְכוּת וֶועט גָאט ב"ה אִים אָפ הִיטֶן פוּן אַלִים שְׁלֶעכְטְץ : אוּנ עֶר וֶועט גֶרֶעכִינְט וֶוערִין צְוִוישִׁין זַיינִי חֲסִידִים אָמֵן :

# תושלבע